STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02953

GEKLIBENE SHRIFTN

Saul Silber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע שריפטן

פון

הרב שאול זילבער

שיקאגאָ, איללינאָיז, תשי"א

J. S. Hoffman Memorial Library
Congregation Rodfei Zedek
5200 Hyde Park Boulevard



הרב שאול בר׳ אהרן מיכאל זילבער (תרמ״א־1881—1946־תש״ו)

לזכר אמנו מורתנו

הרבנית שרה בת ר' חיים משה הכהן זילבער ע"ה

צנועה בהליכותיה, מצוינה במעשיה,

נופת תטפנה שפתיה, זכרה קדוש בפי מעריציה,

נפטרה כ"ו אלול תש"ט

בנה ובתה המתאבלים עליה:

חיים הרצל זילבר

אסתר (זילבר) קאפשטיין

דאַטען צו הרב זילבערס ביאָגראַפיע

1881 — געבאָרן אין אַלעקסאַנדראָווסק, קאָוונער גובערניע, אַמאָ־ליקע ליטע. זון פון אהרן מיכל און מיני־דבורה (שור) זילבער.

1884 — משפחה וואַנדערט אַריבער קיין דווינסק.

1891 — הויבט אָן לערנען אין דווינסקער ישיבה ביי הרב ר' יום טוב ליפּמאַן און הרב ר' נחום פּעפּערמאַן ז"ל.

1898־1900 אין באַרימטער לידער ישיבה פון ר' יצחק יעקב ריינעס ז"ל, גרינדער פון מזרחי.

1900 — עמיגרירט קיין אַמעריקע.

1903, אָקטאָבער — הייראַט מיט שרה קאַפּלאַן פון דווינסק, אין ניו־יאָרק.

1904־1910 — גייסטיקער פירער אין קאָלומבוס, אָהייא, און נאָכ־הער יונגסטאַן, אהייא.

1905 — ווערט אַ סיטיזען פון די פאַרייניקטע שטאַטן.

1910 — ר"ה תרע"א ווערט גייסטיקער פירער פון „אוהבי שלום" שוהל אין שיקאַגא.

1912 — העלפט שאַפן די שיקאַגער אָרטאָדאָקסישע „פעדעריייטעד טשאַריטיס".

1913 — דירעקטאָר אין „מאַימאָנידעס" האָספּיטאַל, נאָכדעם „מט. סיני".

1914 — דירעקטאָר פון מאַרקס נייטהען „בית מחסה ליתומים״.

1916 — „אוהבי שלום״ פאַרייניקט מיט „אנשי קאַלוואַרי״ שוהל און פון דאַן אָן באַקאַנט אַלס „אנשי שלום״ שוהל.

1917 — יוני 1 — ווינקלשטיין געלייגט פאַר נייער „אנשי שלום״ שוהל אין לאַנדעיל געגענט, אויף האָמאַן עוו. און דאַגלאַס בלווד.

1917 — נאָוו. 9 — חנוכת הבית פון דער נייער שוהל. גרויסע תלמוד תורה, עברית בעברית, ווערט דאָרט איינגעאָרדנט.

1918 — ביי גרינדונג פאַרזאַמלונג פון „אַמעריקאַנעם יידישן קאָנ־גרעס, אויך אין 1923.

1919 — עקזעקוטיוו מיטגליד פון סענטראַל רעליף פון אַמעריקע. אין עקזעקוטיוו פון דענווער סענאַטאָריום. עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון מזרחי אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

1920 — באַטייליקט זיך אין „אינטער־אַלייעד״ קאָנפערענץ פאַר ציון, גערופן פון דר. חיים ווייצמאַן אין לאָנדאָן.

1921 — מיטגליד עדיוקיישאָן קאָמיטע שיקאַגע.

1922 — ווערט פרעזידענט פון בית מדרש לתורה, פאַרבלייבנדיק אין זעלבן אַמט ביזן סוף פון זיין לעבן.

1923 — וויים־פרעזידענט — קרן היסוד, שיקאַגע.

1925 — מאַרטש 22 — ווינקלשטיין פון נייער „אנשי שלום״ שוהל אויף פאָלק און אינדעפענדענס בלווד.

1926 — פעברואַר 21 — חנוכת הבית פון פראַכטפולער „אנשי שלום״ שוהל.

הרב זילבער באַקומט אַ לעבענסלאַנגן כתב רבנות.

1928 — מיטגליד פון דער „אידישער אַגענטור״ אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעט.

1929 — באַטייליקט זיך אין ציוניסטישן קאָנגרעס אַלס מזרחי דעלעגאַט. ווערט מיטגליד אין דער „אידישער אַגענטור״.

1935 — דעצ. 8, גרויסע שיקאַגער פייערונג צום 25־יאָריקן יובי־לעאום פון זיין רבנות־אַמט אין שיקאַגע. צו דער געלעגנהייט דערשיינט אַ גרויסער „ספר היובל״ מיט מאמרים אין חכמת ישראל אינטערן טיטל „גבעת שאול״, מיט וועלכן ער ווערט פּרעזענטירט ביי אַ גרויסן באַנקעט.

1940 — ביי דער ערשטער זיצונג פון „אַמעריקאַן דזשואיש קאָנ־פערענץ״ אַלס אויסדערוויילטער פון שיקאַגע.

1945 — דעצעמבער 6 — פּערזענלעכע באַגריסונג פון פּרעזידענט טרומאַן צו הרב זילבער צו דער 75 יאָריקער פייערונג פון „אנשי שלום״.

1946 — סעפּטעמבער 1, ה׳ אלול תש״ו — הויכט אויס זיין נשמה, אַ פּאָר טעג נאָך צוריקקער פון לאָס־אַנגעלעס, פון וואַנען ער איז גע־קומען מיט פילע נייע פּלענער פאַר דער צוקונפטיקער אַרבעט פון בית המדרש לתורה.

אינהאַלט:

נאָך ווען מיר בייינקען—הרב כתריאל ליפּמאַן־מישקין — — — — 14
דער מענטש—דער „שליח־צבור״ פון דער בריאה — — — — — — — — 21
דער מענטש—ער באַרגט אַ סך און צאָלט ווייניק — — — — — — — 30
די לייכטסטע־שווערסטע מענטשלעכע מלחמה — — — — — — — — 39
און דאָך דאַנקען מיר דיר—אַ ג־ט! — — — — — — — — — — — — 48
דיין תפלה און זיין בקשה — — — — — — — — — — — — — — — 67
וועגן וואָס פירן צו אים — — — — — — — — — — — — — — — — 71
איך האָב נאָך מיין גלויבן אין דיר, מענטש, ניט פאַרלוירן — — — — 79
נייך, דו ביסט ניט עלנט — — — — — — — — — — — — — — — 88
זאָג ניט, אַז דו ביזט גאָרנישט — — — — — — — — — — — — — 97
אויפ׳ן שיידוועג — — — — — — — — — — — — — — — — — — 105
נאָדוועמען איך וועל בייינקען — — — — — — — — — — — — — — 115
שקלאַף און פרינץ אין „גלות מצרים״ — — — — — — — — — — — 125
הרב קוק—דער גאָט־דורשטיקער מאַן פון אונזער דור — — — — — — 136
דער „חפץ חיים״ — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 144
ראָגאַטשאָווער גאון—דער פילפאָכיקער „חד בדרא״ — — — — — — 152

העברייאישע אָפּטיילונג:

הרמב״ם, „רבנו״ ההיסטורי של ישראל — — — — — — — — — — — 167
הרב אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל—מרנן לדורות — — — — — — — — 172
החפץ חיים זצ״ל—מופת דורנו — — — — — — — — — — — — — — 178

נאך ווען מיר ביינקען

פון

הרב כתריאל ליפמאַן מישקין

•

אַן אָפּשאַצונג פון אַ רבין ביי זיינעם אַ תלמיד

מ'איז שוין פיר יאָר זינט די פאָרמאַלע הספדים! ס'איז שוין אַפילו נאָך דער "מצבה שטעלונג". דער טומל וואָס האָט געהערשט די ערשטע פאָר יאָר נאָכדעם ווי די שרעקלעכע נייס פון הרב שאול סילבער'ס טויט האָט זיך פאַרשפרייט אין שטאָט און אין לאַנד, איז שוין אַיינגעשטילט געוואָרן. גראַדענווייז ניכטערן מיר זיך אויס פון דעם טשאַד וואָס האָט אונז אַלעמען געפּלעפּט ווען די שרעקלעכע ביטערע נייס איז אונז אָנגעזאָגט געוואָרן. אפשר איז די קלעמעניש פון הארץ אויפן גרויסן פאַרלוסט אויך מיט דער צייט געלינדערט געוואָרן. אָבער די בענקשאַפט נאָך הרב שאול סילבער, די פוסטקייט און דער חלל וואָס זיין אַוועקגיין האָט איבערגעלאָזן, דעם ליידיקן פּלאַץ אין בית המדרש לתורה, אין דער געמיינדע, אין לאַנד, אין לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע, אידישע און אַלגעמיינע אונטערנעמונגען און שטרעבונגען, אין די רייען פון אידישע עסקנים און טוער, וואָרט־זאָגער און פירער, דערמוטיקער און גייסטיקער פאַרזאָרגער — ווען זייער בייַנקען.

בכדי חנטו חנטייא
בכדי ספדו ספדייא

מיר בייַנקען נאָך הרב שאול סילבער, דער מענטש מיט דער גרויסער אָפּענער האַרץ, וואו ס'האָבן געפונען פּלאַץ אַלע שיכטן פון פאָלק, פון

אָרטאָדאָקסיע ביז די לינקערע, פון מזרחי ביז די נישט רעליגיעזע צוויניס־טישע גרופּען, וועלכער איז געווען ליבליך צו אַלע סאָרטן אידן וועמען ער האָט עלעקטריפיצירט מיט זיין מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט, מיט זיין גוט־מוטיקן שמייכל, מיט זיין הומאַניסטישן הומאָר, מיט זיינע צאַרטע מאַניערן, מיט זיין סימפּאַטיזירן מיט די פּערזענלעכע ליידן פון יעדן מענטש וואָס איז געקומען צו אים, מיט זיין גרייטקייט צו העלפן יעדן איינעם וואָס האָט זיך געווענדעט צו אים, און פיל מאָל אויך קעגן זיינע אייגענע פּרינציפּן. מיר וועלן בענקען נאָך הרב שאול סילבער דעם מענטשנפריינט.

מיר בענקען נאָך דעם פּרעזידענט פון בית מדרש לתורה, וועל־כער האָט פּאָר פינף און צוואַנציק יאָר געהאַלטן שטאַרק אין זיינע הענט דעם רודער פון אַ תורה אינסטיטוציע וואָס איז געווען ניי, און דאָך אַלט, אויפן אַמעריקאַנישן באָדן וועסט פון ניו־יאָרק. פאַר אַ גאַנצן דור איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ אויף צו פאַרפעסטיקן, פאַרפלאַנצן, פאַרשפּרייטן תורה אין דעם אמת'ן טראַדיציאָנעלן זין ווי אין די היסטאָרישע ישיבות, און דאָך זאָל דאָס געגעבן ווערן אין אַזאַ אויסערלעכן לבוש אַז עס זאָל ניט זיין אויסטערליש אין אַזאַ אינדוסטריעלן ציוויליזאַציע־קאָמפּליציר־טען, פּראַגמאַטיש־דורכגעזאַפּטן לאַנד ווי אַמעריקע. ווי אַ געניטער שיפס־קאַפּיטאַן האָט ער קונציק און פאַכמעניש געפירט זיין שיף — אָפּטמאָל פינאַנציעל שוואַך און ליידיק — צווישן די ברויזנדיקע כוואַליעס פון רעכטס און לינקס. פון איין זייט האָט מען געשטורעמט אַז דער בית המדרש לתורה האָט עפּעס מער ווי די אַלטע ישיבה — מ'לערנט חכמת ישראל, ס'זיצן דאָרט פּראָפעסאָרן, מ'לערנט העברעאישע ליטעראַטור אַלס צו־גאָב צו ש"ס און פּוסקים, די תלמידים ווערן דערמוטיקט צו באַזוכן דעם אוניווערזיטעט, ס'פעלט קנאות, ס'פעלט מוסר. פון רעכטס און פון לינקס האָבן די כוואַליעס געברומט אַז די ישיבה פון שיקאַגאָ איז ניט גענוג אַמע־ריקאַניש, מ'לערנט צו פיל גמרא, מ'שלאָפט מיט יורה דעה, מ'פלאַנצט איין צופיל תלמוד'ישע אידעאָלאָגיעס, די מוסמכים זיינען צו טראַדיציאָ־

נעל און העכסט רעליגיעז געשטימט. מ׳האָט פון לינקס געשטורעמט אַז דער בית מדרש לתורה ווערט אַ פעסטונג פון מזרח אייראָפּיאישער אָר־טאָדאָקסיע בנוסח אַמעריקע, ער קעמפט צו פיל קעגן רעפאָרם און קאָנ־סערוואַטיוון אידנטום, די מוסמכים פון אַנשטאַלט פאָדערן אויף זייערע שטעלעס די הערשטעלונג פון אַלע אידיש־רעליגיעזע אינסטיטוציעס ווי אַ מאַקסימום חנוך, כשרות, טהרת המשפחה, שבת, לימוד התורה א. ז. וו., א. ז. וו.

און צווישן די צוויי געגנגעזעצטע ריכטונגען איז הרב שאול סילבער געלונגען צו פירן זיין ליבלינג אינסטיטוציע. ווי אַ געניטער און געשול־טער דיריגענט האָט ער פאַרשטאַנען אין וועלכע פּראָפּאָרציעס צו מישן קנאות מיט טאָלעראַנץ, ווען מ׳דאַרף שטעלן דעם טראָפּ אויף אַלטמאָדישן נוסח פון לערנען תורה, און ווען מ׳דאַרף מדגיש זיין די פאָדערונגען פון דער צייט און דער סביבה און מ׳מוז אויך אַריינציען וועלטלעכקייט, מאָ־דערנע שטרעמונגען, באהאוונטקייט מיט אַלע טענדענצן און שאַטירונגען וואָס מאַכן דעם אידישן לעבן אַזוי קאַלירפול, קעמפעריש, אינטערעסאַנט, אָבער אויך שווערער.

כאָטש הרב שאול סילבער איז אַליין ניט געווען אַקאַדעמיש געשולט, און טראָץ דעם וואָס ער איז אַוועק פון די אַלטע גרויסע ישיבות יונגער־הייט, האָט ער מיט זיין אינטואיציע דערוואָרבן דעם פאַרשטאַנד און סימ־פּאַטיזירונג, די טערמינאָלאָגיע און טענדענצן סאַי פון די געשולטע גע־לערנטע סאַי פון די גרויסע לומדים, תלמודישע אויטאָריטעטן. ער איז ניט געווען אייגנהאַרציק, צר עין אויף קיין געביט. ער איז געוואָרן דער אַרבי־טראַטאָר, דער בורר, דער מפשר צווישן די פאַרשידענע שטראָמען וואָס רעאַגירן אין דער לומדיש וויסנשאַפטלעכער וועלט בנוגע די פּראָגראַם, צילן און צוועקן פון אַ תורה אַנשטאַלט אין אַמעריקע. און נאָך דעם הרב שאול סילבער וועלן מיר בייַנקען.

מיר ווע̄לן בענקען נאָך דעם מאַן וואָס האָט איבערגעלאָזן הינטער זיך אַן אַרמיי פון הונדערטער אידישע פירער — ניט נאָר רבנים — אויפן געזעלשאַפטלעכן רעליגיעזן און פילאַנטראָפּישן געביט. אין די טויזנטער יונגעלייט וואָס האָבן באַזוכט דעם בית מדרש לתורה האָט הרב סילבער געוואָלט איינפלאַנצן ניט נאָר וויסן אין תורה, נאָר אַ ל י ב ע צו תורה, און אַ גרייטקייט מקריב זיך צו זיין פאַר תורה, ניט נאָר נאַציאָנאַלן שטאָלץ, נאָר באַטייליגונג גראַדע אין דעם רעליגיעזן פליגל פון דער אי־דישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, ניט נאָר לעבן אַליין אידיש, נאָר קעמפן קעגן שעדלעכע טענדענצן וואָס פאַרוואַסערן און רייבן אַוועק דעם אידיש־קייט קאליר פון אידישן לעבן. די לעבעדיקע מאָנומענטן פאַר די אידעאָלאָגיע און פּרינציפּן פון הרב שאול סילבער, געפינען מיר היינט צו טאָג אין די רייען פון טראַדיציאָנעלן ראַבינאַט אין אַמעריקע. אין די פירער פון דער הלל פאונדיישאָן, אין די פאַרשידענע אוניווערזיטעטן פון לאַנד, אין דער מזרחי און הפועל המזרחי באַוועגונג פון אַמעריקע, אין הונדערטער חנוך אינסטיטוציעס איבער גאַנץ אַמעריקע, אין די הונדערטער געמיינדעס פון לאַנד וואו אַמאָליקע בית המדרש לתורה תלמידים איבן אויס, אלס בעלי בתים און פּראָפעסיאָנאלן, אַ קאָנסטרוקטיווע השפעה. מיר ווע̄לן בענקען נאָך הרב סילבער דעם מדריך, דעם משפיע און לערער פון אַ גאַנצן דור.

מיר בענקען אויך נאָך הרב שאול סילבער, דעם אַלגעמיינעם אַלזייטיקן מענטש וואָס האָט ניט באַגרענעצט זיין טעטיקייט נאָר אויף ריין רעליגיעזע געביטן. ער איז געווען דער אידישער טריביון וואָס האָט מיט שטאָלץ און גרויס ווירדע רעפּרעזענטירט זיין פאָלק אין דער גרויסער וועלט. מיט זיין באַהאַונטקייט אין אַלעס וואָס באַלאַנגט צו דער מענטש־הייט, בשעת ער פלעגט אויפטרעטן אויף אַלגעמיינע וואוילטעטיקע, פי־לאַנטראָפּישע, פּאָליטישע און פּאַטריאָטישע פאַרזאַמלונגען, ווען ער פלעגט זיך באַטייליקן אין שטאָטישע באַראַטונגען. מיט זיין חכמה און ענערגיע

האָט ער רעפלעקטירט כבוד און פרעסטיזש, אַכטונג און ערע צום אָרטאָדאָקסישן אידנטום. נאָך מיט 35 יאָר צוריק, נאָך זיין ערשטן אָנקומען אין שיקאַגאָ, ווען דער מושל בכיפה אין שטאָט איז געווען דער רעפאָרם ראַבינער עמיל דזש. הירש, איז הרב סילבער געווען דער ערשטער צו "טשאַלענדזשן" דעם טעות אַז נאָר רעפאָרם ראַבינער קענען זיין די פאָרשטייער און רעדן אין נאָמען פון אידישן פאָלק. מיט זיין ראַפינירטקייט, מיט זיין צופאַסן זיך שנעל צו די מאַניערן פון לאַנד, מיט זיין שנעל אַמעריקאַניזירן זיך, מיט זיין העלפן שאַפן אַ סעפּאַראַטע אידישע טשאַריטי, אַ מיימונידעס האָספּיטאַל, און שפּעטער דעם מט. סיני האָספּיטאַל, מיט זיין אָפּרוף אויף אַלע קאַמפּיינס אין שטאָט, האָט ער רעהאַביליטירט די אָרטאָדאָקסיע אין שיקאַגאָ. און די גרויסע וועלט האָט ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צו באַנעמען אַז רעפאָרם אידישקייט איז נאָר אַ קליינער פּראַגמענט פון אידנטום אין שטאָט. היינט איז דאָס שוין אַן אַקסיאָמע. מיר וועלן בייבקען נאָך הרב סילבער דעם געניאַלן אידישן פאָרשטייער.

מיר לעכצן אויך, מיט פאַרדרוס און טרערן, נאָך הרב סילבער דעם גייסטיקן פירער פון דער אנשי שלום שול, וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר אַ מאָדעל און דוגמא, ווי הערלעך שיין, ווי גייסטיק הויך, ווי געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, ווי געמיינדע וואַך, ווי נאַציאָנאַל דערהויבן, און ווי עסטעטיש איידל אַן אָרטאָדאָקסישע שול געמיינדע קען זיין און דאַרף זיין. אונטער זיין פירערשאַפט איז די אנשי שלום שול געוואָרן די אויסשטייענדסטע אין אַ שטאָט פון 350 טויזנט אידן. די אינטעליגענטסטע אידן פון שטאָט זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו דער אנשי שלום שול. אויף אַלע טעטיקייטס געביטן—רעליף, נאַציאָנאַל פאָנד, מזרחי, ארץ ישראל אַקטיוויטעטן, ועד הישיבות, ועד הצלה, רעד קראָס אַרבעט, בית מדרש לתורה, הכנסת אורחים, שטיצן דורכרייזנדע אָרעמעלייט און בני תורה, תלמוד תורה, אאזו.—פאַרנעמט די אנשי שלום שול דעם אויבנאָן. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם גייסט פון הרב סילבער וואָס האָט דורכגעזאַפּט די פירערשאַפט און מיט־

גלידערשאַפט פון שול, ווייל הרב שאול סילבער האָט זיך קיינמאָל ניט באַנוגענט מיט אַ פאָרמאַלער דרשה, מיט אויספילן די "קאַזיאָנע" רבנישע פונקציעס, נאָר ער פלעגט זיך שטענדיק טיילן מיט זיינע אייגענע שטרע־בונגען און שאיפות, מיט זיינע האָפענונגען און חלומות, מיט זיינע וויזי־עס און טרוימען, און אָפטמאָל אויך מיט זיין פאַרדרוס און ווייטאָג, מיט זיינע טרערן און קלעמענישן—מיט אַלץ האָט ער זיך געטיילט מיט זיין שול אַנשי שלום. און די שול איז געשטאַנען, דעריבער, אין די פאָדערשטע רייע פון אידישן טראַדיציאָנעלן לעבן אין אַלע הינזיכטן. מיר וועלן ביינ־קען—צוזאַמען מיט די אנשי שלום מיטגלידער—נאָך הרב שאול סילבער דעם גייסטיקן פירער.

מיר ביינקען נאָך די שיינע פּאָעטישע, נשמה צאַרטע, זעלע אויסגוסן פון הרב שאול סילבער אין זיינע עסייען וואָס ער פלעגט פאַרעפנטלעכן פון צייט צו צייט, ניט אַרטיקלען אָנגעלאָדן מיט פאַקטן אָדער עצות, מיט שטראָף רייד אָדער פלפוליסטישע עדיטאָריעלע פראַזעאָלאָגיע, נאָר פּאָ־עטישע תפילות, באַשיידענע דורכשמועסן צווישן אַ מענטש און זיין נשמה, אַ מענטש און זיין גאָט זיינען געווען אַלע עסייען פון הרב שאול סילבער. און אפילו ווען ער האָט געשריבן וועגן הרב קוק ז"ל, אָדער ראָגאַטשאָ־ווער גאון, זיינען דאָס אויך ניט געווען פאָרמאַלע אָפהאַנדלונגען מיט ביאָ־גראַפישע און פעדאַנטישע פּרטים, נאָר א תפלה בלחש, ווי אַ מענטש וואָס טראַכט הויך און וויל זיך דערגרונטעווען צו דעם עסענץ פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט וואָס איז לויטער גייסט, אָן קיין שום מאַטעריע...

מיר וועלן ביינקען נאָך הרב שאול סילבער דעם פאָלקס מאַרטירער —וועלכער האָט אין די לעצטע זעקס יאָר זיך מקריב געווען אויפן מזבח פון תורה. טראָץ דער וואָרנונג פון זיינע דאָקטוירים, טראָץ די אָפטמאָל אי־בערחזרנדע האַרץ־אַטאַקעס וואָס ער פלעגט קריגן, האָט ער פאַר איין טאָג ניט אויפגעגעבן זיין כלל אַרבעט, בפרט די פירערשאַפט פון בית המדרש

לאָט ער געמאַכט פאַר זיין לעבנס אידעאַל. פאַקטיש ביזן אויסהויכן זיין נשמה, איז ער געווען אַקטיוו, רירעוודיק, געזאָרגט פאַרן אידנטום און אי־דישקייט, און אַ האַלבע שעה פאַרן לעצטן אָטעם, איז ער נאָך געזעסן אין אָפּיס פון בית המדרש לתורה און געזוכט אַ לייזונג פאַר די צענדליקע פּראָ־בלעמען וואָס באַשווערן און באַלאַדן דעם פאָרשריט פון דעם גרויסן אַנ־שטאַלט. און די תלמידים, די רבנים מוסמכים, די אידישע עסקנים פון שיקאַגער נאַציאָנאַלע אידן, עמך און אינטעליגענץ, וועלן לאַנג, לאַנג בייג־קען נאָך הרב שאול סילבער דעם זעלבסט מאַרטירער.

דער מענטש — דער "שליח צבור" פון דער בריאה!

"וכל אשר יקרא לו האדם...
הוא שמו".

אין דעם אונענדליכן רוים איז געווען איבערשוואומען מיט אַ נאַסע כמורנע דיקע פינצטערניש, וועלכע האָט שווער געדריקט דאָס וואַסער...

אַ געבונדענער ריעז אין קייטן איז געלעגן דאָס וואַסער אָן וועלכער באַוועגונג, אָן "לשון" און אָן אָן אָטעם — אַ געפאַנגענער פון דער פינצטערניש.

דער "חושך" האָט איבעראַל געהערשט. קיין פלאַץ אין גאַנצן אונענדלעכן רוים פאַר קיינעם ניט געגעבן... אפילו דעם וואַסער — דער אַלטער חבר פון יאָרן לאַנג... ניט ערלויבט קיינמאָל אַ שטיף צו טאָן און זאָגן אַ הויך וואָרט אויף זיין אייגענעם לשון...

און ענדלעך האָט גאָט באַשלאָסן צו באַפרייען דעם רוים פון דער לאַנגער שווארצער שקלאַפעריי...

די דיקע, בלייענע, שוואַרצע וואָלקנס האָבן לאַנגזאַם גענומען עפענען זייערע ברעמען... און אַ ניי־געבאָרענער ליכט־שטראַל האָט זיך אָנגעפאַנגען רונצלען אין גרויסן רוים... מיט גילדערנע פונקען האָט ער

ספּאָנטאַן דעם גאַנצן רוים אָנגעצונדן... פון גרויס שמחה האָט דער רוים אַ ציטער געטאָן און דער ציטער האָט דאָס האַרץ פון וואַסער אָנגערירט. אָ, ליכט!...

דאָס וואַסער האָט מיט פרייד דעם שטורעם געשיקט אָנזאָגן דעם גרויסן אונענדלעכן רוים, אַז עס האָט ענדלעך זיין פרייהייט געקראָגן... פון היינט אָן און ווייטער וועט עס זיינע קינדער—די כוואַליעס—קיינמאָל נאָ־קעט פירן, נאָר וועט זיי מיט ווייסע קיטלען באַצירן—און עס פּילט, אַז אין דעם אָפּגרונט פון ים ווערט געשאַפן טיף, טיף אין האַרצן — אַ ניי לעבן...

באַטראַכט האָט דער "בורא עולם" דאָס ליכט מיט גרויס צופרידנ־הייט... ליכט איז לעבן, ליכט איז פרייד, ליכט האָט דאָך שוין איבערפּילט דאָס וואַסער־האַרץ מיט גרויס שמחה. דורך דאָס ליכט האָט זיך דער ים מיט זילבערנע קרוינען באַצירט...

און געוואַרט האָט דער "בורא" אַ גאַנצן טאָג, אַז דער ים זאָל קומען און אויסדריקן אויף אַ געהעריקן אופן זיין דאַנקבאַרקייט פאַר דער גרוי־סער מתנה, מיט וועלכער מען האָט אים דאָס וואַסער באַשאָנקען.

מיט ברויזענדן כעס האָט דאָס וואַסער אונפאַרשטענדלעכע ווערטער געלאָזט פאַלן אין אַלע ריכטונגען... זיך פאַר אַ גרויסן יחסן פאַררעכנט— "א בן יחיד" אין דעם גאַנצן אומענדלעכן רוים...

דער טאָג איז ענדלעך אַוועק. דאָס וואַסער איז צו גאָט ניט געקו־מען און קיין "מזמור לתורה" אויך נישט געזאָגט...

זייער לאַנג און שווער האָט זיך געצויגן דער צווייטער טאָג... וואַ־סער מיט וואַסער—אייגענע ברידער—האָבן נישט געקענט שטימען איינס מיטן צווייטן.. בלויז נעכטן געווען צוזאַמען פאַרשקלאַפּט ביי דעם זעלבן פריץ—חושך. ניט געהאַט די מעגלעכקייט דעם קאָפּ אויפצעהויבן—און

היינט, ווען זיי האָבן דאָס ליכט דערזען, וויל איינער דעם אַנדערן דער־טרינקען...

וואַסער פון העכערע שיכטן און נידעריגערע שיכטן — טראָפּנס וואַסער־אַריסטאָקראַטן, און טראָפּנס וואַסער אָן יחוס... אַלע זוכן זיך צו צעטיילן אין קלאַסן. האָט די שכינה מיט טרויער דאָס פּאַראַייניקטע וואַסער צעשפּאָלטן אין צווייען... געשאַפן אַ פּאַרוואַסערטן שלום, דורך מחלוקות... אָבער געוואוסט האָט גאָט, אַז „גוט" איז דאָס ניט . . .

***

נאַקעט און הויל האָט זיך מיט גרויס אימפּעט אַרומגעטראָגן דאָס ניי־געבוירענע קינד — די ערד — אין אַלוועלטלעכן רוים . . . אויסער די געשוואָלענע פּוזירן, די הויכע, רויע בערג, ועמען וואולקאַנען האָבן מיט פייער געשפּיגן פון דער טיפעניש פון דער ערד, איז ניט געווען קיין בלום, קיין גראָז, מיט וואָס דאָס ערד־לייב צו באַדעקן... טיף אין דעם האַרץ פון דער ערד האָט זיך געקלאַמערט אַ פייערדיקער וואונש פאַר „פרייכטבאַרקייט" און באַהאַלטענע כחות, וועלכע זיינען געלעגן פאַרשלאָסענע און געקייטלט, האָבן געזוכט זייער באַפרייאונג . . . אַלע אַלע האָבן געזוכט מער פּלאַץ, צו קומען צום לעבן אין אויסדרוק . . . און ענדלעך האָט די ערד איר פרייַלעכע בשורה פון גאָט אַליין געקראָגן . . . איך וועל דיך מיט גרינעם אַטלאַס און אין רויטן סאַמעט באַפּוצן... דו וועסט מער נאַקעט ניט אַרומלויפן.

די גראָזן האָבן גענומען זייערע דינע שאַרפע קעפּ איבער דער ערד הויבן און בעטן: מאַכט פּלאַץ פאַר אונז!

בלומען בליאונגען האָבן גענומען צושפּרייטן זייערע צאַרטע בלעטער, געבעטן מיט רחמנות: לאָזט אונז לעבן! מאַכט פּלאַץ פאַר אונז.

די צעדערן זיינען ווי שטאָלצע ריטער מיט שווערד אין האַנט געקומען אויסקעמפן אַ פּלאַץ פאַר זיך . . . און אַלע צוזאַמען האָבן מוטער ערד

איינפאַך מיט לאַרבער־קרענץ באַצירט . . .

די ערד האָט גענומען אָטעמען מיט לעבן. די שטומע ערד האָט אַ וואונדערבאַרע שפּראַך געקראָגן . . . בלומען בליען און וועלקען. זיי שטאַרבן און שטייען צוריק אויף „תחית המתים״.

די ערד האָט זיך קליידער פאַרשאַפט וועלכע זיינען וואונדערבאַר שיין און גראַציעז, ווערן די קליידער אַביסל אַלט אָפּגעטראָגן און פאַרלירן זייער קאָליר. איז דאָס בלויז צייטווייליק . . . ווי דורך אַ צויבער קומען זיי צוריק צו זייער אָריגינעלן גלאַנץ . . .

שטייט דער וועלט שעפער און באַטראַכט ווי חנ׳עוודיק די ערד איז, ווי יעדער זאַך וואָס זי טוט אָן אויף זיך איז פּינקטלעך צום אָרדער געמאַכט... זאָגט גאָט: אָה ווי שיין! אַ ווי פּראַכטפול!!!

האָט גאָט געוואַרט צו הערן אַ גוט וואָרט, פון דער ערד און אירע געבאָרענע קינדער. געוואַרט אַ גאַנצן לאַנגען טאָג . . . אָבער דער וואָרט איז ניט געקומען.

די בלומען זיינען עפּעס יאָ געשטאַנען אַווילע שמונה עשרה, די גראָזן האָבן זיך אַביסל פאַרנייגט, כלומרשט ווי זיי וואָלטן ענטפערן „ברכו״, די בוימער האָבן צעשפּרייט זייערע הענט ווי זיי וואָלטן זאָגן „שאו ידיכם קדש״ אָבער ריכטיקע ווערטער „בשם ומלכות״ האָט ער פון זיי ניט געהערט . . .

עס איז ניטאָ נאָך קיין נחת פון דער גרויסער וועלט געבורט.

***

און נאָך אַ טאָג נאָכדענקען האָט ער באַשלאָסן דעם וועלט רוים צו באַלייכטן. פילייכט וועלן די הימלשע ספערן האָבן מער באַוואוסטזיניקייט ווי די גראָבע פּראָסטע ערד . . .

און פאַרזייט האָט גאָט דעם אונענדלעכן מילד־בלויען הימל מיט מיליאָנען פינקלדיקע שטערן, וועלכע האַלטן שטענדיק אין דערציילן אַמאָ־ליקע סודות. יעדן פון זיי האָט ער זיין פּאַסנדן נאָמען געגעבן. יעדן פון זיי זיין באַשטימטן פּלאַץ אָנגעצייגט, פאַרזאָגט האָט ער זיי צו לעבן צווישן זיך בשלום. און יעדערער זאָל גיין זיין אייגענעם וועג — ניט "משיג גבול" זיין אַ קלענערן ברודער, חלילה...

קיין ליכט, קיין וואַרעמקייט וועט אַייך ניט פעלן, אַייערע עלטערע גרעסערע שוועסטער — די זון, וועט אַייך גערן פאַרזאָרגן ווען איר וועט זיך נויטיקן אין דעם...

מיט גאָלדענע שטראַלן האָט גאָט דעם מזרח זייט פון הימל באַפּוצט, און מיט פּורפּול פאַרב דעם הימל זוים אין מערב באַשפּריצט. דער גאַנצער אוניווערז איז געוואָרן אַזוי פּראַכטפול באַלויכטן, אַז אפילו מלאכים זיינען געשטאַנען פאַרגאַפט... צום ערשטן מאָל האָט די קאַלטע ערד דער־שפירט אַז אַ וואַרעמע האַנט איז איר אויסגעשטרעקט געוואָרן... און לאַנגע, דינע גאָלדענע פינגער מיט אַ צערטלען איר פריינדשאַפט וואָס זי — די ערד — האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט. מיליאָנען ליכטיקע אויגן פון דער וויטן האַלטן אין שטענדיקן ווינקען צו איר...

ערד אין הימל, בערג און שטערן האָבן טיף, טיף אַריינגעקוקט איי־נער דעם צווייטן אין האַרצן אַריין און האָבן מיט גרויס צניעות געשמייכלט...

באַמערקט דער וועלט שעפער ווי צווישן הימל און ערד פאַנגט זיך צו שפינען איין "אהבת עולם..." און מיט גרויס פרייד זאָגט ער: "אָ, ער־האָבן".

פירן הימל און ערד צווישן זיך לאַנגע אינטימע געשפרעכן, זיינען אַזוי טיף איינער אין דעם אַנדערן פאַרליבט... אַז זיי האָבן פאַר קיינעם מער ניט קיין צייט „צור ילדך תשי" דאָס וואָרט וואָס דער „כביכול" האָט געוואָרט צו הערן איז נאָך פון קיינעם ניט געזאָגט געוואָרן.

פיר לאַנגע, מיינע אייגענע געמאָסטענע טעג זנען שוין פאַרלאָפן און ניט הימל און ערד האָבן צו מיר אַ וואָרט גערעדט . . . אַ שווער איז אַ שטומע וועלט — פשוט אומדערטרעגלעך."

אַ האַלב טויטע וועלט, שיינט צו זיין ניט פאָלקאָמען, מיין שאַפונג, מוז דערגאַנצט ווערן... זאָל „לעבן" דאָס שענסטע דערשיינונג און גרעס־טער סוד קומען צום אויסדרוק ! ! !

האָט דער „בורא עולם" אַביסל אויסגעמוסרט די ערד און הימל פאַר זייער פרוכטלאָזיקייט. ליבע אָן לעבעדיקע קינדער איז זינלאָז . . . „תוצא הארץ נפש חיה".

און די ערד האָט געבאָרן קינדער, קליינע פאַרשייטע מיט דינאַמי־שע כחות... „אַ ליאַדע קונדסים" וועלכע ווימלען איבעראַל און קענען אַ מינוט ליידיק ניט זיצן . . . קריכן איינער איבער דעם צווייטן, און פאַר־פירן סקאַנדאַלן איינער מיט דעם צווייטן, שלאָגן און קושן זיך אין דער זעל־בער צייט. אָבער די „חברה" איז אימער לעבעדיק... דאָס וואַסער האָט נאָך נעכטן אַ פאַטש געטאָן מיט די הענד . . . אַ גרויסע שמחה איז ביי אים געוועזן. צום לעבן זיינען געקומען די וועלכע ער האָט אונטער זיין בוזים אַ לאַנגע צייט געטראָגן . . .

דער וואַלד איז אויך קיין „עקרה" ניט געבליבן. יונגע באַשעפענישן מיט גאָלד־באַשפריצטע פליגלען האָבן דאָרט געסוויטשערט און געטרילט אַזוי שיין, אַז אַפילו די ביימער האָבן זייערע אויערן אָנגעשטעלט דאָס וואונדערבאַרע געזאַנג צו הערן . . . די גאַנצע „בריאה" האָט זיך יחסנדיק געפילט. „אַ נפש'ל" געבראַכט אויף דער וועלט . . . אייביקער „לעבן" איז געבאָרן געוואָרן, „לעבנס" וועלן אונטערגיין און שטאַרבן אָבער „לעבן" וועט אימער זיין . . .

מיט גרויס צופרידנהייט האָט דער וועלט שעפער באַטראַכט די לעצ־טע צוגאַבע פון זיין שאַפונג . ..

און כמעט לאַנגע צוויי טעג זיינען פאַרגאַנגען. אין הימל האָט מען זיך שוין ביסלעכווייז גענומען גרייטן פאַר שבת. אָבער קיין פּאַסנדן וואָרט, אַ געהעריקן וואָרט וועגן דער גרויסער „יצירה" האָט מען פון קיינעם ניט געהערט . . . געוואָרט האָט דער „בורא עולם", אַז די לעבעדיקע באַשעפענישן, אַמווייניקסטנס זאָלן קומען אים „שלום" זאָגן . . . אָבער קיינער איז ניט געקומען, ניט קיין „שלום" זאָגן און ניט „המלך" זינגען . . . מען האָט אַלעמען גערופן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און געפרעגט וואָרום שווייגט איר? וואָרום זאָגט איר ניט אַ וואָרט? ווייסט איר ניט אַז דער שעפער וועלכער האָט זיך אַמפּעלקט צו אייך, ווינטשט אַז איר זאָלט זיך אויך אַמפּלעקן צו אים . . .

די באַשעפענישן האָבן בלויז מיט די פּלייצעס געקוועטשט, ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דעם גאַנצן געשפּרעך, אויסגעפונען האָט מען נאָכהער אַז ניט אַז בלויז ווייסן זיי ניט גאָט, נור זיך אַליין ווייסן זיי אויך ניט... אפילו זייער אייגענער נאָמען איז פרעמד צו זיי . . . דידאָזיקע נידריקע ברואים קענען אַלעס זען, אָבער פאַרשטיין כמעט גאָרניט, קיין דערקענטניש וועגן זיך און וועגן דער וועלט . . . הילפלאָזע, אומגליקלעכע באַשעפענישן וועלן זיי בלייבן, אויב אַ גרעסערער פירער וועט זיי דעם וועג אין לעבן ניט ווייזן . . .

האָט גאָט געזאָגט, מיין גאַנצע וועלט איז ווערטלאָז, אויב אין איר וועט מענטשלעכע דערקענטניש פעלן. די שטערן וועלן זיין קאַלט און מאַט, ווען קיינער וועט זיי ניט וועלן דערקענען . . . די זון וועט בלויז אַ שטום שטיק פייער ווערן . . . די גאַנצע בריאה, אַ טויטע שטומע מאַשין וואָס קיינער וועט אַפילו אירע רעדער ניט זען אין באַוועגונג. דער ים וועט קענען שטורמען און וועלן מיט כעס די ערד פאַרשלינגען, אָבער קיינער וועט זיך פאַר אים ניט שרעקן — די ליבע אפילו צווישן הימל און ערד איז אין געפאַר. אַ שטומע וועלט איז אַזוי גוט ווי אַ טויטע וועלט... אַ שטומע וועלט וועט קיין מאָל די נשמה פון דער וועלט ניט באַגרייפן און מיך — גאָט זעלבסט — פאַרגעסן . . .

. . . „איינער וואָס וועט מיך—גאָט—זוכן און וועט מיט אַלע זיינע חושים זוכן צו דערקענען מיינע סודות, און וועט פירן די גאַנצע בריאה צו העכערע, ליכטיקערע וועלטן, און וועט מיט זיין קלאָרן שכל געפינען ס'פּאַסיקסטע וואָרט און נאָמען פאַר אַלע ווערק פון מיין באַשאַף און אַלע נאַטור־כחות; איינער וועלכער טרעט ניט אָפּ פון אָרט פאַר אַ שטורם, וואָס וועט פאַרשטיין די שפּראַך פון די שטערן, קענען דערגרונטעווען זיך צו דער טיפעניש פון ים, וועלכער וועט פאַרבן דעם הימל מיט זיין „בלוי", און מיט זיין „רויט" די צענדליקע „ציגנער" פון די בערג.

אַזאַ באַשעפעניש וועט שטיין מיט די פיס אויף דער ערד און וועט צום הימל דערגרייכן. קליין אין וואוקס, אָבער גרויס אין גייסט, מיט וועלכן ער וועט אַ גאַנצע וועלט קענען אויספילן ! אַ נייע ווענדונג וועל איך דער באַשעפעניש געבן. אַלץ וואָס איך האָב באַשאַפן, וועט ער באַזינגען. ער וועט די גאַנצע וועלט אין איין סימפּאָניע פאַרוואַנדלען, און אַלץ וואָס איך האָב באַשאַפן, וועט ער מיט זיין האַנט פירן . . .

האָט דער באַשאַפער געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט צו זיין באַשאַפענער וועלט כהאי־לישנא : — „ווילסטו האָבן אַ קיום און ניט ווערן צוריק אין אַמאָליקן כאַאָס פאַרוואַנדלט? ווילסטו מיך אַנערקענען און דיין אייגענעם נאָמען קענען, דאַן זאָלסטו דיין מזל צו דעם מענטשן, וועלכן איך גיי איצט באַשאַפן, אָנפאַרטרויען; ער וועט זיין דיין פירער און דיין וואָרטזאָגער; און ווען איך וועל ווערן מיט דיר—וועלט— אַנטוישט, וועט דער מענטש דיך מיט זיין תפלה ראַטעווען, ווייל בלויז די מענטשלעכע שטימע וועט צו מיין כסא־הכבוד דערגרייכן...!

ערד און וואַסער, זון און שטערן, חיות און געוויקסן, האָבן גענומען זיך שושקענען צווישן זיך, און די געהויבענע „געפליגלטע אַריסטאָקראַטן" האָבן מיט אַ באַזונדער נייגעריקייט אַרויסגעקוקט אויף דער נייער באַשעפעניש, וואָס דער בורא־עולם האָט באַרופן צו אַזאַ געהויבענעם אַמט און שליחות.

האָט די יצירה אויפגעוויקלט איר בלוי־ווייסן טלית, און עס האָט זיך באַוויזן אַ „מענטש״—גאָט׳ס וואונדערבאַרסטע שאַפונג!

די פאַרגאַפּטע בריאה האָט שטום באַגריסט דעם נייעם בחיר־היצו־רים און מיט אַ ציטעריקער שטימע געזאָגט: אָ, וואונדערלעכע שאַפונג! —זאָג אונז ווער מיר זיינען און ווער איז אונזער שעפער?! גיי זיי אונזער שליח־ציבור!״...

דער מענטש—ער באַרגט אַ סך
און צאָלט ווייניק

„למוחל עונות בדין"

נאָך אין די גאַנץ אַלטע צייטן, האָבן מענטשן אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך אַביסל אויסגעטשוכעט פון זייער ווילדקייט און אַבערגלויבן, און גע־עפנט זייערע אויגן צו באַטראַכטן די וועלט, און עטוואָס צו פאַרשטיין די וואונדערבאַרע געזעצן וועלכע הערשן אין דער נאַטור, האָבן זיי שוין דאַן בעאָבאַכטעט אַז אַלע פאַרשידענע זאַכן און דערשיינונגען אין דער וועלט זיינען ניט קיין „זעלבסטהערשער", זיינען ניט קיין ווירקלעכע בעלי־בתים" איבער זיך. בעפאַר זייער ענטשטייאונג איידער זיי קומען צום אויס־סערלעכן אויסדרוק. „בעל כרחך אתה נוצר" איז אַ פעסטגעשטעלטער גע־זעץ אין דער גאַנצער נאַטור, אַלע קעגנשטאַנדן אין דער וועלט זיינען אָפּ־הענגיק איינער פון דעם צווייטן, און גאַנץ אָפט איינער פון די הונדערטער און טויזנטער, ניט אומזיסט האָט געזאָגט איינער פון די גרעסטע אמוראים, רב יהודא בר רב יחזקאל: אַז יעדער טראָפן רעגן קומט צו אונז דורך צענדליקער טויזנטער קרעפטן, וועלכע טרייבן דעם טראָפן צו אַ נזער ערד. (מדרש כי תבוא).

אַריסטאָטעלעס דער גרעסטער פיזישער פאַרשער פון זיין צייט האָט זיך טיף פאַרטראַכט וועגן דער דערשיינונג וואָס אַלע קעגנשטאַנדן פון דער נאַטור זיינען איינג פאַרפלאָכטן איינע אין דער צווייט, און איז געקו־מען צו זיין גוט באַוואוסטן באַשלוס, אַז די וועלט איז ניט קיין „פאַלשטענ־

דיק ענטוויקלטער אַרטיקל״, נור איז אין קעגנטייל „אַן אַרטיקל וואָס האַלט זיך אין שטענדיקן אַנטוויקלען״. אַ פּראָצעס, ביי וועלכן איין קעגנשטאַנד איז אימער שוואַנגער מיט דער אַנטשטייאונג און ענטוויקלונג פון אַ צווייטן קעגנשטאַנד, ניטאָ קיין אַבסאָלוטער „ותעמוד מלדת״ אין גאָט׳ס וועלט . . .

און ניט אומזיסט האָט די תורה געפונען פאַר נויטיק, נאָכדעם וואָס זי באַשרייבט די אַלע דעטאַלן ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוצושרייבן „אשר ברא... לעשות״, וואָס די באַדייטונג דערפון איז דאָס „דער פּראָצעס פון ווערן״ הערט קיין מאָל ניט אויף, אויב דער פּראָצעס פון שאַפן אַ פאַרמלאָזן אורשטאָף האָט זיך געענדיקט, אָבער דער פּראָצעס פון ענטוויקלונג איין פאָרם אויף אַ צווייטער. דערדאָזיקער פּראָצעס קומט קיין מאָל ניט צו אַ שטילשטאַנד . . .

אָבער ניט אימער ווערן אין דעם פּראָצעס פון שאַפן און אַנטשטייאונג „די עלטערן״ וועלכע שאַפן זייערע נאָכקומענדיקע „יורשים״ פאַרשוואונדן... די נאַטור איז אַזוי וואונדערלעך איינגעריכטעט דורך דער געטלעכער האַנד, אַז איר מערסטע אַרבעט פירט זי אָן דורך אַ סיסטעם פון לייען״, וואו איין קעגנשטאַנד לייט צום צווייטן, וואו איינער באָרגט ביי דעם צווייטן . . . און די גאַנצע וועלטלעכע שאַפונג איז אַ גרויסער „גמילות חסדים״, וואו איין „מין״ באָרגט עטוואָס ביי דעם צווייטן „מין״, און צאָלט ווען די צייט קומט זיינע וועקסלען אין צייט, פּינקטלעך. מאַנכע מאָל מיט פּראָצענט און מאַנכע מאָל בלויז דעם „קרן״. אָבער דער שטענדיקער פּראָצעס פון „לייען״ און „באָרגן״ גייט שטענדיק אָן אין דעם גאַנצן וועלט־אַל, „ועולם חסד יבנה״.

די צאַרטע דופּטיקע בלום האָט איר האַרץ פאַר׳משכנ׳ט נאָך איידער זי איז אויף דער וועלט געקומען. וועמען איז אָט־די „צנועה״ ניט שולדיק! ביי אַלעמען האָט זי געבאָרגט. ביי די זון אַ פּאָר וואַרימע שטראַלן, ביי דעם רעגן — אירע שטילע טרערן, וועלכע זיינען באַהאַלטן אין אירע קנאָספּן.

ביי דער לבנה איר באַשיידנקייט. ביי דער ערד איר גרינען רויטן פלייש און ווייסן בלוט . . .ביי אַלעמען אַביסל גענומען אויף קרעדיט. און דער הויכער, מאַיעסטעטישער שלאַנקער בוים, דער „פריץ״ פון וואַלד איז אויך אַ גרויסער „בעל חוב״, האָט מער שולדן אויף זיך ווי האָר אויפן קאָפּ... ווען יעדער בלעטעלע זיינער וואָלט אַפילו האָבן זילבערנע אָדערן אין זיך, וואָלט נאָך אַלץ דער בוים ניט זיין אין שטאַנד זיינע חובות צו באַצאָלן....

און קען וועלכער פאָרשער, דער וואָס האָט זיין גאנצן לעבן געשאָנקען, צו דער וויסנשאַפט, פון ביאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע, אָנצייגן אויף וועלכן עס איז קעגנשטאַנד אין דער לעבעדיקער באַוועגלעכער וועלט אָדער אין דער אומבאַוועגלעכער האַלב טויטער וועלט דאָס ער זאָל ניט האָבן געבאָרגט וועלכע ביאָלאָגישע עלעמענטן פאַר זיין געבורט, בליאונג, וואוקס און לעבן. אַלע מוזן אָנקומען איינער צום צווייטן. „אייגענעס אין גאַנצן״ האָט קיינער ניט. אַזעלכע „גבירים״ האָט די גאָטהייט אין דער נאַטור ניט געשאַפן . . .

מערער אָבער ווי אַנדערע באַשעפענישן און פלאַנצונגען וואָס באָרגן איינער פון צווייטן, און זיינען אימער פאַרטונקט אין חובות איבערן קאָפּ, באָרגט דער מענטש . . . איבעראַל און פון אַלעמען.

דער מענטש קען פשוט ניט לעבן אָן „אַ גמילות חסד״ אַפילו אַ מי־נוט אויך ניט. זיין פיזישער וואוקס און אַנטוויקלונג אַזוי גוט ווי זיין גייס־טיקע און אינטעלעקטועלע דערציאונג זיינען דורכאויס געבאָרגטע אַרטיק־לען.

אַלע מאַטעריאַלישע באַדערפענישע אָן וועלכע דער מענטש קען פאַקטיש ניט עקזיסטירן—ווי שפייז, קליידער און וואוינונג, מוז דער מענטש באָרגן פון דער גרויסער וועלטלעכערווירטשאַפט... די אַרטיקלען באָרגט דער מענטש אין אַ גרעסערער מאָס ווי די חיה אָדער ווי די פלאַנצונגען טוען. די לעצטע צוויי געפינען איבעראַל אַלעס וואָס זיי דאַרפן פאַרטיקע, ווי די נאַטור האָט עס פאָרבערייטעט: די פויגל קלייבט די בליאונג און קערנער ווי זיי זיינען, זי בויט איר נעסט אויפן בוים מיט אירע אייגענע הענט, אי

וועמענס הילף. זי אַליין איז דער אַרכיטעקט און קאָנטראַקטאָר. אירע קליידער נייט זי אַליין און אירע "אַריעס", ווען זי זינגט, זיינען אירע איי־גענע קאָמפּאָזיציעס. עטוואָס אַנדערש איז דער מענטש, ער עסט ניט קיין רויען קאָרן און קליידט זיך ניט מער אין „פייגן בלעטער" און וואוינט ניט מער אין וואַלד און אין היילן. די אַלע געריכטן וואָס די נאַטור האָט פּאַר־ברייטעט פאַר אַלעמען, איז פאַר דעם מענטשן ניט גענוג געקאָכט, ער איז אַביסל אַ מפונק... דער מענטש פּאַדערט אַז דער אַקומולירטער וויסן און דערפאַרונג פון הונדערטער דורות זאָלן זיך אימער שטעלן צו זיין דינסט יע־דעס מאָל ווען ער נעמט עטוואָס אין מויל אַריין...

באַרגן אין איין פלאַץ, בלויז ביי דער פיזישער וועלט, איז פאַר דעם מענטשן ניט גענוג. ער פילט אַז זיין "קרעדיט" איז גוט און ער באָרגט פון אַנדערע וועלטן, פון נייע ספערן צו וועלכע אַנדערע באַשעפענישן קענען ניט דערגרייכן. וואָס האָט גענומען טויזנטער יאָרן פאַר דער ציוויליזאַציע צו דערפינדן און פאַרפאָלקאָמענען, באָרגט דער מענטש די אַלע באַקוועמ־לעכקייטן יעדן טאָג פאַר זיך.

צוויי שטראָמען פליסן אַרויס פון דער "אייביקייט", דער שטראָם פון לעבן און דער שטראָם פון אידעען, און דער מענטש איז אין דער צוויי־טער וועלט—אין דער וועלט פון געדאַנקען אויך אַן אַפּליקאַנט פאַר אַ גמילת חסד. אויך אין דער וועלט האַלט דער מענטש אין שטענדיקן באָרגן ביי פרעמדע.

אין דער גייסטיקער וועלט אין אַלע אירע פאַזן און פאַכן זיינען גאַנץ ווייניק אָריגינעלע מענטשן געווען. די מערסטע גרעסטע זשעניען פון דער וועלט זיינען געווען מפרשים פון וועלטלעכע דערשיינונגען, און געדאַנקען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון געוויסע זשעניען אין פאַרגאַנגע־נע דורות. און ווען דער איינפאַכער מענטש באָרגט קלייניקייטן פון דער וועלט, בלויז זאַכן פאַר זיין געברויך—באָרגט דער גרויסער געבילדעטער

מענטש פיל מערער. וואָס גרעסער דער שזעני, אַלץ מערער זיינען זיינע שולדן. אַזאַ שזעני אַפילו ווי לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי האָט אויך געבאָרגט איבעראַל, וואו ער האָט נאָר געקענט . . . פון דער פּאָעזיע, פון דער פילאָזאָפיע, פון דער אַרכיטעקטור, פון דער נאַטור־וויסנשאַפט. ניוטאָן דער גרעסטער אַסטראָנאָמישער פאָרשער האָט געבאָרגט ביי אַלטע אַסטראָנאָמישע פאָרשער, וועלכע האָבן געלעבט בעפאָר אים, פילע ידיעות אין דער דאָזיקער וויסשאַפט. ווען ניט די פאָרגייענדיקע פאָרשער וואָלט ער זיין גרויסע טעאָריע פון גראַוויטאַציע אפשר קיינמאָל ניט געקאָנט אַנטוויקלען. און דאָס זעלבע איז ריכטיק אויף דעם גרעסטן אַסטראָ־פיזיקער פון דיזן דור איינשטיין, אין אונזער צייט. אַלע דענקער, פּאָעטן און פילאָזאָפן האָבן „עטוואָס" גענומען, געבאָרגט פון זייערע פאַרגאַנגענע חברים אין זייערע רעספּעקטיווע געביטן פון דער וויסנשאַפט . . . אין סאָציאַלן לעבן איז דער מענטש אָנגעוויזן אויף דער געזעלשאַפט פאַר פריינטשאַפט, פאַרערונג און ליבע, זאַכן וואָס דער לעבן אָן זיי, איז איינהאַלטסלאָז און פרוכטבאַר איינזאַם. דאָס זיינען אַרטיקלען וועלכע מען מוז קריגן פון צווייטן, און מען קען זיי ניט אויסשפינען פון אייגענעם האַרץ . . .

און וואָס באָרגט ניט דער מענטש פון דער געזעלשאַפט?! זיין רייכטום, זיין פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, זיינע געדאַנקען צו אַנטוויקלען, זיין וואָרט צו זאָגן, פאַר אַלעס מוז ער אָנקומען צו זיין פריינט — צו זיין „בעניפאַקטאָר", ביי אַלעמען מוז ער אַ „גמילות חסד באַקומען.

ניט אומזיסט האָט מען געזאָגט: „אַז דער געשעפט איז צו יעדער צייט אָפן און יעדער וואָס וויל באָרגן קען דאָס צו יעדער צייט „קריגן". יאָ, דער מענטש איז אימער אַ פיל גרעסערער „בעל חוב" ווי זיינע פאַרגעסענע אַמאָליקע „וויטע קאָזינס" פון נידעריקערע ספערן אין אונזער וועלט, זיינען.

עס איז אָבער ניט צום שבח פון דעם מענטשן דאָס אין פאַרגלייך

מיט אַלע אַנדערע באַשעפענישן פון דיביידע וועלטן, די לעבעדיקע און די האַלב־שטומע — איז ער, דער מענטש אַ פּיל ערגערער צאָלער ווי זיי זיינען. זייער זעלטן צו געפינען אַ מענטשן וועלכער צאָלט זיינע חובות צו דער וועלט פּינקטלעך און צופרידנשטעלענד... עס איז אמת, אַז די גרויסע גייסטער און זשעניען באַצאָלן ניט בלויז דעם „קרן", וועלכע זיי האָבן גע־ליען פון דער וועלט, נור זיי צאָלן אויך זייער אַ שיינעם פּראָצענט פאַר אַלעס וואָס זיי האָבן געליען פון דער וועלט. דע ווינטשי אַזוי גוט ווי ניו־טאָן האָבן געצאָלט צו דער וועלט פאַר יעדן געדאַנק וואָס זיי האָבן געליען פון דער וועלט צוריק מיט אַ פולער האַנט. דאָס זעלבע האָבן געטאָן יענע מענטשן וועלכע האָבן געשאַפן און געדיכטעט. יעדערער וואָס האָט רייכער געמאַכט די מענטשהייט מיט געוויסע געדאַנקען און דערפינדונגען.

אין אַ קלענערע מאָס ווי די אויבנדערמאָנטע האָבן געצאָלט עטוואָס אויף דעם חוב . . . די וועלכע האָבן גרויסע קאַפּיטאַלן צוזאַמענגעקליבן, און זייער געוויסן האָט זיי געפּלאָגט אויף דעם; אַזויפיל פאַרנומען פון דער וועלט!! ווי קען מען לעבן אויף דער וועלט און גאָרניט צוריק־צאָלן . . . און האָבן ענדלעך מיט זייער רייכטום עטוואָס געטאָן פאַר די געפּלאָגטע מענטשהייט... געגעבן עטוואָס צוריק צו די יעניקע וועלכע האָבן אַלעס געליען צו די רייכע, געליען זייער פלייש און בלוט, זייער לעבן און זייער געזונטהייט . . . אָבער וויפיל זיינען דאָ אין אַלע געביטן, וועלכע אַנערקע־נען זייערע פליכטן צו זייערע מיט־מענטשן, צו דער געזעלשאַפט, צו זיי־ערע פריינט און חברים וועלכע העלפן זיי דערגרייכן צו העכערע שטופן אין לעבן? וויפיל זיינען פאַראַנען אַזעלכע צווישן שטאַאַטסמענער, פּאָליטי־שע פירער, אַרטיסטן און ערפינדער, גרויסע קאַפּיטאַליסטן און אינדוסטרי־אַליסטן, די אַלע וועלכע נעמען אַזוי פיל פון דער געזעלשאַפט, וועלכע באָרגן נאָכאַנאַנד פון דער מינטשהייט? יאָ וויפיל זיינען פאַראַנען צווישן זיי וועלכע זאָלן צאָלן אַמווייניקסטנס אַ קליינעם טייל פון זייערע מענטש־לעכע חובות צו דער געזעלשאַפט עטוואָס צוריק?! וואו מען וואַרפט איין אויג זעהט מען אַז דער מענטש איז מאָראַליש באַנקראָט... יעדער

מענטש פילט אַז ער איז פיל שולדיק צו ג—ט פאַר לעבן, פאַר פרייען ווילן, פאַר דעם אינטעלעקט וואָס ער האָט, וואָס קיינער אין דער וועלט, אויסער דער מענטש, איז מיט דער גרויסער מתנה ניט געבענטשט. אָבער וויפיל איז דער מענטש דאַנקבאַר דערפאַר, און וויפיל צאָלט ער צוריק פאַר די אַלע גרויסע אייגנשאַפטן וואָס ג—ט האָט בלויז דעם מענטשן מיט זיי באַשאָנקען ?

אַלע מענטשלעכע אומגליקן, דער שטענדיקער געלאַף פון מענטשן נאָך אַלע אומווירדיקע זאַכן, די דעמאָראַליזירנדיקע כחות וועלכע אַר־בעטן מיט אימפעט איבער אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט, זיינען פאַר־וואָרצלט אין דעם, וואָס דער מענטש איז אַממערסטנס אין שולדן פון אַלע סאָרטן. עטישע, מאָראַלישע, רעליגיעזע און מענטשלעכע, איבעראַל איז ער אַ גרויסער „בעל חוב״.

דער איד וועמענס געוויסן איז קיין מאָל ניט געוואָרן פאַרטעמפּט האָט אימער אַ קלאָרן און פּינקטלעכן „חשבון הנפש״ געפירט, און געהיט ניט איבערצוציהען זיין קרעדיט אין לעבן, און ניט גיין מאָראַליש באַנק־דאָט.... נאָר אַ טיף דענקענדיק און מאָראַליש פאָלק ווי אידן זיינען קען דערהערן דעם אויפרוף וואָס ראש השנה און יום כפור ברענגען. איין אויפרוף פאַר תשובה, צו באַלאַנסירן דעם לעבן און אַכטונג געבן אַז די נשמה זאָל ניט בלייבן פאַרקנעכטעט אין חובות. נאָר אַ גרויס עטיש פאָלק האָט געקענט באַגרייפן אַזאַ גרויסן געדאַנק פון „לוה רשע ולא ישלם וצדיק חונן ונותן״. אַז די וואָס נעמען פון דער וועלט און גיבן ווייניק צוריק, זיינען שלעכטע פאַרדאָרבענע מענטשן, גרויסע הערליקע גייסטער צאָלן מער צוריק צו דער וועלט ווי זיי האָבן גענומען פון דער וועלט . . .

דאָס יודנטום, מער ווי אַנדערע רעליגיעס, האָט געלערנט דעם מענטשן צו זיין אימער באוואוסטזיניק אויף זיינע מאָראַליש־עטישע און רעליגיעזע פליכטן, און דאָס ווירקלעכע זעלע־צופרידנהייט און גליק,

געפינט דער מענטש נאָר דאָן, ווען ער איז איבערצייגט אַז זיינע אַלע „חובות" זיינען פּינקטלעך באַצאָלט... דאָס יודנטום האָט באַגריפן, אַז אָן אונטערשייד וויפיל מיר צאָלן אונדזערע שולדן, זיינען נאָך אַלץ ער־געץ וואו פאַרבליבן באַהאַלטענע חובות... טיילווייז פאַרגעסענע און טייל־ווייז וועלכע מען וויל ניט געדענקן . . .

דאָס גרויסע ערלעכע האַרץ, די אידישע גרויסע נשמה ציטערט מיט אַנגסט פילייכט, מאַנכע פליכטן ניט דערפילט, פילייכט געוויסע שולדן ניט געצאָלט? פילייכט מעהר „עונות" ווי „מעשים טובים" . . . איז מתפלל דאָס אידישע פאָלק צו דעם „בורא עולם" „למוחל עונות בדין".

די לייכטסטע-שווערסטע מענטשלעכע מלחמה

("כי לא בכח יגבר איש")

די קולטור געשיכטע באַצייכנט דעם מענטשלעכן פּראָצעס אַלס אַן אייביקן קאַמף, אַ לאַנגע מלחמה וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין די גאַנץ אַלטע גראָע טעג, ווען דער מענטש איז נאָך געווען אַ וואַלד מענטש, מער חיה ווי נפש, און ציט זיך נאָך איצט ביז אונזער אייגענער צייט. אומוועקסלונג איז פאָרגעקומען אין די מעטאָדן פון דער אייביקער מלחמה, מיט וועלכער אַמוניציע אָנצופירן "דעם קאַמף אום דאזיין", אָבער דער קריג ווערט פאָרטגעזעצט אָן וועלכע הפסקות . . .

אויף דער אויבערפלאַך באַגרייפט מען די אייביקע לאַנגע מלחמה אַלס א מלחמת הקיום. אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אַ שווערע מלחמה צו דערהאַלטן דעם אייגענעם איך, און נאָך דעם אַלטן כלל נאָך, דאָס "חייך קודמין לחיי חברך", האָט די אייביקע מלחמה כשרע אָדערן אין זיך...

אין דערווירקלעכקייט אָבער פירט ניט דער מענטש קיין איין מלחמה, נאָר ער פירט דריי פאַרשיידענע מלחמות און דער לייט־מאָטיוו איז ניט אימער צו דערהאַלטן דעם אייגענעם איך, און די סבות זיינען אויך אין גאַנץ אַנדערע ווינקלען פאַרוואָרצלט.

די דריי־פּאַכיקע מלחמה פירט דער מענטש אָן אין דריי פאַרשידענע ריכטונגען און באַזונדערע פראָנטן. אין יעדער מלחמה באַנוצט ער פאַר־שידענע וואָפן און די רעזולטאַטן פון זיינע מלחמות זיינען אויך פאַרשידן.

דער אייביקער מענטשלעכער קאַמף קען איינגעשטעלט ווערן אומגע־פער אין אַזאַ פאָרמע: א מלחמת הטבע—אַ קאַמף צו באַזיגן די בלינדע קרעפטן פון דער נאַטור; צווייטנס, מלחמת אחים—דער ברודער קאַמף אין דער געזעלשאַפט, און דריטנס מלחמת היצר—דער זעלן קאַמף מיט זיך אַליין.

די ערשטע צוויי מלחמות פירט דער מענטש אָן מיט גרויס אימפּעט, מיט אַ זודיקן טעמפּעראַמענט, מיט פיל ביטערקייט, טאָג און נאַכט זוכט דער מענטש נייע געווער, פרישע כחות מיט וואָס דעם קאַמף צו געווינען.

זיינען דאָך די צוויי מלחמות מיט פרעמדע. קעמפט מען קעגן זיי מיט אַלע מיטלען, די לעצטע מלחמה איז אַ קאַמף מיט זיך אַליין... און קעגן דעם אייגענעם "איך"—איז די מלחמה, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שוין ניט אַזאַ פאַרביסענע און אַ שאַרפע... ווער האָט עס כח צו שלאָגן זיך אַליין אַ פּול געוויסנהאַפטיקן על־חטא...

און דארום ווערן די ערשטע צוויי מלחמות אָנגעפירט בקולות וברקים, דורך אַלעמען, קעגן אַלעמען. די דריטע, אויבנדערמאָנטע מלחמה—בלויז ביי געציילטע שיינע נשמות, און ביי זיי אויך שטיל, באַהאַלטן, מיט דעם טלית איבערן קאָפּ, וויינט מען אויס "אָשמנו"...

ווי אויבן געזאָגט, איז ניט "דער קאַמף אום דאזיין" די איינציקע אור־זאַך פון דער אייביקער מענטשלעכער מלחמה. אונטער דעם סאָציאָלאָ־גישן דעקטוך ליגט פאַרבאַהאַלטן אויך אַ טיף פסיכאָלאָגישע אורזאַך, וועלכע העלפט אויך טרייבן דעם מענטשן אין קריגס־פעלד אַריין... און דאָס איז דער "דראַנג נאָך הערשאַפט".

דער מענטש איז ניט צופרידן מיט די זאכן וועלכע ער באזיצט, נאר ער שטרעבט שטענדיק צו ווערן דער מושל פון דער וועלט. געדענקט דאך דער מענטש זייער גוט, אז אין דער אלטער צייט, ווען מען האט דאס געט־לעכע פון ״בצלם ובדמות״ אין זיין גייסט איינגעפלאנצט, האט מען אים אין דער גלייכער צייט אויך וואפן אין האנט דערלאנגט. ״וירדו בדגת הים ובעוף השמים... ובכל הרמש... על הארץ״ האט מען דעם מענטשן אויס־געקליבן צו זיין געהויבענעם אמט:

די זאלסט געוועלטיקן און הערשן איבער אלעס, וואפן—וועלכע לאזן ניט רוען דעם מענטשן אין מינוט, א פריווילעגיע איינצונעמען און בא־זיגן א וועלט...

און ווען פילע, אין זייער צעלאזנהייט און ווילדקייט זיינען מוחל אונז דעם גרויסן כבוד, וועלכן מען האט זיי צוגעטיילט, פון ״בצלם ובדמות״, פארגעסט אבער קיינער ניט די פריווילעגיע פון ״וירדו בדגת הים״ וועלכע מען האט אים צוגעטיילט.

דער ערשטער מענטש וואס האט דעם פערד איינגעשפאנט צו שלעפן זיינע לאסטן, האט אין דער פאטענץ געטרוימט פון איינשפאנען פילע בא־האלטענע כחות, וועלכע וועלן דערפילן אלע גוטע און בייזע וואונטשן פון דעם מענטשלעכן דראנג נאך הערשאפט.

דער וואלד מענטש, וועמען עס איז נמאס געווארן צו ליגן אימער אויף דער רויער ערד, און האט זיך באמיט ארויסצודראפען אויף א הויכן בוים, איז באוועגט געווארן צו ״שטייגן העכער״ צוליב דעם זעלביקן מא־מיוו״ וועלכן עס טראגן די ״לופט שטערער״,די וועלכע ווילן זייער נעסט אין די ווייטע הויכע ספערן פארזעצן פון אונזער אייגענער צייט.

ביידנס וואונטשן האבן ארויסגעשטראמט פון איין קוואל—גובר צו זיין די נידריגע און העכערע פיזישע וועלט.

בין איך דאך מענטש—דער יחסן פון דער גאנצער יצירה...

די נאַטירלעכע קרעפטן אַזוי גוט ווי די וועלכע די גאָטהייט, וואָרעמט זיי נאָך טיף אין איר בוזים, און האָט זיי מיט סודי סודות באַ־דעקט, קיינעם וועל איך, מענטש, ניט לאָזן רוען. מיין הערשנדע האַנט וועט זיי אַלעמען גרייכן, מיין ממשלה וועל איך איבער אַלעס פאַרשפרייטן. מיין שוואַכקייט איז צו זוכן הערשאַפט—און מיין מלחמה צו באַהערשן די נאַטור וועט אייביק, אייביק אָנהאַלטן. בין איך דאָך דער שותף במעשה בראשית, צו דעם בורא עולם זעלבסט. "ער" האָט אַ וועלט געשאַפן. איך, מענטש, שאַף אַ „ציוויליזאַציע", מיינע געצייג זיינען „דער דראַנג צו הערשאַפט".

נישט באַקוועמלעכקייט אַליין איז מיין הויפט מאָטיוו—ניין, טיף אין מיין האַרצן ברענט אַ פייער וואָס זוכט הערשאַפט...

**
*

האָט זיך דער מענטש אין זיין קאַמף אַ שלעכטע מדה דערוואָרבן,—מלחמה איז געוואָרן זיין צווייטע נאַטור, אויב וירדו, געוועלטיקן, איז אַ ברכה אויף אַ טייל פון דער יצירה, וואָרום ניט פירן די ברכה אַביסל ווייטער—וואָרום ניט אויסציען די מלחמה צו אַ לענגערן ווייטערן פראָנט?

אויב הערשן איז גוט און ליב, וועט דאָס זיין פיל זיסער און בע־טעמ'טער ווען די הערשאַפט ווערט איבער מענטשן פאַרצויגן...

די שטומע וועלט איז מקבל די מענטשלעכע הערשאַפט אָן באַשטע־טיגונג, אָבער אויך אָן ווידערשטאַנד. זי זאָגט ניט „יאָ" אָבער אויך ניט „ניין". דער זיג איבער איר קען דעם מענטש קיין צופיל סאַטיספאַקציע ניט געבן. דעם ריכטיקן טעם, דעםווירקלעכן פאַרגעניגן פון הערשאַפט,

געפינט דער מענטש דוקא אין דעם „ברודער קאַמף", וואו עס איז פּאַראַ־ נען ווידערשטאַנד איז דער קאַמף זיס און אנגענעם, וואו איין מענטש ווערט אַ שקלאַף, קען זיך דער צווייטער פילן אַ ווירקלעכער האר, נאָר אין דער מלחמת אחים האָט דער מענטש זיך אַליין אַלס ווארער העלד אַנטדעקט...

די מלחמה צווישן מענטש און מענטש ציט ניט איר יניקה בלויז פון דעם קוואַל פון "אַ פאַרזיכערטער עקזיסטענץ" פאַר זיך, "פון עקאָנאָ־ מישן וואלזיין" ווי אַנדערע דענקען.

אויב דאָס וואָלט געווען ריכטיק, וואָלטן די גאַנצע און האַלבע מיליי־ אָנערן געדאַרפט אַוועקלייגן זייערע געווער מיט וועלכע זיי פירן אָן זייער קאַמף... זיי האָבן דאָך שוין גענוג פאַר זיך און זייערע קינדער.

די ווארהייט איז, מ'פירט ניט אָן די מלחמה פאַר עקזיסטענץ אַליין, אויך פאַר מאַכט און הערשאַפט. — איין אַרטיקל וואָס די מאַכטהאָבער האָבן קיין מאָל ניט גענוג אַזוי לאַנג עס זיינען דאָ א מנין פרייע זעלבסשטענדיקע מענטשן אין דער געזעלשאַפט. „דער דראַנג פאַר מאַכט" מאַכט די פּאָזי־ ציע פון דעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט אומזיכער און גיט אים קיין רו ניט.

דער פסיכאָז טרייבט דעם מענטשן אַז ער זאָל זוכן צו פאַרשקלאַפן זיינע אייגענע ברידער מענטשן אין אַלע געביטן און ביי יעדער געלעגנהייט צו אונטעריאָכן זיי אונטער זיין ממשלה, און זיין השפעה אין פאַבריק ווי אין אָפיס, אין געשעפט ווי אין באַנק, אין די טעמפּלען פון קונסט ווי אין די לאַבאראַטאָריען פון וויסנשאַפט, צווישן די געזעץ־שאַפנדע קערפּער־ שאַפטן ווי אין די געריכט־הייזער, איבעראַל און אומעטום טראַגט זיך אין דער לופט איין באַפעלנדע שטימע:

מאַכט און הערשאַפט, באַלאַנגען צו מיר!

דער פּאָליטישער פירער וועלכער זוכט אַ פּאָליטישע פראַגע צו דער־

קלערן, און איז מסביר אַ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם, שטרעבט הויפּטזעכלעך אַז זיינע "צוהערער" זאָלן "פאַרערער" ווערן, זיינע אידעען אַקצעפּטירן, זייערע אייגענע אנזיכטן מבטל זיין, פאַרבייגיין זייער שכל פאַר זיינעם, און עס איז קלאָר פאַר דעם פאָלקס טריבון אַז מבטל זיין זיך, עפּנט די טיר פאַר יענעמס שקלאַפעריי און פאַר זיין הערשאַפט.

אַ גרויסער אַרטיסט מאַכט „דאָס ווערטהע פּובליקום" פאַר זיינע אונטערטאַנען און זייער אָפּט זיינען די אַפּלאָדיסמענטן סימנים פון הכנעה פאַר דעם אַרטיסטישן טאַלאַנט. און די אַלע דערשיינונגען קען אַ קלאָרע אויג דעם קאַמף פאַר הערשאַפט דערקענען, הגם דער קאַמף ווערט אָנגעפירט מיט העפלעכקייט און זיידענע הענטשקעס, אָבער אויך די געביטן זיינען ווירקלעכע שלאַכטפעלדער. דאָ אויך זיינען קברים פול מיט געפאַלענע קרבנות פון דער טיראַניי „דער דראַנג צו מאַכט".

אויב די ערשטע מלחמה ווערט געפירט מיט בלינדע שטומע קרעפטן, ווערט די צווייטע מלחמה געפירט מיט גרויזאַמקייט קעגן ברידער מענטשן און הויפּטזעכלעך אין דער ספּעציפישער מלחמה צווישן מענטש און מענטש פאַר הערשאַפט פאַר זיך און פאַרשקלאַפונג פאַר יענעם, אין דעם צווייטן גרויסן קאַמף וואָס דער מענטש פירט שטענדיק אָן, האָט דער מענטש דעם „מענטשן" פאַרלאָרן.

און אויב די אויבנדערמאָנטע צוויי מלחמות—צו באַהערשן די פיזי־שע וועלט און צו פאַרשקלאַפן זיין ברודער מענטש ווערט אָנגעפירט מיט גרויס אימפּעט און מיט אייזערנער אַנטשלאָסנהייט יומם ולילה לא ישבתו, זיי גיבן דעם מענטשן קיין רו ניט,—האַלטן אים שטענדיג געשפּאַנט און אויפגערעגט.

איז טיף, טיף אין דער מענטשלעכער נשמה באַהאַלטן אַ געטלעכער פּונק וועלכער צינדט אָן אין דעם מענטשלעכן האַרץ אַ נייעם מלחמה פייער.

די ערשטע צוויי מלחמות פירט דער מענטש מיט דער אויסערלעכער פרעמדער וועלט, די דריטע מלחמה פירט דער מענטש מיט דער אינער־לעכער אייגענער וועלט...

אין די ערשטע מלחמות זוכט דער מענטש מקריב זיין קרבנות אויף זיין מזבח פון אייגנוציקייט פון פרעמדע געגנשטאַנדן און פרעמדע פּערזאָ־נען, אין דער דריטער מלחמה זוכט דער מענטש קדושים צו ענטוויקלען גרויסע מאָראַלישע כאַראַקטערן צו דערציען.

אין די ערשטע צוויי מלחמות דרייען זיך די מענטשלעכע געדאַנקען הויפּטזעכלעך אַרום די פונקטן פון קערפּערלעכע פאַרגעניגנס, באַקוועמ־לעכקייטן, מאַטעריאַלישן גענוס, די ליידנשאַפטן צו זעטיקן.

אין דער מלחמה מיט זיך אַליין, זוכט דער מענטש די ליידנשאַפטן צו פאַרהונגערן, די מאַטעריעלישע פאַרגעניגנס אויף מאָראַלישע ווערטן צו פאַרבייטן און מער זעלען רו פאַר זיך צו שאַפן. אין די ערשטע צוויי מלחמות שטעלט דער מענטש צו זיין געבאַט אַלע געצייג און דערפינדונגען וואָס די ציוויליזאַציע האָט געשאַפן. אין דער לעצטער מלחמה מוז דער מענטש אויסשמידן די געווער פאַרן קאַמף פון זיין אייגענעם האַרץ.

ווי לייכט דאַרף זיין די מלחמה מיט זיך אַליין, וואו קיין אויסערלע־כער ווידערשטאַנד איז ניטאָ, און דאָך ווי שווער זי איז!

און גראַדע די מלחמה די לעצטע, די וועלכע ווערט געפּאַכטן אָן קולות וברקים, אָן זודיקן כעס און אָן ברויזנדע געמיטער, נור טיף באַ־האַלטן אין זיך אַליין, פאַדערט פיל אויסרעכענונג, אַ סך טאַקט, גרויס אויסגעהאַלטנקייט אינטראָספּעקציע, אַ גענויע אַנאַליזע פון אייגענע האַנד־לונגען איינצאַמען ניט יענעם, נור די ערדישע געוואוינהייטן אין זיך בע־

ענטערע און מער פאַרבינדונג מיט די גרויסע עטישע, מאָראַלישע ספערן. מיט יענע ספערן דורך וועלכע דער מענטש באַקומט זיין „תקון", זיין ווירדע און ווירקלעכן אנזיכט פון בצלם ובדמות.

אויב אַ גרויסער טייל פון דער מענטשהייט האָט זיין אויסוואַל גע־מאַכט אַנצופירן די צוויי אויבנדערמאָנטע מלחמות און זיינען אין קריג שטערבלעך פאַרליבט, האָט גראַד דער איד זיינע גייסטיקע פיאיקייטן דער דריטער מלחמה—„מלחמת היצר" געווידמעט. אויף דער שוואַכסטער, קלענסטער נאַציע האָט גראַד די השגחה איר האַנט אַרויפגעלייגט און איר —דאָס אידישע פאָלק אין דעם ספעציפישן מענטשלעכן קאַמף אַהין גע־טריבן . . .

און אין דעם גאַנצן שווערן וועג אונזערן האָבן מיר קיין מאָל דעם קאַמף געענצלעך ניט אויפגעגעבן ,און די געווער אָן אַ זייט ניט אַוועקגע־לייגט. גרויס איז געווען דער פרייז און פילע זיינען געווען אונזערע קרבנות וועלכע מיר האָבן געצאָלט פאַר דעם געדאַנק, אַז דער מענטש מוז זיך באַפרייען פון די טירישע ליידנשאַפטן זיינע, אַז דער מענטש מוז שטרעבן צו ווערן איין עטישער, מאָראַלישער וועזן. אונזער אידעען גאַנג און אונזער מלחמה אידעאַל האָבן קריג דערקלערט צו די ערשטע צוויי מענטשלעכע מלחמות, באַזונדער צו דער צווייטער, דער „מלחמת אחים..."

היתכן! וועט אַ וועלט וואָס איז אין בלוט איינגעטונקט, וואָס איז פאַרהאַוועט אין קייטן צו שמידן כדי איינער דעם אַנדערן פאַרשקלאַפן צו בינדן, וועלן מענטשן וואָס זוכן נור מאַכט און הערשאַפט—וועלן זיי וועלן הערן די שטימע פון געטלעכער גערעכטיקייט, די שטימע וואָס פראָקלאַ־מירט אַז אַלע מענטשן זיינען פרינצן און קיינער טאָר קיין שקלאַף ניט זיין.?

וועלן די מענטשן פאַרשטיין אַז די גרויסקייט פון מענטשן באַשטייט אין ליבע און רעספעקט צו אַלע מיטמענטשן?

וועלן די מענטשן פאַרשטיין אַז די וואָרע הערשאַפט איבער דיין חבר איז, ווען דו העלפסט אים, און ניט ווען דו טראַמפּלסט אויף אים?

וועט די גרויסע ניט אידישע וועלט באַגרייפן אַז אמת'ע זעלען רו געפינט דער מענטש, ווען אַלע ברויזנדע לײדנשאַפטן ווערן אונטער פולשטענדיקער קאָנטראָל געבראַכט?

און טראָגט אַלע שווערקייטן וואָס דער איד האָט געפונען אין זיין קאַמף פאַר עטיק און מאָראַל האָבן דאָך זיינע פיילן פילע געפּאַנצערטע הערצער געלעכערט, אין גאַנצן זיך באַפרייען פון דער דריטער מלחמה— „אין קאַמף מיט זיך אַליין" האָט די מענטשהייט ניט געקענט. דער געוויסן גייט נאָך דעם מענטשן און לאָזט אים ניט רוען, ער פאַרפאָלגט אים אומע־טום און וויזט דעם מענטשן זייער אָפט די שלעכטע „פאָטאָגראַפיע" וואָס די מענטשלעכע פאַרדאָרבנהייט האָט אָפּגעדרוקט, און טיף אין דעם מענטשלעכן האַרץ טליעט אַ פונק, אַ הייליקער פונק וואָס רופט דעם מענטשן צו בעסערע האַנדלונגען, צו זיטלעכקייט און ריינע מענטשן ליבע... טראָגט דעם שטורעם פון לעבן, הערט דער מענטש זיין אייגענע שטימע וואָס רופט אים אַליין צום קאַמף מיט זיך אַליין... צו פאַרטיליקן די חיה וועלכע זיצט אין דעם מענטשן. און אויף איר פּלאַץ געטלעכע ליבע און טוגענדען איינפלאַנצן.

יאָ! דאָס אידישע פאָלק באַגריפט און באַשטעטיקט דעם „דראַנג נאָך הערשאַפט", אָבער עס פאַרקערעוועט די מלכמה אין אַן אַנדער ריכטונג.

ניט אויף פרעמדע פעלדער דאַרף מען דעם קאַמף פירן, נור אין דעם אייגענעם האַרץ...

אויף דעם פלאַץ און אין דער ריכטונג איז די מלחמה—א „מלחמת מצוה".

אַלע אַנדערע מלחמות ווערן געפירט מיט רויער פיזישער קראַפט, צו קיין פּאָזיטיוון זיג פירן זיי ניט. איז דאָך געשריבן: „כי לא בכח יגבר איש".

און דאָך דאַנקען מיר דיר - אָ ג-ט !

"שלא עשנו כגויי הארצות"

די נאַכט האָט שוין געהאַלטן ביי ענדיקן צוזאַמענוויקלען איר שוואַר־צען צודעק וועלכן זי האָט איבער דעם הימל געהאָט אויסגעשפּרייט. איי־ניקע פרומע שטערן וועלכע האָבן זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט מיט זייערע תפלות, האָבן געהאַלטן אין ענדיקן זייער "תפלה בלחש" און זיך געס׳סוד׳ט וועגן דעם אָנקומענדיקן פרימאָרגן. אין יענער דעמערונג שטונדע איז ער געקומען צו מיר. מיט קוים הערבאָרע טריט צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו איך בין געלעגן, אַרויפגעלעגט מיט גרויס צערטלעכקייט זיין האַנט, וועלכע האָט געהאַט די ווייכקייט פון אַ פריש אָפּגעבראָכענעם פליגל פון אַ מלאך, אויף מיין קאָפּ און מיט אַ מילדער זאַנפטער ציטערנדער שטימע געזאָגט צו מיר: שטיי אויף!!! קום מיט מיר!!! דו ווייסט? היינט איז דער טאָג וואָס צום טויזענטער טויזנטסטן מאָל פלעכטן אידן אויס אַ געטלעכע קרוין פון די שענסטע גאָלדענע פעדים וועלכע זיי שפּינען אויס פון דער טיפעניש פון זייער נשמה, אַ קרוין, וועלכע איז אַזוי מאַיעסטעטיש רייך, אַז קיין קעניגלעכער האָר איז ניט ווערט מיט איר זיין קאָפּ צו באַצירן. זי איז געוואָגן און געמאָסטן בלויז פאַר ג—ט אַליין . . . יאָ, היינט איז אַ גרויסער טאָג "כי קדוש היום לאדוננו".

מיר דאַרפן אַ סך מדבריות דורכגיין... מיר וועלן פילע שרעקלעכע זאַכן זען, אָבער אויך האַרציקע דערהאַבענע ווערטן הערן . . .

קום מיט מיר ! ! !

די בלייכע ליכט שטראַלן וועלכע האָבן לאַנגזאַם געגומען אַריינקומען אין הויז, האָבן אויך דערגרייכט די הויכע שלאַנקע פיגור וועלכע איז געשטאַנען נאָענט ביי מיין בעט. דורך די פרימאָרגן שטראַלן האָב איך גענוי באַמערקט זיין בלאַסן הערלעכן פנים און די טיפע קאַרבן דאָרטן, אין וועלכע אַביסל ארץ־ישראלדיקע זאַמד איז נאָך געווען באַהאַלטן... די אויגן, וועלכע האָבן אויסגעקוקט ווי גענצלעך פאַרלאָשענע צוויי וואולקאַנען, האָבן דאָך מילד געקוקט, געבעטן און באַפעלט:

האָב ניט קיין מורא ! ! !

קום מיט מיר ! ! !

מיר וועלן גיין אין דער גאַנצער וועלט הערן ווי אידן זיינען מתפלל, ווי זיי זאָגן שבחים צו ג—ט און ווי און פאַרוואָס זיי דאַנקען אים . . .

געדענק, האָט ער צו מיר מיט אַ טיפן ערנסטן טאָן געזאָגט, געדענק נאָר, אַז יעדעס וואָרט וואָס דו וועסט היינט הערן, האָט זייער גרויסע כונות, יעדעס וואָרט איז אויסגעשמידט אין טיגעל פון פיין און יעדער פזמון איז געשריבן מיט אידישן בלוט. דעם צבור פון מתפללים וועלכע דו וועסט היינט זען, זיינען ניט וואָכעדיקע אידן, נור געהייליקטע קרבנות...

געדענק! האָט ער ווידער איבערגעזאָגט: „כי כל העדה כלם קדושים ובתוכם ה׳".

נעם אָן מיין האַנט . . . אָט אַזוי, האַלט זיך צו פעסט. קום ! ! !

א.

געפירט האָט ער מיר איבער גרויסע טיפע ימים, דורכגעגאַנגען געדיכטע פאַרצווייגטע וועלדער, אַריבערגעקראָכן הויכע וואַלקן־קושנדיקע בערג. ענדלעך האָט ער געזאָגט, אָט דאָ ביי דער שטאָט ז. . . . וועלן מיר זיך אָפּשטעלן. אונזער ערשטע "תפלה בצבור" וועט דאָ זיין.

מיר זיינען געבליבן שטיין ביי דער לינקער זייט טייך ט—ע אַריבער, אויף דער רעכטער זייט פון טייך האָט זיך געצויגן אַ באַרג ווי האַלב פאַר'חלשט און אַ העלפט פון זיין קאָפּ איז געווען אויסגעפּליקט פון די צרות וועלכע ער איז געווען אַן עדות פאַר וואָכן לאַנג אַנצוקוקן . . .

אויף דעם זייט טייך וואו מיר זיינען געשטאַנען, האָט געהערשט אַ פאַרשטיינערטע טויטע שטילקייט ווי דער מדבר זעלבסט וואָלט דאָס אויס־געאָטעמט... אַ שטילקייט וואָס וואַרפט אָן אַ שרעק אויף יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש... וואַרפנדיק אונזערע בליקן אַביסל ווייטער, האָבן מיר באַ־מערקט אַ סך קברים, ניט אַלע גלייך אין פאָרם און מאָס. קברים די גרויס פון אַ מענטשן און קברים זייער לאַנגע און ברייטע איבער וועלכע עס זיי־נען געשטאַנען מצבות מיט איינגעבויגענע קעפּ און האָבן אין זייערע הער־צער די נעמען פון זייערע שכנים געטראָגן . . .

די טויטע שטילקייט פון פּלאַץ איז געוואָרן פאַר מיר אומדערטרעג־לעך. זי האָט מיך פשוט איינגעקלאַמערט אין אירע פליגלען און גענומען ווערגן... כדי צו רעטן זיך פון דער שטיקנדער אַטמאָספערע, האָב איך מיינע בליקן צום טייך געווענדעט, פיליכט וועל איך דאָרטן וועלכע באַ־וועגונג אָדער לעבן דערזען. דאָס וואָסער איז אָבער געווען נאָך מער אכזריות'דיק שטיל. צוטיילנדיק גרויס כבוד די קברים וועמען עס האָט טיף אין זיין האַרץ אָפּגעשפּיגלט, האָט עס זיך אַפילו ניט דערלויבט דעם שוואַכסטן מורמעל צו מאַכן, נור געקוקט מיט פאַרגלעזערטע אויגן דעם הימל אין פנים אַריין ווי איינער ביי וועמען דער צער האָט זיין לעצטן טרער אויסגעטריקנט . . .

איך האָב געוואָלט אַנטלויפן פון פּלאַץ און האָב מיט גרויס פאַר־זיכטיקייט גענומען אַרויסציען מיין האַנט פון מיין פירערס האַנט. אין יע־נעם מאָמענט האָט ער גענומען זיין שטעקן און אַנגערירט פאַמעלעך די קברים, זאָגנדיק דאביי: שטייט אויף! מיר זיינען פון מרחקים געקומען, מיר ווילן הערן אייער באַזונדערן נוסח פון "עלינו".

—זעסטו—האָט מיין פירער צו מיר געזאָגט—יענעם אַלטן מאַן מיט דער האַלבער ווייסער באָרד? דאָס איז דער אַלטער דיין פון שטאָט. די מלאכי־חבלה פון דעניקין האָבן אים אין שול ערב־שבת צו דער סטעליע די צאָרד צוגענאָגלט;—און אַזוי האָט ער זיין הייליקע נשמה אויסגע־הויכט . . .

די פרוי ביי זיין רעכטער האַנט, איז זיין טאָכטער; אויף די הענט אירע איז איר צוויי־יעריק קינד, וועלכעס די שרעקלעכע כוליגאַנעס האָבן אין צוויי העלפט צעשניטן . . .

די יונגעלייט, עטלעכע און זעכציק אין צאָל, זיינען די גבורים קדו־שים וועלכע האָבן געזוכט צו פאַרטיידיקן די ערע פון זייערע מוטערס און שוועסטער, די רוצחים, די בלוט־הינט פון דעניקין האָבן די אַלע יונגעלייט אַריינגעטריבן אין אַ שטאַל, פאַרשלאָסן די טירן און זיי אַלע־מען לעבעדיק פאַרברענט. קוק זיך צו נעענטער וועסטו זען ווי די פייער־קוילן גליען נאָך אין זייער פלייש.

און ווער איז יענער פרוי מיטן פאַרבלוטיקטן האַלבן קערפער און אין וועמעס אויגן דער גאַנצער שרעק פון מדבר איז פאַרגליווערט גע־וואָרן? אָ! פרעג ניט, האָט ער געזאָגט, דאָס איז איינע פון די באַמלסטע נשמות וואָס האָט געלעבט דאָ אין שטאָט. אַלעמען האָט זי געהאָלפן, יעדנס צער איז געווען איר צער. די ווילדע מענשן־חיות האָבן פאַרצוקט און צעריסן אירע אַלע קינדער, פינף אין צאָל האָבן זיי אויסגע׳שחט׳ן. די בלוט האָט אָפגעשפריצט אויף איר קערפער און גייט ניט אַרונטער.

ווען די אַלע אויפגעשטאַנענע האָבן זיך גענומען אויסשטעלן אין אָר־

דענונג, גענומען זיך מכין זיין פאַר דער גרויסער תפלה... און געוואַרט דאָס דער „דיין" זאָל אָנפאַנגען „עלינו"... אין יענער מינוט האָט דער הימל אַ ציטער געטאָן און צוויי פייער־פונקען זיינען פון הימל מיט גרויס צאָרן אין דעם טייך אַריינגעפאַלן. דאָס וואַסער וואָס איז געווען די גאַנצע צייט פאַרשלעפערט און כעלמיש, האָט ספאַנטאַן שטורמיש אויפגעברויזט. די כוואַליעס האָבן זיך גענומען יאָגן איינע נאָך דער צווייטער און שטעלן זיך אויף זייערע שפּיץ פינגער. מיט ווייסע בלויע טלתים אויף זייערע קעפּ און שוים אויף די ליפּן, האָבן זיי זיך גענומען יאָגן צו כאַפּן אַ בליק אויף דער „עדה מתפללים". אָבער זיי זיינען מיט שרעק צוריקגע־לאָפן אַזוי זיך ווי זיי האָבן די שרעקלעכע געשטאַלטן אינ'ם וואַסער האַרץ דערזען... איך האָב מיין וועג־ווייזער געפרעגט: בשל מי כל הרעש? ווער האָט עס אַזוי מיט איין מאָל דעם טייך פאַרבייזערט?

— האָסטו געזען, האָט ער מיר געענטפערט, די צוויי פייער פונקען פון הימל, וועלכע זיינען דאָ יעצט אין וואַסער אַריינגעפאַלן? דאָס זיינען צוויי זודיקע טרערן וועלכע דער רבש"ע האָט געלאָזט פאַלן אויף די צרות פון זיינע קינדער. דער הייסער טרער פון דער רעכטער אויג פון כביכול איז אויף דעם גרויסן אומגליק און צרות וואָס זיינע קינדער, דאָס פאָלק יש־ראל ליידט פאַר דער גאַנצער לאַנגער צייט פון גלות... יאָ, יאָ, די טרער פון דער רעכטער אויג לאָזט השי"ת פאַלן אַלס פּראָטעסט אויף די גע־הרג'עטע געשחט'ענע וועלכע הויכן אויס זייערע נשמות מיט „שמע יש־ראל" אויף זייערע ליפּן, און דער צווייטער טרער פון דער לינקער אויג לאָזט כביכול פאַלן מיט צער און פאַראַכטונג אויף די יעניקע וועלכע האָבן אויך געדאַרפט זיין ג—ט'ס קינדער און זיינען דאָס ניט... אַ טרער לאָזט ער אויך פאַלן אויף די, וועלכע ער האָט זיי אויך באַשאַפן „בצלם ובדמות" און זיינען גאַר אין שדים פאַרוואַנדלט געוואָרן...

ג—טס טרער וואָלט וועלן אויסלעשן דאָס העלישע רציחה פייער

וואָס ברענט מיט אַ גיהנום׳שען גלוט אין אַ סך ווילדע רוצחים הערצער, אָבער זיי, די רוצחים, פאַרשטעלן זייערע הערצער מיט שווערדן און אַ בייזער ווינט פאַרטראָגט ג—ט׳ס טרער צום וואַסער און מדבר... און אַזוי בלייבן זייערע הערצער שטענדיק דורשטיק נאָך מענטשלעכע בלוט און אַזוי... און אַזוי...

„עלינו״ . . . האָבן די אַלע מתפללים גענומען אונטערזינגען. דער באַוואוסטער געהייליקטער נגון האָט זיך גענומען צוזאַמענמישן מיט רויש און ריטם פון די כוואַליעס.

און איר! איר קרבנות! פון שדים רוצחים זאָגט אויך „עלינו״ האַ???

— געוויס! האָבן די קדושים קרבנות בקול אחד מיר געענטפערט. אָ! מיר דאַנקען ג—ט וואָס די רציחה פון די רוצחים האָט אונזער נשמה ניט פאַרגיפטעט.

מיר דאַנקען ג—ט וואָס אַלע צרות און רדיפות האָט דאָך דאָס מענטשלעכע פון אונזער האַרץ ניט אויסגעריסן.

— מיר דאַנקען ג—ט וואָס אַלע שחיטות וואָס מען האָט געמאַכט אויף אונז, האָבן ניט אויסגעשניטן פון אונז דעם „צלם אלקים״.

— אָ, מיר דאַנקען דיר וואָס ימים בלוט האָט דאָך אונז ניט צומישט מיט זיי... אָ, מיר דאַנקען דיר . . .

„שלא עשנו כגויי הארצות״.

ב.

דער אַלטער, מיין וועג־ווייזער, האָט אויפגעהויבן דעם ברעג פון זיין ווייסן קיטל, זיך אויסגעווישט די אויגן און אַראָפּגעווישט אייניקע זעמדלאַך שטויב פון זיין פנים. זיין גאַנצער געשטאַלט איז מונטערער גע־וואָרן, מיט אַ טאָן וואָס האָט אויסגעדריקט אינערלעכע פרייד, האָט ער צו

מיר געזאָגט: אַט אַזוי דאַוונען אידן! און אַט אַזוי קענען בלויז אידן זינגען "שירים ותשבחות" צום השי"ת . . .

אָבער... אָבער... האָב איך גענומען האַלב שטאַמלען, ניט פון די אידן און ניט להבדיל פון אַזעלכע גויים קענען מיר אַרויסלערנען א "גזרה שוה" אויף אַנדערע . . .

—וואָס מיינסטו? האָט ער מיר אין אַ האַלב ברוגז'ן טאָן געפרעגט.

—גאַנץ איינפאַך, האָב איך געזאָגט, די אידן וועלכע מיר האָבן יעצט געזען זיינען אימער געווען געיאָגט און געפייניקט. דער קנאַל פון די צאַרס האָט זיך איבער זייערע לייבער פאַר צענדליקע יאָרן אויסגעצויגן... זיי האָבן קיין גוטן טאָג אין זייער לעבן ניט פאַרזוכט... אויך די גויים די רוצחים זייערע זיינען פון גאָר אַנדערשדיקער קוואַליטעט, גאַנץ אַנדערש ווי אַנדערע גויים. זיי זיינען דאָך די אייניקלאַך פשן באָגדאַן כמעלניצקי און איבערהויפט זיינען זיי דאָך אונוויסנדע כאַמולעס אָן אַ שפּראַך און אָן אַ שריפט, אומציוויליזירטע מענטשן...

"כלך לך אצל יפות" ביי קולטורעלע מענטשן איז געוויס בעסער...

—ניין, ניין, האָט ער מיר אונטערבראָכן, די וועלכע זיינען געביל־דעט זיינען אויך ניט בעסער . . . דו מאַכסט אַ שרעקלעכן טעות. די גע־לערנטע און געבילדעטע האָבן ניט ווייניקער געמאָרדעט, געברענט אידן און געראַבעט און צעשטערט אידישע לעבנס און פאַרמעגנס, ווי זייערע ברידער די פּראָסטע כאַמולעס רוצחים. ניין! ניין! זייערע הענט זיינען נאָך דיקער אין אידישע בלוט פאַרשמירט ווי די הענט פון די אונוויסנדע...

—אַלענפאַלס קום מיט מיר ווייטער, נעענטער צו מערב לענדער, דאָרט וואו אידן האָבן שוין פאַר העכער הונדערט יאָר געלעבט מיט מענטשן גלייך... און וואו זיי, די גויים, האָבן מיט גלאַטע ליפּן אַזוי שיין וועגן מאָ־ראַל און מענטשלעכע ווירדע גערעדט. קום מיט מיר אַהין, דאָרטן, וואו מאַנכע פאַסטוכער אַפילו קענען שטיקער פון "פאוסט" אויסווייניק קוואטירן.

אַ מדינה וואו אירע מענטשן קענען זייערע ליפּן ניט עפענען אָן די העפ־לעכע ווערטער: „דאַנקע שיין" און „ביטע שיין". יאָ, קום אַהין! די צייט איז קורץ, מיר ווען זיין פּיליייכט צו שפּעט צו די תפילות . . .

ג.

נאָך אַ שווערן מידן גאַנג וועלכער האָט זיך דעם גאַנצן וועג געצויגן צו מערב, זיינען מיר געבליבן שטיין ביי אַ באַרג פון מיטעלן וואוקס. דער טאָג איז געווען זייער קלאָר, די זון האָט לויטער געשיינט. אַביסל ווייטער פון איר האָבן זיך אַ פּאָר דיקע וואָלקנס געוויגט אין דער לופטן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ באַשטימטן באַפעל . . . איבערן באַרג האָט זיך אויסגעצויגן אַ גרויסער, ווייטער האָריזאָנט, מען האָט געקענט זען אויף אַ באַדייטנדע ווייטע שטרעקע.

דער אַלטער האָט מיך ווידער פאַרן האַנט אָנגענומען, אַרויפגעפירט צום סאַמע שפּיץ באַרג, און געהייסן זיך אומקערן מיטן פּנים אין דער דירעקציע וואָס פירט צו דרום־מערב, און גלייך געפרעגט: וואָס זעסטו?

—עטוואָס אונבאַגרייפלעכס—האָב איך געענטפערט.

—דאָך, וואָס דענקסטו איז עס?

—עס זעט אויס, האָב איך געענטפערט, ווי זייער אַ גרויסע שטייג וואו מען האַלט ווילדע חיות פאַרשפּאַרט.

—דו האָסט האַלב געטראָפן, האָט ער מיר געענטפערט, אָבער דאָס איז ניט קיין שטייג, נאָר אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

—וואָס איז דאָס אַזוינס?—האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

—אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער איז אויך אַ פּלאַץ וואו מען האַלט לע־בעדיקע באַשעפענישן פאַרשפּאַרט אונטער גראַטעס... אָבער דאָס ווערט געבויט פאַרקערט ווי מען מאַכט אַ שטייג.

—דהיינו?

—אַ שטייג, האָט ער מיר ערקלערט, ווערט געמאַכט פון מענטשן צו פאַרשפאַרן דאָרט ווילדע חיות, אַ קאָנצענטראַציע לאַגער ווערט געבויט פון בלוט־דורשטיקע חיות דאָרטן מענטשן צו פאַרשפאַרן און פייניקן.

ער האָט מיר ווידער פאַרן האַנט גענומען, פירן נעענטער צום פּלאַץ וועלכן מיר האָבן פון דער ווייטנס, פון באַרג געזען.

אַ טויט שרעק איז אָנגעפאַלן אויף מיר, ווען איך האָב דערזען די „שומרים" וועלכע האָבן דעם פּלאַץ באַוואַכט.

די פעסטע האַרטע טריט פון זייערע קנאָפּל, דער קלונג פון זייערע שטיוול־שפּאָרן, די פעסטע רונדע פּלייצעס, די אייזערנע געשלאָסענע באַקן און ליפּן, די אויגן וועלכע האָבן געשפּריצט מיט שלאַנגען גיפט, די שווע־רע שפּיציקע ביקסן וועלכע זיי האָבן אויף זייערע פּלייצעס געטראָגן און די לאַנגע שווערדן וועלכע זיינען געהאַנגען אויף זייער לינקער זייט, האָבן מיר גלייך איבערצייגט אַז די דאָזיקע „רייע היטער" זיינען שדים וועלכע האָבן זיך פאַר מענטשן פאַרשטעלט.

דורך די הויך שפּיציקע דראָטן וועלכע האָבן דעם גרויסן פּלאַץ אַרומגעצוימט, האָב איך באַמערקט מענטשלעכע פיגורן וועלכע האָבן אויס־געקוקט ווי צעבראָכענע זאַנגען נאָך אַ שרעקלעכן שטורם אין פעלד...

די מערסטע פון זיי זיינען געווען צו צוויי אין קייטן געשמידט, אַנ־דערע אַ פוס צו אַ פוס און—אַ האַנט צו אַ האַנט. דער קלאַנג פון די קייטן האָט זייער אָפּט די קרעכצן פון די צעוואונדעטע פאַרטויבט און האָט מיך אַזוי צעטומעלט און צעמישט, אַז איך האָב זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן דעם אַלטן—מיין פירער.

—קענסטו ווען צווישן די קרבנות?

—גאַנץ ווייניק—האָב איך געענטפערט.

זעסטו יענעם דארן אויסגעצערטן פּנים וואָס קוקט אויס ווי אַ „חלום אויף צוויי פיס?” ער איז געווען דער גרעסטער כעמיקער אין לאַנד פון די דייטשן. מיט צען יאָר צוריק האָט מען זיין נאָמען מיט ערפורכט דערמאָנט. מיט פיר יאָר צוריק האָט מען זיין פאַרמעגן צוגענומען, זיינע צוויי זין דערשאָסן און אים דאָ פאַרשפּאַרט . . .

און ווער איז דער אַלטער מאַן דאָרטן, וועלכער פאָכעט מיט דער האַנט אַזוי פאָרזיכטיק אין דער לופט?—האָב איך געפרעגט.

—האַ! ער איז געווען פּראָפעסאָר אין מ. אוניווערזיטעט, געלערנט האָט ער דאָרטן פילאָזאָפיע און האָט פילע וויכטיקע ביכער געשריבן, בעזונדערס אַ גרויס ווערק וואו ער האָט די דייטשע פילאָזאָפיע צו דער אידישער מאָראַל פאַרגליכן... מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען צום טויט זיין איינציקן זון פאַרשמיסן... זיין זון האָט אין דער לעצטער מלחמה גרויסע גבורות געוויזן, און געקומען פון קריגס פעלד בלויז מיט איין האַנט און אַ סך מעדאַלן אויף זיין ברוסט... נו, האָבן זיי אים די מעדאַלן ניט פאַרגונען... און אַזוי האָבן זיי אים צום טויט פאַרשמיסן... דו ווילסט אַודאי וויסן ווער זיינען יענע צוויי וועלכע זיצן אויף דער ערד מיט געבויגענע קעפּ און צובראָכענע פיס? זיי זיינען צוויי ברידער וועלכע האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן געשעפט אין דער שטאָט ה—ג, זיי זיינען געווען זייער רייך, און יעדן יאָר פלעגן זיי דאָס גרעסטע טייל פון זייערע פּראָפיטן אַוועקגעבן צו די קונסט מוזעאומס פון דייטשלאַנד. מיט אַכצן מאָנאַטן צוריק זיינען די „קולטור־רוצחים” געקומען און אַרויסגעוואָרפן זיי פון זייער געשעפט. און אום צו מאַכן זיכער דאָס זיי וועלן צוריק ניט קומען, האָט מען יעדן פון זיי אַ פוס צעבראָכן . . .

צווישן די אַלע האָבן זיך באַוועגט מענטשן מיט אויסגעלאָשענע אויגן וועמעס געזיכטער, יאוש האָט אין טויטע בוימער בלעטער, פאַרוואַנדלט...

די שטילקייט פון דער „מחנה" איז פון צייט צו צייט אונטערגעבראָכן געוואָרן פון די „שומרים" וועלכע זיינען געשטאַנען אויסערלעך פון דעם פּאַרקן, און האָבן אין שרעקלעכע שימפּווערטער געשריען אויף די פּאַר־שפּאַרטע, און אַנשטעלנדיק אויף זיי זייערע ביקסן, געדראָעט זיי מיט טויט.

מיינע אויגן זיינען מיט טרערן געוואָרן איבערפולט און איך האָב גענומען זיך ווענדן אין איין אַנדער ריכטונג. מיינע בליקן זיינען געפאַלן אויף אַ האַלב־נאַקעטן בוים און באַמערקט ווי אויף איינע פון זיינע גע־דיכטע צווייגן שרייען צוויי שוואַרצע קראָען און מיט גרויס עקשנות גריב־לען זיי זיך אין דעם בוימ׳ס שטאַם... גריבלען און פּיקן, הויבן אויף זיי־ערע שוואַרצע שנאָבלען און קוקן זיך אַרום אין דער סביבה ווי גנבים וועלכע זוכן שטילערהייט זיך אריינצו׳גנב׳ענען ערגעץ וואו... און קערן זיך גלייך צוריק צו זייער שווערער אַרבעט... באַארבעטנדיק די בוים פּאַר אַ היפּשע צייט און ניט האָבנדיק געענדיקט זייער אַרבעט, האָבן די קראָען אָנגעפאַנגען צו שרייען מיט משונה׳דיקע קולות ווי אָנזאָגנדיק דער וועלט וועגן אַ גרויסער עטדעקונג און רופנדיק נאָך הילף... איך בין געוואָרן זייער נייייגעריק צו וויסן וואָס פּאַר אַ באַזונדער יחוס טראָגט דער בוים אויף זיין רוקן... און עטוואָס שרעקלעכעס האָב איך דערזען: גרויסע רויטע פלעקן פאַרגליווערט מענטשלעכע בלוט האָט דעם בוים באַדעקט אין פילע פלעצער. אונטער אים זיינען געווען מענטשלעכע גלידער צעשפּרייט, אַרונ־טערגעפאַלענע פון די אומגליקלעכע קרבנות וועמען די „קולטור רוצחים" האָבן דאָ אויפן בוים געהאַנגען און געשאָסן און וועלכע זיינען שוין גע־ווען שטאַרק צעפרעסן פון די רויב־פויגל פון וואַלד.

מיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעצויגן. איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל און געוואָלט געבן אַ געשריי... און איך האָב באַמערקט ווי די זון האָט צוגעצויגן צו זיך אַפּאַר וואָלקנס וועלכע זיינען געהאַנגען פּאַר אַ לאַנגע צייט כעלמישדיק אין דער לופטן, און די זון האָט מיט זיי אירע

אויגן פאַרבונדן. די וועלט האָט געגומען ווערן טונקעלער און טונקעלער, און האָט אויסגעקוקט אַזוי ווי זי וואָלט געווען האַלב אויסגעבויגן... אַלעס, אַלעס האָט זיך גענומען וויגן און טרייסלען פאַר מיינע אויגן...

דעם אַנזאָג פון גרויסן שרעקלעכן סוף האָב איך דערשפּירט.

— —

„עלינו!!!" האָט ווידער דער אַלטער ניגון גענומען ציטערן אין מיינע אויערן . . .

—ווער זינגט עס?—האָב איך מיט ציטער געפרעגט.

—אָט יענע, די געקייטלטע, די פאַרוואונדעטע, די וועמען די קולטור רוצחים האָבן אויף שטויב צומאָלן. די נשמות פון די קדושים, האָט מיר דער אַלטער, מיט אַ טאָן פון אַ זיגער געענטפערט...

—ניין, עס קען ניט זיין, איך גלויב ניט. איך מוז אַליין גיין און זיי אַליין פרעגן.

— יאָ! האָבן זיי געענטפערט. מיר זינגען „עלינו... ממעקים קראתיך ה'", מיר דאַנקען דיר אָ ג—ט פאַר דעם וואָס זייער „קולטור" האָט ניט איינגאַנצן פאַרצערט די הייליקע ליכט, דעם „נר אלקים נשמת אדם", וואָס דו אַליין האָסט אין אונזער האַרץ אָנגעצונדן, וועלכע האָט אונז באַלויכטן דעם פינסטערן וועג פון גלות און האָט אונזערע צעוואונדעטע הערצער גע־היילט און געוואַרעמט... דיין נאָמען וואָס דו האָסט אין אונז געהיט אַז מיר זאָלן ניט ווערן ווי זיי... וועלכע „כלם לדמים יארבו..." דיין האַנט האָט זיך אָ ג—ט אויף אונז שווער אַרויפגעלייגט, אָבער קיינע יסורים און פאַרפאָלגונגען וועלן אונז ניט אין מענטשן־חיות פאַרוואַנדלען. מיר ווילן ניט און וועלן ניט ווערן חברים צו שדים.

אָ! מיר דאַנקען דיר „שלא עשנו כגויי הארצות."

ד.

—די מענטשן אין דייטשלאַנד— האָב איך אָנגעפאַנגען זיך אויס־טנעה׳ן מיט דעם אַלטן, מיין וועג־ווייזער—זיינען ניט שולדיק. זיי האָט נע־בעך איינגעביסן אַ משוגענער הונט... היטלער פון וועלכן זיי זיינען גע־וואָרן פאַרגיפטעט מיט דער קראַנקייט הײדראָפאָביע און וועלכע האָט זיך פאַלגליך ענטוויקלט אין יודאָפאָביע, ווען ניט דער בייזער משוגענער הונט, וואָלטן פיליכט די מענטשן דאָרטן ניט געווען שלעכט.

— איך האָב דיך זייער ליב — האָט מיר דער אַלטער געענטפערט— וואָס דו ביסט אַ מליץ טוב אפילו אויף רשעים. דאָס איז געוויס אַ מידה טובה. אידן האָבן דאָך אימער זיך געהאַלטן ביי אַ לעבנס פילאָזאָפיע צו געפינען דאָס גוטע און די זיטלעכקייט אַפילו צווישן די שלעכטע. „אם יש עליו מלאך מליץ אחד... ויאמר פדאהו מרדת שחת... איז געגוג אַ מענטשן צו רעטן, אָבער, האָט ער געזאָגט, אידן מוזן בעסער פאַרשטיין די מענטשן צווישן וועמען זיי לעבן. זיי טאָרן צופיל אויף זייערע זיסע רייד אויף דעם „חסד לאומים״ ניט בויען און צופיל האָפן. יעדער מענטש איז מחויב צו וויסן זיינע כחות און מעגלעכקייטן אין לעבן. אַ פאָלק דאַרף דאָס געוויס וויסן. אידן, צעזייט און צעשפרייט אין דער גאַנצער וועלט, מוזן וויסן ווי ווייט זיי קענען זיך ניט פאַרלאָזן אויף זייערע „הייסע פריינט״...

—נאָר אויב דו דענקסט אַנדערש, וועל איך דיר בעטן מיט מיר נאָך אַ קליינע נסיעה צו מאַכן, אַ קורצע רייזע, אָבער איר „מוסר השכל״ וועט זיין אַ גרויסער, און דער עיקר וועט זיין ווערט צו הערן ווי אידן דאַוונען דאָרטן... קום אַביסל גיכער, האָט ער געזאָגט, די זון האָט זיך שוין פאַר־קערעוועט אויפן צווייטן זייט הימל. אויב מיר שטייען דאָ צו לאַנג, וועלן מיר די תפלות פאַרשפעטיקן... מיר נעמען זיך אויפן וועג צו דרום.

גייענדיק האָבן מיר געטראָפן אין וועג מחנות פון אומגליקלעכע פוס־גייער ,ווי פליטים פון קבר און גיהינום האָבן זיי אויסגעקוקט. זייערע פאַר־

שווארצטע פנימער — פאַרברענטע, פאַרשמאַכטע ליפּן און אויסגעלאָשע־נע אויגן, האָט זיי אין שרעקנס שאָטנס פאַרוואַנדלט. צווישן די וואַנדערער זיינען געווען פילע טראַגישע פיגורן וועלכע וואָלטן אַפילו ביי דעם שטן אַרויסגערופן טרערן... דאַנטע אַפילו האָט אַזעלכע אומגליקלעכע געזיכטער אין זיין „אינפערנאָ" ניט געקענט געפינען...

איבער אַ האַרטן שפּיציק שטיינערנעם וועג שלעפּט אַן אומגליקלעכע פרוי אירע מידע פיס. איין קינד אין עלטער פון אַכט יאָר פירט זי ביים האַנט און אַ קלענערע קינד פון ווייניקער צוויי יאָר אַלט, טראָגט זי אויף איר האַנט טוליענדיק דאָס קינד צו איר האַרצן. זיי זיינען שוין צוויי טעג אויף דער „רייזע" און דורך דער צייט האָבן זיי ווייניק געגעסן. די ליפּן פון אַלע דריי זיינען צעשפּאָלטן פון היץ און דורשט. אָבער ניטאָ וואו אָפּצו־שטעלן זיך אָפּרוען. נאָך זיי גייט אַ מאַן פון טיפן עלטער, קוים וואָס ער באַוועגט זיינע פיס. יעדע פּאָר מינוטן מוז ער זיך אָפּשטעלן כדי עטוואָס זיין שוואַך האַרץ אָפּרוען. אָבער ער קען זיך דעם פאַרגעניגן ניט ער־לויבן, ער האָט מורא זיך אָפּצושטעלן אום ער זאָל זיין „חברה גולים" ניט פאַרלירן און בלייבן גאָר אַליין אין וועג... ער האָט געשיכטע פון גרויס יחוס און כבוד צו דערציילן, אָבער ער איז אַזוי אָנגעשראָקן, אַז ער האָט זיינע ליפּן מיט זיבן זיגלען פאַרשלאָסן... זיין צער איז גרויס, אָבער ער פילט אַז די ליידן און יאָמער פון דער פרוי און אירע קינדער, זיינען נאָך שרעקלעכער... ער נעמט אַ פּאָר שריט פאָראויס פון דער פרוי און פרעגט איר אין אַ מילדן רחמנות׳דיקן טאָן אויב ער קען איר עטוואָס העלפן?

—איך זעלבסט, האָט די פרוי געענטפערט, ברויך פּאָר זיך גאָרנישט, נאָר די קינדער זיינען שרעקלעך הונגעריק... דאָס לעצטע וואָרט האָט זי לאַנג אויסגעצויגן, צו פעסטשטעלן אַז זיי זיינען ווירקלעך הונגעריק. דער אַלטער מאַן האָט מיט גרויס פאַרצווייפלונג גענומען קוקן אויף איר מיט די קינדער. אין יעדן בליק זיינעם איז געווען צו דערקענען זיין הילפלאָ־

זיקייט, אויך זיין אָפּפערווילִיקייט צו העלפן רעטן... מיט גרויס צערטלעכ־קייט האָט ער אָנגענומען דעם קינדס האַנט וועלכע ער האָט מיט זודיקע רערן און הייסע קושן באַדעקט. אַ, אונגליקלעכער קינד פון אַן אונגליק־לעכעס פאָלק... אַרויסווייענדיק דאָס לעצטע וואָרט, איז ער געפאַלן און געחלש'ט.

ביי דער רעכטער זייט פון וועג האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ געדיכטער וואַלד אויף איינעם פון די צווייגן פון אַ בוים אין די פאָדערשטע שורות, זיינען געשטאַנען צוויי פויגעלעך געטוליעט איינע צו די צווייטע אַרונטער־לייגנדיק זייערע קעפּעלעך איינע אונטער דר צווייטנס ניט צו זען. שלעפּן אַרויס זייערע קעפּעלעך, וואַרפן אַ פּאָר בליקן אויף אַ צווייטן בוים אַביסל ווייטער פון זייער פּלאַץ, און ווידער זיך נעמען טוליען באַהאַלטנדיק זיך איינער אונטער צווייטנס פליגלען. אויפן צווייטן בוים, אויף איינער פון זיינע צווייגן, איז געלעגן אַ חרוב געמאַכטע נעסט מיט צוויי פאַרבלוטיקטע צע־ריסענע פייגעלעך וועלכע אַ בושעל האָט צעפּליקט אויף שטיקער. דער וויי־געשריי וואָס דער אַלטער מאַן האָט אין אַ קרעכץ אויסגעשריען, האָט אויך די צוויי פייגעלעך זייער אייגענעם צער דערמאָנט. זיי האָבן אויפגע־כאַפּט זיין קרעכץ און גענומען אויסווייינען אַ קינה ליד אין זייער אייגענעם נוסח... די קרעכצן פון דעם אַלטן מאַן האָט זיך מיט זייער טרויער צוויטשער צוזאַמענגעמישט און פאַרהילכט דעם וואַלד אויף אַ לאַנגע צייט אַזוי ווי טרויעריקע טענער וואָלטן זיך אין די צווייגן פאַרפלאָכטן אויף אייביק.

ווען די וואַנדערער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט צו באַפּעס־טיקן די שווערע פּעק וועלכע זיי האָבן אויף זייערע געבויגענע רוקנס גע־טראָגן, האָבן מיר זיי געפרעגט: וואוהין גייט איר?

—מיר לויפן פון „מלאכי חבלה צו מלאכים מושיעים” אַהין, אַהין, נאָך עוויאָן. דאָרטן פאַרזאַמלען זיך יעצט גאָטספאָרכטיקע, גוטהאַרציקע

מענטשן וועלכע וועלן אַ פּלאַץ פאַר אונז באַזאָרגן. אָנצושפּאָרן אונזערע קראַנקע קעפּ און אָוועקלייגן אונזערע צעבראָכענע ביינער.

—זיינען נאָך פאַראַנען אַזעלכע גוטע מענטשן?—האָבן מיר געפרעגט.

—געוויס, האָבן זיי אַלע בקול אחד געענטפערט.

ה.

אין פראָנט פון אַ פראַכטפולן פּאַלאַץ, וועלכער איז געווען זייער מאַסיוו געבויט און וועלכער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף גרויסע שטיינערנע זיילן, זיינען געשטאַנען די מחנה צעשראָקענע גולים, שטיל, רוהיק, אַלעמענס אויגן גלייך געווענדעט צום גרויסן הויפּט אַריינגאַנג פון פּאַלאַץ. אַ שטילע תפלה שניידט דורך די לופט: רבונו של עולם, "פּתח לנו שער בעת נעילת שער", דורך דער גרויסער טיר דאַרף מען דאָס אַרויסטראָגן די גליקלעכע בשורה, רעטונג פאַר די אומגליקלעכע. יעדעס מאָל ווען די טיר עפנט זיך, ווערט די מחנה מיט אַ הייליקער שטילקייט דורכגענומען. מען האָט מורא צו אָטעמען, פיליכט וועט מען אַ וואָרט פאַרהערן. זעקס שטונדן שוין געוואַרט, די פיס זיינען מיד, די שטונדן שלעפּן זיך ווי לאַנגע שלאַנגען, מען וואַרט מיט צופּלאַטערטע הערצער אויף אַ ישועה וואָרט... און ענדליך דערשיינט אין טיר אַ מאַן, עלעגאַנט געקליידעט, און מאַכט די פאָלגנדע מודעה: "צוויי לענדער זיינען צופרידן צו מאַכן פּלאַץ פאַר צוויי צענדליק טויזנט אידן, דריי קלענערע מדינות וועלן די אידישע פּראָבלעמע נעמען אין אָנבאַטראַכט. פיר לענדער וועלן נעמען סטאַטיסטיקס צווישן זייער באַפעלקערונג און אונטערזוכן די זאַך זייער פאָרזיכטיק... און צוויי און צוואַנציק לענדער וואָלטן וועלן העלפן, נאָר זיי האָבן ניט קיין פּלאַץ אין זייערע "מדינות" פאַר די היימלאָזע אידן...

און וועלכע זיינען דאָס די לענדער וועלכע האָבן ניט קיין פּלאַץ פאַר די אומגליקלעכע אידן? האָט מיך דער אַלטער, מיין פירער, געפרעגט.

—עס איז שווער אַלע אויסצורעכענען. איך וועל בלויז ביי דעם ענג־לישן עי. בי. סי. דערמאָנען, האָב איך געזאָגט, אויסטראַליע, האָב איך אָנ־געפאַנגען, איז אַ גרויסע מדינה, אַ גאַנץ שטיק וועלט וועלכע ציט זיך אויס אויף א שטח פון קרוב צו דריי מיליאָן סקווער מייל, איר באַפעלקערונג איז זייער קליין, עטלעכע מיליאָן מענטשן.

בראַזיליע איז נאָך אַ גרעסערע מדינה, בעסער געזאָגט פאַראייניקטע מדינות, דריי מיליאָן און אַ פערטל סקווער מייל אין גרויס, איר ערד איז זייער פרוכטבאַר און קען שפייזן פיליכט הונדערט מיליאָן מענטשן, און האָט יעצט ווייניקער ווי אַ פערטל פון דעם. גרויסע שטיקער לאַנד פוסטע־ווען, ווייל עס פעלן פלייסיקע הענט זיי צו באארבעטן... קאַנאַדע איז אויך ניט קיין "טל ומטר" מדינה. זי קען זיך פאַרמעסטן אין שטח מיט די פאַר־אייניקטע שטאַטן און נאָך מיט א "קומץ" פון נאָענט דריי פערטל מיליאָן סקווער מייל אַריבער. זי האָט מעגלעכקייטן צו שפייזן און אויפהאַלטן אַמ־ווייניקסטנס ביז הונדערט מיליאָן מענטשן, און ביי גוט ענטוויקלטע מע־טאָדן איז אַגריקולטור און אינדוסטרי נאָך פיל מערער. איר באַפעלקערונג יעצט איז אפילו ניט קיין זעקסטער חלק פון דעם...

נאָך דעם חשבון נאָך, האָט מיר דער אַלטער אונטערבראָכן, האָבן דאָך די דריי דערמאָנטע מדינות אַליין פּלאַץ צו דערהאַלטן און דערנערן אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אייראָפּע.

—געוויס, און פיליכט נאָך מער, האָב איך געענטפערט. און זיי טענה'ן אַז זיי האָבן ניט קיין פּלאַץ אַפילו פאַר אַ פּאָר הונדערט טויזנט געפלאַגטע, געיאָגטע אידן, האָט דער אַלטער מיט כעס געזאָגט. וואו איז דער "לא תעמד על דם רעך" וועלכער איז ניט בלויז אַ געזעץ אין דער תורה, נאָר אויך אַ טיף פאַרוואָרצלטער געזעץ אין יעדער מענטשלעכער האַרץ... יאָ, אין יעדער האַרץ וואו דער לעצטער מענטשלעכער פונק איז נאָך ניט אויסגעלאָשן... אַזאַ אכזריות איז דאָך אַ נאָענטער קרוב צו רציחה...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די אומגליקלעכע וואנדערער ווען די באקאנטמאכונג פון דעם שיין געקליידעטן מאן האט געטראפן ווי א דונער און האבן זיין באקאנטמאכונג ניט געגלויבט. — וועט איר אזוי גוט זיין און איבערזאגן נאך אמאל אייערע ווערטער — האבן די אומגליקלעכע אידן גענומען בעטן דעם גוטן אנזאגער...

— אין דעם נאמען פון צוויי און צוואנציק מדינות דא פארזאמלט צו העלפן אידן, האב איך די ערע צו באקאנט מאכן, אז מיר האבן ניט קיין פלאץ... האבן ניט קיין פלאץ פאר אידן...

די לופט האט געגעבן א ציטער, טויזנטער פנימ׳ער זיינען מיט טויט שרעק געווארן באצויגן אזוי ווי א גיפטיקע שלאנג וואלט זיי איינגעביסן. אויגן פארוויינטע און פארצווייפלטע האבן זיך צום הימל אויפגעהויבן און גענומען זוכן: וואוהין? וואוהין? די אלע אומגליקלעכע זיינען געווען אזוי דערשלאגן, אז זיי האבן ניט געהאט קיין כח און מוט צו ריידן. בלויז די אויגן האבן מיט יאוש און פאראכטונג געפינטלט און גערעדט: אכזרים, אכזרים. א, ווי ווייניק, ווי ווייניק איר האט גענומען ערנסט צו אייער הארצן די געטלעכע ווערטער פון אונזער תורה, די ווערטער וועלכע לערנען די מענטשן אז מיר אלע זיינען סוף כל סוף פון איין ג—ט באשאפן. און אז די צרות פון איין מענטשן מוזן געפינען א ברידערלעכן אפקלאנג אין דעם הארץ פון צווייטן מענטשן. אכזרים, אכזרים, דענקט איר אז איר וועט מיטנעמען אייערע גרויסע מדינות מיט זיך אין קבר אריין?... ניין, ניין, אייערע קברים וועלן זיין קליינע, קורצע און מאוסע, אייער אכזריות פון הונדערטע דורות פארגאנגענע האט ניט געקענט אויסליידיקן אונזער הארץ פון גלויבן, האפענונג, און אייערע רשעות, שרעקלעכע רשעות וועט דאס אויך ניט דערגרייכן יעצט...

מיר קאנען אייך! מיר קאנען אייך בעסער, ווי אפילו אין דער טרויעריקער פארגאנגענהייט . . .

ו.

—עס ווערט שפעט, האָט דער אַלטער, קראַנקער מאַן פון די אומגליק־לעכע וואַנדערער געזאָגט. מען מוז גלייך דאַוונען... ער האָט נאָך אין זיין האַנט געהאַלטן די האַנט פון דעם קליינעם קינד וועמען ער האָט אין וועג געטראָפן, געהאַלטן זי פעסט צוגעדריקט צו זיינע ליפן... זאָג מיין קינד מיט אונז אַלעמען די תפלה פון דורות, די תפלה וואָס האָט אונז געהייליקט און געטרייסט: „עלינו"... דו ביסט נאָך זייער יונג. אַ לאַנגן, לאַנגן, שווערן וועג וועסטו גיין... זינג מיט אונז צוזאַמען „עלינו".

אַלע פאַרזאַמלטע אין דער געמיינדע זיינען אַביסל מונטער געוואָרן „אַ טל של תחיה" האָט זיי עטוואָס דערפרישט איינער דעם אַנדערן האָט דערמאָנט דעם נגון פון „עלינו"...

אָ,מיר דאַנקען דיר ג—ט... "שלא עשנו כגויי הארצות."

די זון האָט זיך גענומען גיכער און גיכער דערנעענטערן צום אַט־לאַנטישן ים. איר האַרץ איז געווען מיט פייער בלוט באַשפריצט. נידע־ריקער, נידעריקער איז זי געגאַנגען צום ים. פאַרזיכטיק האָט זי זיך גענו־מען טובל'ען, אין גרויסן וואַסער צו רייניקן זיך פון דאָס בלוט און איר פייער צו לעשן... אַ שטילער ווינט האָט גענומען די כוואַליעס רופן און בלעזלען. דער אַלטער, מיין וועג־ווייזער, איז צוגעגאַנגען נאָענט צום וואַ־סער, זיך אַיינגעבויגן זייער נידעריק צו די אינדן פון ים, אַזוי ווי ער וואָלט אַ גרויסן סוד זיי פאַרטרויען...

די כוואַליעס האָבן אים אויף זייערע פלייצעס אויפגעכאַפּט און גענו־מען אים טראָגן ווייטער און ווייטער אין ים אַריין . . .

איבערן וואַסער פון ים האָט פאַר אַ לאַנגע צייט דעם אַלטנס שטימע אָפּגעקלונגען — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָך דאַנקען מיר דיר אָ, ג—ט — — — — — — — — — — — —

שלא עשנו כגויי הארצות . . . — — — — — — — — — — — — —

דיין תפלה און דיין בקשה

איך ווייס גאַנץ גוט אַז דו ביזט גערעכט מיט דיין תפלה וואָס דו האָסט געבעטן דעם יאָר: "חדש עלינו שנה טובה". די פאַרגאַנגענע טעג זיינען געוועזן צו טריב און צו טרויעריק, טעג, דורכגעווייקט פון טרערן און שטונדן געלייטערט אין יסורים.

איך ווייס אַז דו ביסט שוין פאַרמאַטערט פון די וואָכן אין וועלכע כמורבע וואָלקנס זיינען געהאַנגען איבער דיינע הימלען, דיקע וואָלקנס וואָס קיין ליכטיקער שטראַל האָט זיי ניט געקענט דורכברעכן צו ברייגנען דיר אַ פונק פון פרייד און האָפנונג.

איך ווייס, אַז אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָסטו אייניקע טרויעריקע קאַפּיטלאַך אין דיין לעבנס-געשיכטע פאַרצייכנט, קאַפּיטלאַך פון דיינע טרויעריקע דערפאַרונגען, וואו אַ סך פון דיינע טרוימען און האָפענונגען זיינען צעשטערט געוואָרן דורך די כוואַליעס פון דער צייט און זיינען שפורלאָז פאַרשוואונדן. דו ביזט געבליבן באַליידיקט און ענטוישט...

עלענד אין לעבן און הילפלאָז, ניט זיין אימשטאַנד צוזאַמענצענעמען די בלעטער פון די בלומען וועלכע דו האָסט מיט שווערער אַרבעט געפלאַנצט און וועלכע אַ בייזער, גרויזאַמער שטורם האָט פלוצלונג צעריסן און פאַרזאָגט צו אַלע ווילדע רוחות, וואו ניט דיינע אויגן וועלן זיי זען און ניט דיינע הענט וועלן זיי קענען דערגרייכן... דערשלאָגן, פאַרמאַטערט פון טעג פאַרגאַנגענע, ביזטו געקומען בעטן פאַר אַ "נייעם גוטן יאָר".

יאָ, איך ווייס דיין פאַרלאַנג, אָבער איך ווייס אויך דיין שוואַכקייט.

דיין טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס אַלעס ווערט ביי דיר גלייך אַלט. די פאַרגאַנגענהייט איז בלויז אַ פּאָר טעג אַלט—און שוין איז זי ביי דיר ווערטלאָז און נוצלאָז, פאַרגעסן און גענצלעך אָפּגעווישט. די אַלע קאָסטבאַרע מתנות וואָס מען האָט דיר פון הימל געשאָנקען, קיין אונטער־שייד ווי שיין זיי זיינען נעכטן געווען, זיינען ביי דיר, אַזוי גיך ווי דו האָסט נאָר דיין האַנט אויף זיי אַרויפגעלייגט, געוואָרן אינהאַלטסלאָז און מיאוס... ווי אַ קליין קינד וואָס וואַרפט אַוועק זיינע שפּילצייג אַזוי גיך ווי זיין נייגעריקייט איז געשטילט, האָסטו פאַרוואָרפן די אייגענע זאַכן, נאָך וועלכע דו האָסט זיך מיט טייוועלשען אימפּעט געיאָגט צו דערגרייכן שטענדיק געלאָפן, אימער נייגעריק געווען צו כאַפּן "דאָס נייע".

דו, וואָס דיין לעבן אין דער צייט פון אייביקייט איז ווייניקער ווי אַ "רגע", האָסטו קיין מאָל ניט געהאַט קיין געדולד פרידלעך און געמיט־לעך צו דערוואַרטן דאָס ניי געבאָרענע געגנשטאַנד וועלכע דו האָסט דער־וואַרטעט. מיט אַייזערנע ריטער האָסטו געשמיסן און געיאָגט די שטונדן, גיכער, גיכער, זאָלן זיי פאַרשווינדן כדי די נייע דערוואַרטעטע זאַך זאָל שנעלער קומען... דיינע אימפּולסן פאַר דאָס נייע האָבן אין דיר אַלערליי אי־לוזיעס געשאַפן, אילוזיעס אויף וועלכע דער הימל האָט אויף זיי קיינמאָל אַ שטראַל ניט געלאָזן פאַלן און די ערד האָט זיי קיין שפּאַן ניט געשאָנקען. דיין דורשט נאָך נייקייט האָט דיין פאַנטאַזיע אַזוי צעבלעזלט, אַז זי איז צעשוואומען איידער דו האָסט נאָך געהאַט צייט אירע קאָלירן צו דער־קענען.

און ווייל דו ליגסט אין דיינע תפלות די הויפּט־געוויכט אויף ניי־קייט, דערגרייכן זיי ניט דערפאַר די הימלען, עפענען פאַר דיר ניט קיין טיר, בויגן ניט די שטערן צו דיינע פאַרלאַנגען.

דיין טראַגעדיע באַשטייט ניט אימער אין דיין הילפלאָזיקייט, נאָר

אין דעם וואָס דיר פּעלט שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס די ווירקלעכקייט איז זינלאָז ביי דיר, און דאָס דערוואַרטעטע ווערט גלייך אַ פאַרגעסענע פאַר־גאַנגענהייט אַזוי גיך ווי זי דערגרייכט דעם שוועל פון דיין טיר.

אין מיינע אוצרות זיינען פאַראַנען אַ סך גוטע זאַכן, רייכטימער אָן אַ שיעור פון פאַרשידענע ווערטן. און דאָך קענען זיי דיינע וואונטשן ניט דערפילן. דיין שוואַכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס יעדער וואונטש דיינער שלעפּט מיט זיך נאָך זיין אייגענעם טויט, און יעדע נייע צעבליטע בלום, ווערט אַלט איידער אירע קנאָספּען ווערן פאַלקאָם צעבליט.

**
*

ווען דו ביזט מתפלל פאַר אַ נייעם גוטן יאָר, פאַרגעסטו דאָס איך, וועלכער זוכט יעדן טאָג און יעדע שעה דיך צו דערגרייכן, און פון וועמען דו זוכט נאָכאַנאַנד צו אַנטלויפן, פון וועמען דו האַלסט זיך אין איין באַ־האַלטן. איך, האָב אויך אַ פאָדערונג פון דיר, אַ שטרענגע פאָדערונג, אָבער ניט קיין שווערע.

אויב דו זוכסט אַ ניי יאָר, פאָדער איך פון דיר אַ נייעם מענטשן, אַ מענטש מיט פרישע געדאַנקען, מיט אַ נייעם כאַראַקטער; אַ מענטשן וועל־כער זאָל זיין שטאַרק אין זיינע מאָראַלישע באַשלוסן, וואָס זאָל זיך קע־נען גט׳ן מיט זיינע אייגענע שוואַכקייטן; אַ נייער מענטש וועלכער זאָל פאַר קיינעם ניט איינבויגן זיין רוקן און זאָל קיינעם ניט זוכן צו פאַרשקלאַפן. אַ נייער מענטש וואָס זאָל קענען צעברעכן די קייטן וואָס די אומ־וויסנהייט האָט מיט דער הילף פון טיראַנען זיינע הענט געשמידט און וועל־כער זאָל ניט זוכן צו שמידן קייטן פאַר אַנדערע . . .

איך פאָדער דיר אויף צו ווערן אַ נייער מענטש, צו ווערן כביכול מיין שותף און העלפן בויען אַ שענערע בעסערע וועלט; די וועלט, וועלכע דו מיט דיינע חברים פון דיין גלייכן האָבן זיך פאַרלעגט צו פאַרוואַנדלען אין

אַ גיהנום, און מיט אײַער ברענענדער תּאווה פאַר נייקייטן, האָט איר אירע גרונטן צעטרייסלט...

גלויב מיר, אַז איך האָב דיך ליב. און איך האָב דיך ליב, ווײַל דו ביזט דאָך דער איינציקער וועלכער זוכט מיך אין געוויסע מאָמענטן, רופט צו מיר און רעדט צו מיר... דײַן וואָרט, ווי שוואַך עס זאָל ניט זײַן, דערגרייכט מיר אימער. אָבער טראָץ דעם קען איך ניט דערפילן דײַנע אַלע פאַרלאַנגען. ניט ווײַל איך וויל ניט, נאָר הויפּטזעכלעך, ווײַל דו לאָזט ניט.

אַלע מײַנע ברכות ווערן בײַ דיר ווי אַטוואַרג אָפּגעשאַצט, און דײַן הונגער ווערט פײַנלעכער. דײַן יאָגן זיך שטענדיק נאָך נײַאיקייטן אַנט־פרעמדט דיר פון מיר און פאַרפירט דיר אין פאַרשווינדעלטע, פאַרדרייטע וועגן פון וועלכע איך דאַרף דיך מיט פיל שווערקייטן אַרויסראַטעווען. דײַנע האַנדלונגען שטעלן דיר אַוועק אין אַ פּאָזיציע, וואו דו ווערסט אַ לאַסט—אַ שווערע לאַסט פאַר אַלעמען—"העבדתני בחטאותיך, הוגעתני בעונתיך".

אַ נײַעם מענטשן פאָדער איך פון דיר! אַ מענטשן מיט העכערע עטי־שע באַגריפן, אַ מענטשן וואָס זאָל זוכן צו קומען נעענטער צו מיר און ניט אַנטלויפן פון מיר.

איך וועל צוהערן דײַן תּפילה, אויב דו וועסט דערפילן מײַן בקשה.

וועגן וואס פירן צו אים

(אם יש עליו מלאך מליץ)

געוויס איז אים זייער טייער יענע שעה וועלכע דו פאַנגסט אָן אים צו זוכן און שטרייַנגסט אָן פילע פון דיינע כחות כדי נעענטער צוצוקומען צו אים . . .

זיינע אַלע „ממונים” וועמען ער האָט די שליסלען פון זיין קעניגלעכן פּאַלאַץ אָנפאַרטרויט, זיינען שטריינג אָנגעזאָגט געוואָרן, צו עפענען די טירן פאַר יעדערן וועלכער קומט מיט אַן אויפריכטיק האַרץ, און מיט ציטערנדיקע הענט קלאַפּט ער אָן אין די „שערי תשובה” אָדער אין די „שערי רחמים” און בעט וויינענדיק:

אָ! האָט רחמנות! איך בין אַ צעבראָכענער פאַרוויסטער מענטש, אַ האַרץ פול מיט וואונדן; עפנט אויף די טויערן! לאָזט מיך אַריין אין קעניג־לעכן פּאַלאַץ, איך וויל אַז דער „מלך” אַליין זאָל וויסן מיינע צרות. איך וויל אים אַלעס, אַלעס דערציילן, און בלויז אים אַליין און ניט קיין אַנדערן פאַרלייגן מיינע אַלע בקשות...

יאָ, אפילו ווען דאָס זיינען די הויפּט מאָטיוון וועלכע טרייבן דיר אָנצוקלאַפּן אין די טירן פון זיין קעניגלעכן פּאַלאַץ, זאָג איך דיר אַז אַ „טיר” וועט זיך עפענען פאַר דיר וועלכע וועט דיר פירן, וואו עס איז, נעענטער צו אים, אָבער דער וועג וועלכער וועט דיר פירן צו אים איז ניט אַלע מאָל דער „דרך המלך”, נאָר מאַנכעס מאָל אַ קליין שמאָלער

דער באַשטימטער געוויסער וועג וועלכער פירט צו אים איז אין אמת'ן אַ ברייטער און אַ גלייכער—נאָר עס איז אפהענגיג אָן דיר, וועלכן דו קלייבסט אויס, אים צו זוכן. הויפטזעכלעך די מאָטיוון אָדער די סבות וועלכע באַשאַפן אין דיין האַרצן אַ ג—ט זוכעניש. יעדער מאָטיוו און יעדע סבה האָט אַ באַשטימטע „אָנווייזונג" וועלכע איז גאַנגבאַר בלויז אויף געוויסע וועגן.

וועלכע „אָנווייזונג" איז גוט אויף דעם „דרך המלך" און וועט דיר גלייך ברייגען צו אים, און וואָס זיינען די באַדינגונגען וועלכע באַרעכטיקן איינעם צו דער פריוויליגירטער „אָנווייזונג"—דאָס וויל איך טאַקע יעצט אין די הייליקע טעג פון ג—ט זוכעניש דיר דערקלערן.

ווען דאָס האַרץ ווערט פאַרוואונדעט פון דיינע אייגענע שלעכטע האַנדלונגען,—דיין רשעות נעמט ווערגן דיין נשמה; דיין געוויסן נעמט דיר אַליין בייסן מיט די אייגענע און זעלבע חיה'שע ציינער מיט וועלכע דו זעלבסט האָסט אַנדערע ווי געטאָן; דער פעסטער אייביקער מאָראַלישער געזעץ פון „תיסרך רעתך ומשבותיך תוכיחך" גיט דיר קיין רו ניט בייטאָג און פאַרמאַטערט דיך מיט בייזע חלומות לאַנגע נעכט—דו ווילסט פון זיך אַליין אַנטלויפן און געפינסט אַלע וועגן פאַר דיר פאַרצאַמט, און בלויז איין וועג איז געבליבן אָפן פאַר דיר—דער וועג וועלכער פירט צוריק צו אים...

אַ צעבראָכענער און אַ פאַרשעמטער אין אַ לאַגע פון „כבשת גנב כי ימצא..." אַ גנב וואָס מוז צו זיין צער און שאַנדע אַליין אומקערן די גע־גנב'עטע סחורה, ווען דו ווערסט בעגרייפן אַז דיינע אַלע נידעריקע "תאוות" וועלכע דו האָסט געזוכט צו זעטיקן זיינען בלויז "קברים וואָס דו זעלבסט האָסט אויסגעגראָבן מיט דיינע אייגענע הענט—און בייזע גייסטער וועלן

דיך פון יענע קברים טרייבן צו אים צו זוכן אַ שטיקל מנוחה פאַר דיין פאַרוואונדערטער נשמה—זאָג איך דיר, אַז וועלכער עס איז מלאך וועט עפענען אַ טיר פאַר דיר און אין אַ האַלב פאַרשטיקטן טאָן זאָגן: ״אויב דו מיינסט מיט אַן אמת, קענסטו אַריינגיין״, וועט מען פילייכט דיך צולאָזן צו אים...!

**
*

און מאַנכעס מאָל ווייס איך אַז ניט דיין אייגענע רשעות וועט דיר טרייבן צוריק צו אים, נאָר די רשעות פון אַנדערע—אַ געזונקענע וועלט, אַ וועלט אין וועלכע דו האָסט אַזוי פיל געגלויבט—מענטשן וועמען דו האָסט הויך געשעצט, אין וועמעס ערליכקייט דו האָסט קיינמאָל ניט געצווייפלט... זיי האָבן דיר אַזוי פיל צוגעזאָגט—און זייערע אַלע הבטחות זיינען געוואָרן צעריבענע שטרוי... מיט אַ סך חניפות און שקרים דיך פאַרפירט אין פינסטערע פוסטע וועלטן, די אידעאַלן וועלכע דו האָסט פארערט און געדינט מיט דיין מאַרך און די הייליקסטע פעדים פון דיין נשמה זיינען פלוצלונג צעבערעקלט געוואָרן. די פאַלשע משיחים זיינען געוואָרן מיט איין מאָל אין שדים פאַרוואַנדלט און זייער גאולה וואָרט. אַז זיי וועלן איניגיכן די מענטשהייט באַפרייען, און שאַפן אַ נייע וועלט און ליכטיקערע הימלען, און בינדן אַ מענטשן צו אַ מענטשן מיט ליבע פעדים אין אַן אייביקן בונד, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נבוכדנצר גולם וועלכער איז צעפאַלן אין שטיקער און בייזע רוחות האָבן פאַרוויסטעט דאָס גרויסע וואָרט „גאולה״ און אַוועקגעשטעלט אויף זיין פלאַץ הענקערס און רוצחים וועלכע דער גיהנום האָט מער ניט געקענט פאַרטראָגן און זיי אַרויסגעשפּיגן אויף דער אומגליקלעכער ערד. און דו ליגסט אַ פאַרוואונדעטער אין אַנטוישטער. אַ פאַרגאַנגענהייט, אַ בלוטיקע, אַ שוואַרצע—אַ צוקונפט אַ פאַרכמאַרעטע, צעבראָכענע אידעאַלן, מענטשן וועלכע זיינען געכטן געווען ווי מלאכים פאַררעכנט ביי דיר—זיינען היינט די עקלהאַפטיקסטע טייוואָלים...

דו שרעקסט זיך פאַר זיי. דו ווילסט זיי מער ניט אָנקוקן, זיי האָבן

דיך אַנטוישט, דיר טרעקלעך ווי געטאָן, די גאַנצע ערד ברענט אונטער דיינע פיס און געפינסט ניט קיין מקום מנוחה, ניט ביי פרעמדע און ניט ביי זיך אַליין...

און ענדלעך נעמסטו זוכן דעם וועג צו אים. דורך געשליינגלטע שמאָ־לע וועגן געפינסטו אַ טיר און עפענענדיק די טיר וועלכע פירט צו אים, שרייסטו צעווייטאָגט אָבער מיט פרייד און האָפענונג, „עתה ידעתי, כי גדול ה׳ מכל אלקים!״

האָט רחמנות, לאָזט מיר אַריין!

יאָ, אַפילו ווען דיין קומען צו אים איז פאַראורזאַכט געוואָרן ניט דורך ריינע מאָטיוון, נאָר ווייל דער שטן האָט דיך פון דיין אייגענער וועלט אַרויסגעטריבן, זאָג איך דיר, דאַן וועט זיך אויך געפינען אַ גוטער מלאך, וועלכער וועט אויפשליסן אַ טיר פון זיין פּאַלאַץ, און וועט זאָגן: ״אַפילו פאַר אַזעלכע ווי דו, איז נאָך דאָ פּלאַץ, גיי אַריין...״

**
*

און זוכסטו אים, אַמאָל ווייל די ווינטן פון הימל האַלטן אין איין בלעזלען דיין נשמה. הגם זיי רירן איר אָן מיט צערטלעכקייט דאָך פאַר־אורזאַכן זיי גרויסע שטורעמס אין דיין האַרץ, אַ ברויזנדן ים, וואו דיינע געפילן שטורמען, ווי ברויזנדע כוואַליעס אין ים, יאָגנדיק איינער דעם צווייטן אָן אויפהער.

דו נעמסט פילן אַז דו ביזט שוין פאַרמאַטערט פון דיין סביבה—די אַלע זאַכן וועלכע דו האָסט טייער געהאַלטן יאָרן לאַנג הייבן אָן פאַרלירן זייער חן אין דיינע אויגן, די זאַכן וועלכע ליגן אויף דער אויבערפלאַך, וועלכע שטעלן צופרידן דיינע ״קלענערע חברים״ פון נידעריקן שטאַנד, ״חברים״ פון גאַנץ אַלטע צייטן... די אַלע זאַכן ווערן איין מאָל ווערטלאָז, אָן אינהאַלט אַז דו נעמסט גראָבן טיפער און טיפער...

דער מח דיינער, דער אינסטרומענט פון דיין שכל, זוכט און מאַטערט זיך זיי צו דערקלערן, צו געבן דיר אַ מיין אין לעבן, אַן אָנהאַלט אויף וועלכן דו זאָלסט זיך קענען אָנשפּאַרן. און נאָך פילע מאַטערנישן און גרויס אָנ־שטריינגונג מאַכסטו די גרויסע אַנטדעקונג אַז דיין שכל אויף וועלכן דו האָסט זיך אַזוי פיל פאַרלאָזן, איז גאָר ניט אַזאַ גרויסער העלד ווייל איי־זערנע הענט האָבן מיט איינמאָל דיין שכל איינגעקלאַמערט און געמאַכט אים אומבאַוועגבאַר און אַרבעטסלאָז...

און דו, אומגליקלעכער, נעמסט דערשפּירן די גרויסע ליידיקייט וועלכע איבערשווימט דיין האַרצן—אַ ליידיקייט וועלכע האַלט דיר אַ גע־פאַנגענעם, אַ גרויסן טיפן חלל אין וועלכע דו פילסט אַז דו ווערסט דער־טרונקען; אַ פּוסטקייט וואָס מאַכט דיין לעבן שרעקלעך מוטלאָז און האָ־פענונגסלאָז; אַ פּוסטקייט אין וועלכער דו פילסט אַז דו ביזט שטענדיק הונגעריק און קענסט ניט געפינען קיין זאַך וועלכע וועט שטילן דיין הונגער.

אַ נייגעריקייט וואָס האַלט דיר אין שטענדיקן טרייבן צו זוכן זאַכן וועלכע דו האָסט קיין מאָל ניט געהאַט און קיין מאָל ניט פאַרלאָרן. אַ וואָרט האַלט אין שטענדיקן עגבערן דיינע געדאַנקען און געפילן! אַן איינהאַלט אין לעבן!

און ענדלעך נאָך פילע שלאָפלאָזע נעכט און שטורעמדיקע טעג, אויס־געמאַטערט און דערשעפּט, פאַנגסטו אָן אים זוכן און קלאַפּן אין זיינע טירן. און דיינע בלוטלאָזע ליפּן שעפּטשען: "חלקי ה' אמרה נפשי..."

זאָג איך דיר אַז מען וועט דיך אַריינלאָזן צו אים, זיינע "שומרים" פון זיין פּאַלאַץ וועלן פאַרשטיין דיין צער, יסורים וועלכע ווערן געבאָרן אין ליידיקייט, זיינען פאַר א מלאך מער באַגרייפלעך ווי אַנדערע יסורים, אַ טיר וועט ער עפענען פאַר דיר פון וואַנען אַ שטימע וועט דיר דערקלערן

דעם סוד פון דיין לעבן, זאָגן וועט ער דיר, אַז קיינער וועלכער קומט נאָ־ענט צו אים, ליידט ניט פון דער „פוסטער קראַנקהייט". די אַלע וועלכע זוכן מיט אַן אמת אין אים אַן אינהאַלט פאַר זייער לעבן צו געפינען, גייען ניט צוריק מיט ליידיקע הענט און אודאי ניט מיט אַ פוסטן האַרץ...

**
*

ווייסן ווייס איך אויך, אַז מאַנכעסמאָל, הגם זייער זעלטן, ווען דער גאַנג פון טאָג טעגלעכן לעבן ווערט דיר איבערדריסיק, דער נוסח צו שאַבלאָניש, די מאַטעריעלע דערגרייכונגען טעם־לאָז און די חניפות פון דיינע פריינט בראַזגענען ווי צעבראָכענע טעפּ... דו פאַנגסט אָן זוכן בייע ליכטיגערע וועלטן, העכערע ספערן.

וויט, וויט, צווישן די שטערן, זוכסטו דיין וועג, אין פאַרכשופטע וועלטן שווימט דיין נשמה וואו מיליאָנען גאָלדענע פינגער און פייער־שטראַלנדע אויגן ווינקען צו דיר, רופן דיך:

קום! זע די וואונדער וואָס ער האָט באַשאַפן!

פאַר דיר אין די אויגן ציט אַרונטער די וועלט אירע וואָכעדיקע מלבושים פון זיך און וואו דו קענסט דערגרייכן, זעסטו איבעראַל וואונדער איבער וואונדער. דער גאַנצער קאָסמאָס רעדט צו דיר אין אַ יום־טוב'דיקער שפּראַך.

פון די גרויסע מורא'דיקע בערג הערסטו "ספּורים" פון גאָר אַלטע צייטן, ווי אַמאָל, אַמאָל, האָבן זיי זייערע קעפּ געצוואָגן אין יענעם טיפן ים...

און דער וואַלד וועלכער האָט אין אָנפאַנג מיט "טרערן" אויסגעוויינט...
בעטן אַ שטיקל פלאַץ ביי די פיס פון באַרג און מיט גאוה זוכט ער יעצט

זיין ״בעל הבית״ אַריבערצעוואַקסן... דערציילט דיר אויך מעשיות אָן אַ שיעור, ווי יעדן פרימאָרגן קומען גוטע מלאכים פון ערגעץ וואו ווייטע, ווייטע, באַהאַלטענע וועלטן און טוען אים אָן—גאָלדענע קרוינען אויף זיין הילצערנעם קאָפּ...

און יעדן פאַרנאַכט קומט צו אים די ליבע גאָלדענע מאַמע... און קושט אים אָן דעם וואַלד אַ פולן קאָפּ... אין איר הערלעכע שפּראַך זאָגט זי: ״שלאָף מיין קינד רואיק און געמיטלעך, מאָרגן גאַנץ פרי וועל איך קומען ווידער דיר זען...״

דו זאָגסט וואו דו גייסט געפינסטו אַ וועלט מיט וואונדער, איינער גרעסער פון דעם אַנדערן, און איינער ענג פאַרבונדן מיט צווייטן, די שטערן מיט די בלומען, די בערג מיט די גראָז, די טיפע ימים מיט די העללייכטע וואָלקנס וועלכע וויגן זיך איבער זיי. די פאַרגליווערטע שטיינער מיט די ,,טרערן״ וועלכע פאַרטרויערטע הימלען ווײנען אויס איבער זייערע קעפּ, אַלע זיינע פאַרוואונדעטע, קינדער פון איין און דער זעלביקער משפּחה, געבאָרן און אויסגעהאָדעוועט ביי איין ,,פאָטער״, געפירט און געצערטלט פון איין גרויסער רחמנות׳דיקער האַנט. אַ האַנט וואָס פירט אַלעמען מיט וואונדערבאַרער אָרדענונג און האַרמאָניע.

עס איז שווער צו באַגרייפן, שווער אַפילו ווען דיין שכל וואָלט טויזנט מאָל פאַרדאָפּלט געוואָרן. דו פילסט אָבער, אַז דיין האַרץ ציט דיר אַהין און צו אים. אַהין צו די פאַרבאָרגענע וועלטן וועלכע זיינען מיט סודות פאַרוויקלט און מיט אַזוי פיל רייצנדע שיינקייט אַריינגעטונקט, און ווען דו וועסט אַהין קומען, וועסטו אים, דעם גרויסן וואונדערבאַרן שעפער קעניג געפינען...אָנקלאַפּן וועסטן אין טיר פון זיין קעניגלעכן פּאַלאַץ: ,,ביטע, לאָזט מיך אַריין! אַ גרויסע מתנה דעם קעניג געבראַכט. די שענסטע זאַכן וואָס ער האָט אין זיין וועלט פאַרפלאַנצט, האָב איך אין מיין

„ברכי נפשי״ איינגעוועבט. גיט מיר די מעגלעכקייט אַהין אין זיין פּרעכ־טיקן פּאַלאַץ טיפער אַריינצוגיין, אום איך זאָל מער זיינע וואונדער שאַפונ־גען זען און צו אים נענטער קומען״.

און דער מלאך, אַ גוטער, אַ שיינער, וועט דיר זאָגן: „געוויס איז טייער דיין מתנה וואָס דו האָסט געבראַכט—מיר ווייסן דאָ אין הימל וויפיל צייט, מי און זוכעניש דו האָסט געגעבן כדי דיין „ברכי נפשי״ אויסצושפּי־נען פון דיין נשמה... און ברייגנען דאָס אַהער... אָבער איך מוז דיר דער־מאָנען אַז הייגט פּאַסירט גרויסעס און דערהאַבענעס אין זיין פּרעכטיקן פּאַלאַץ. דער „פּאַסוואָרט״ פאַר היינטיקן טאָג איז: המלך — אָן דעם קען קיינער ווייטער ווי די טיר ניט גיין . . .

איך מוז דיר אויפמערקזאַם מאַכן אַז ווען איינער געפינט זיך אין זיין נאָענטער אַנוועזנהייט, מוז ער זיין העפלעך און גייסטרייך צו קאָנצענ־טרירן זיינע אַלע געדאַנקען און בליקן צו באַוואונדערן בלויז זיין מאַיעס־טעטישע גרויסקייט — צו באַטראַכטן די שיינע מעבל פון זיין פּאַלאַץ ווען ער אַליין רעדט צו דיר, איז ניט ווירדיק פאַר דיר און אַ באַליידיגונג פאַר אים . . .

יאָ, דו קענסט גיין ווייטער, אויב דו וועסט די מדרגה דערגרייכן, אַז די אַלע עולמות זאָלן אַמווייניגסטנס פאַר אַ קורצער צייט דיך ניט רייצן און דיין נשמה זאָל אָנפּאַנגען דערפילן דעם גרויסן סוד פון מלכיות . . .

איך האָב נאָך מיין גלויבן אין דיר מענטש ניט פאַרלאָרן

יאָ, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דו ווערסט צווייפלען אין מיינע ווערטער און וועסט קוקן אויף מיר מיט פאַרדאַכט, ווען איך זאָג, אַז איך גלויב באמונה שלמה, אַז דו מענטש, וועסט סוף כל סוף זיך דערהוילן פון דיין איצטיקער שווערער קראַנקייט, פון דעם גרויסן וואַנזין, פון וועלכן דו ליידסט די לעצטע עטלעכע יאָר, אַ קראַנקייט, וואָס האָט דיין נשמה צעפרעסן, וואָס האָט דיין האַרץ אין אייזן פאַרוואַנדלט, דעם צלם אלקים פון דיר אויסגעטאָן און דיך אַנטבלויזט פון אַלע מאָראַלישע און עטישע פּרינציפּן.

דו האָסט דעם גן עדן, וועלכן דו האָסט מיט דיינע אייגענע הענט אויפגעבויט, פאַרברענט און ביסט צוריק אין וואַלד אַנטלאָפן. ביסט אַ ווילדע חיה געוואָרן—אַ חיה מיט אַלע ווילדע חיות צוגלייך—און די חיה׳שע אינסטינקטן זיינען דיינע אידעאַלן געוואָרן.

דער שטורם פון וואַלד איז געוואָרן פאַר דיר די שענסטע מוזיק. אין צעשטערונג און פאַרניכטונג זעסטו דעם אויפשטייג פון דער מענטשהייט.

אין דעם העלישן פייער, אין וועלכן דו ברענסט דיין ברודער, דענקסטו אויסצולייטערן דיין קראַנקע נשמה און אין דעם אויערן פאַרטויבנדן קראַך פון קאַנאָנען, דענקסטו צו געפינען מנוחת הנפש . . .

רויב, בלוט און מאָרד זייַנען געוואָרן דייַנע פירנדיקע שטערן, צו געפינען, ווי דו מיינסט, דעם לאַנג געזוכטן וועג צו אייביקער גליקזעליקייט.

אַזוי דענקסטו, אַזוי פילסטו.

יאָ, געפערלעך קראַנק ביסטו, מכף רגלך עד ראשך אין בך מתום.

און דו זוכסט זיך אַליין איינצורעדן אַז אין אַזאַ צושטאַנד וועסטו שוין אייביק פאַרבלייבן, אַז די וועלט וועלכע דו האָסט פון אַ פּאַלאַץ אין אַ טורמע איבערגעבויט, וועט דיך אייביק אין קייטן געבונדן האַלטן, קייטן וועלכע דו אַליין האָסט אויסגעשמיט — אַליין, פאַר זיך אַליין . . .

**
*

יאָ, איך ווייס וואָס דו טראַכסט און דענקסט. איך ווייס אַלעס, אַלעס. קיין זאַך קענסטו פאַר מיר ניט באַהאַלטן. ניט דייַנע יסורי הגוף און ניט דייַנע יסורי הנפש . . .

איך זע ווי דו בלוטיקסט פון דייַנע טיפע וואונדן און איך באַמערקט ווי די ווערים פון יאוש צעפרעסן דייַן גרויסן גייסט — דער גייסט וואָס האָט דיר פאַר אַ מענטש געמאַכט און האָט אין דיר געטלעכע פונקען אָנגעצונדן.

דאָס אַלעס ווייס איך און זע. און דאָך האָב איך אין דיר מענטש מייַן האָפענונג ניט פאַרלאָרן . . .

איך בין פעסט איבערצייגט, אַז דער צושטאַנד דייַנער וועט אייביק ניט אָנהאַלטן, דאָס געטלעכע פונק אין דיר וועלכע דו דענקסט צו האָבן אינגאַנצן פאַרלאָשן, גליט נאָך אין דיר און וועט מיט געטלעכן גלוט דייַן האַרץ צוריק אָנצינדן אין אַ פייער וואָס וועט דיך ניט ברענען און וועט

ניט זוכן יענעם צו פאַרברענען, נאָר עס וועט דיין האַרץ וואַרימען, ווייכער מאַכן, און העלפן מיט אַנדערע הערצער זיך צו פאַרשמעלצן אין מענטש־לעכער ליבע און אין אַ געטלעכן בונד . . .

**
*

ווער ניט פאַרפירט מענטש, פון דעם שטן און זיינע ווילדע רוצחים־משרתים, וועלכע ווילן דיר איינרעדן אַז זיי האָבן דיך אָפּגעקויפט און דו מוזט זיין זייער אייביקער שקלאַף . . .

עס איז ניט אַזוי!

אויב דיין זכרון איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטונקלט, וועט ער דיר דערמאָנען אַז דו האָסט שוין פילע מאָל אַזעלכע שווערע צייטן דורכגע־לעבט. „מה שהיה הוא שיהיה״. דו האָסט שוין פילע, פילע שווערע מלח־מות דורכגעמאַכט—מלחמות אין וועלכע דיין אייגן האַרץ איז געווען די שדה המערכה, וואו די געטלעכקייט און דער שטן האָבן געקעמפט פאַר דער באַהערשונג פון דיין נשמה... און נאַטירלעך איז די געטלעכקייט געווען דער זיגער, ווייל אין דעם פראָצעס פון געשיכטע פאַרלירט די געטלעכקייט קיין מאָל ניט . . .

**
*

אַ שרעקלעכע זאַווערוכע, אַנטשטאַנען פון אַ שדים טאַנץ, האָט דיין האַרץ אַזוי צעווילדעוועט, אַז עס ווייס מער קיין רו ניט . . .

ווי דער ים רייצט אויף זיינע כוואַליעס אין אַ פירכטערלעכן קאַמף איינע ווייל די צווייטע פאַרשלינגען—רגע הים ויהמו גליו.—הגם אַט די אַלע כוואַליעס האָבן זיך דערצויגן אויפן זעלבן בוזים פון ים, זיך אויסגע־ווינט און אויסגעוויקט אין דעם זעלבן נאַסן ווינט און דאָך פירן זיי אַזאַ

פאַרביטערטע מלחמה, מיט כעס און שוים זוכן זיי איינע די אַנדערע בייצו־קומען, אַזוי מענטש, דענקסטו, מוזטו אויך זיין, טראַצדעם וואָס דו ווייסט באַשטימט אַז דו און דיינע ברידער שטאַמען פון זעלבן יחוס און דאָס זעל־בע בלוט פליסט אין אייערע אָדרן, דאָך מוז איינער דעם אַנדערן אומ־ברענגען, איינער דעם צווייטן פאַרטיליקן. דיין האַרץ, וואָס איז טיף ווי דער ים, דענקסטו, קען קיין מאָל ניט שטילווערן . . .

אויב דו דענקסט אַזוי, לעבסטו אין אַ שרעקלעכן טעות, דער ים אַליין, דורך וועלכן דו ווילסט דיין ווילדקייט באַרעכטיקן, לייקנט דיין טע־אָריע. ער, דער ים אַליין, ווערט אויך רואיק נאָך יעדן שטורם... דער ים אַליין איז מער צייט רואיק און געלאַסן, ווי ער איז צעברויזט און צעווילדע־וועט. די אַלע קעמפענדע כוואַליעס קומען מיט דער צייט צו דער איבער־צייגונג, אַז מיט רוגזה וועלן זיי גאָרניט אויפטאָן... סוף כל סוף האָט דאָך דער ים פלאַץ פאַר אַלעמען, און מיט ברידערלעכער ליבע נעמען זיך די כוואַליעס צוזאַמען, עניוותדיק לייגן זיי אַוועק זייערע רונדע קעפעלאַך ביי דעם עלטערן ברודערס פיס און אַלע צוזאַמען ערנערן זיי זיך פון דעם מוטערס בוזים—ים.

די גרויסע אייביקע דראַמע וועלכע ווערט געשפּילט אין דעם פיזישן קאָסמאָס, ווערט אויך געשפילט צווישן די מענטשן אין זייער פסיכאָלאָ־גישער און סאָציאַלער וועלט—כל מה שיש בים יש ביבשה—הגם אין דער מענטשלעכער וועלט איז די דראַמע מער טראַגישער, מיט מער פאַטאָס און מיט גרעסטע קרבנות. דאָס מענטשלעכע האַרץ—דער ים וואָס איז פול מיט סודות. ווערט ביי געוויסע פסיכישע און סאָציאָלאָגישע שטערונגען מאַנכעס מאָל אַזוי ווילד אויפגעברויזט, אַז ער גייט אַרויס פון די ברעגעס. דער שטורם־ווינט איז אַזוי שרעקלעך פאַרוויסטענדיג, אַז ניט בלויז זוכט עס יענעם צו פאַרניכטן, נאָר ווערט דער שונא פון זיך אַליין און מיט האַס און גלוט זוכט עס אַלעס, אַלעס צו פאַרניכטן . . .

און מיט פייער דענקט דאָס האַרץ פייער צו לעשן און מיט בלוט וויל עס אָפּווישן די שפּורן פון זיינע רציחות . . .

אָבער דאַרפסט וויסן אַז קיין מענטש איז ניט פאַר׳משפט אויף אייביק צו בלייבן אין דעם פּסיכישן צושטאַנד. יעדער שטורם ווערט געטויטעט פון זיין אייגענעם אימפּעט. די ווילדע ברויזנדע כחות ווערן ענדלעך דער־שעפּט און מאַכטלאָז פון זייער אייגענער משא און די צעוואונדעטע נשמה נעמט זוכן איר תיקון דורך אַנדערע מיטלען ווי פייער און שווערד . . .

**
*

דו געדענקסט דאָך געוויס די גאַנץ אַלטע געשיכטע פון דעם שרעק־לעכן תליון נבוזראדן פון די אַמאָליקע באַבילאָניער, וועלכער האָט געפונען אין ירושלים די אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון דעם נביא זכריה—בלוט, וועלכע האָט געקאָכט און געזאָטן און ניט געקענט בלייבן שטיל. דער רוצח נבוזראדן האָט געדענקט אַז ער וועט מכפּר זיין בלוט מיט בלוט... האָט ער גענומען שעכטן אַלטע און יונגע, טויזנטער און טויזנטער און דאָס בלוט איז אַלץ ניט שטיל געוואָרן. דאָס קאָכן און זידן איז נאָך שטאַרקער גע־שטורעמדיקער געוואָרן. פון יעדן נייעם קרבן וואָס דער תליון האָט גע־שאָכטן, האָבן זיינע הענט אַלץ מער געציטערט און ענדלעך האָט אַפילו ביי דעם טיראַן זיין טייפלשע האַרץ געפּלאַצט און זיין פאַרבלוטיקטע נשמה האָט רעוואָלטירט קעגן זיינע אייגענע רציחות. אַ צעווילדעטע האָט די נשמה אויסגעשריען צו אים: דו וועסט קיינמאָל ניט איינשטילן בלוט מיט בלוט . . .

און זיין נשמה האָט אַזוי לאַנג געשריען און פּראָטעסטירט קעגן זיינע רציחות, אַז ער האָט זיין פּאָזיציע אויפגעגעבן און גענומען פאַר זיך אַ נייע ווענדונג אין לעבן . . .

דענק ניט אַז נבוזראדן איז אַן אויסנאַמע אין דער געשיכטע. נייך!

די אַלע וועלכע האָבן פאַר אַ ווײַלע פאַרלאָרן דעם וועג וואָס פירט צום הימל און זײַנען אין וואַלד חיות פאַרוואַנדלט געוואָרן, און האָבן געשוואָרן אײביקע ליבע צו שווערד און פײַער—די אַלע מוזן דערוואַכן. זײ מוזן, ווײַל זײער אײגענע נשמה לאָזט זײ ניט רוען. וואו זײ גײען געפינען זײ הימלען וועלכע שטורמען קעגן זײערע רציחות, און ערד וועלכע פראָטעסטירט קעגן זײערע פאַרברעכנס— „שמים יגלו עונו וארץ מתקוממת לו . . . ״

**
*

יאָ, דער שטורם וועלכער האָט צעברויזט דײַן האַרץ און האָט אין דײַן האַנט אַ שווערד דערלאַנגט, הײסנדיק „גײ שעכט״ — דער זעלבער שטורם וועט סוף כל סוף אַרויסרײַסן אָט דעם שווערד פון דײַן האַנט — ער וועט דײַנע אויגן עפענען און וועסט דערזען אַז גערעכטיקײט און ליבע זײַנען די לײטערס דורך וועלכע מען קען דערגרײכן צו די הימלען...

דער מענטש בלײַבט נישט קײן אײביקער געפאַנגענער אין די נעגל פון זינד און פאַרברעכן. עס מוז קומען אַ טאָג ווען ער באַפרײַט זיך פון דעם . . .

„אם יהיו חטאיכם כשני, כשלג ילבינו, אם יאדימו כתולע כצמר יהיו״.

**
*

און איך האָב אין דיר מענטש מײַן גלויבן ניט פאַרלאָרן, ווײַל אין די ערגסטע מאָמענטן פון דײַן רשעות און משוגעת, געפין איך נאָך אַלץ סימפּטאָמען פון מענטשלעכקײט אין דיר. איך זע אין דיר געזונטע קערנדלאַך וועלכע וועלן אויסלײַטערן דײַן נשמה פון דעם גאַנצן פסולת מיט וועלכן דו האָסט זי מטמא געווען.... איך האָב באַמערקט אַז אין דײַנע

נידעריקסטע געזונקענע מאָמענטן, ווען דו ווערסט שכור פון די בלוט וואָס דו טרינקסט, זוכסטו תמיד ערגעץ וואו אַ מאָראַלישן שוצפּונקט, אויף וועלכן דו זאָלסט קענען זיך אָנשפּאַרן.

דיינע אַלע מעשים תעתועים ווילסטו באַרעכטיקן, דיינע מערדערייען און גוואַלד־טאַטן ווילסטו מיט אַ מילדן טוי צודעקן און דיין פאַרבלוטיקט שווערד ווילסטו אין אַ הייליקן מענטעלע איינוויקלען . . .

דו אַליין שרעקסט זיך פאַר דער טומאה און מיט צענדליקע פאַלשע מיטלען זוכסטו די טומאה אין קדושה אָנצוקליידן . . .
האָסטו ווען געטראַכט וועגן די דאָזיקע פסיכישע דערשיינונגען?

ווען דו וואָלסט געזוכט זיך אַליין גרינדלעך צו פאַרשטיין, זיך אַליין טיפער צו אַנאַליזירן, וואָלסטו דאָך גלייך דערזען, אַז דו אַליין שרעקסט זיך פאַר דיינע מערדערישע טאַטן. „תיסרך רעתך ומחשבותיך תוכחך" — דיין אייגענער געוויסן מאַכט קיינמאָל קיין שלום ניט מיט דיינע אכזריותן און גיט קיינמאָל קיין הכשר אויף זיי . . .

אַ מבין וועט גלייך דערקענען אַז אַפילו אין די טיפעניש פון גרוב וואו דו ביזט געזונקען, דערגרייכן דיר אַלץ געטלעכע אָפּקלאַנגען וועלכע רופן דיר צו אַ בעסערער וועלט און אַ שענערער מענטשהייט.... דאָס איז דער סוד פון „השכן אתם בתוך טומאתם...."

דער אויסדרוק אַז קיין רשע באַרימט זיך ניט מיט זיינע פאַדאָרבענע מעשים— „אין אדם משים עצמו רשע"— איז אַ פעסטער פסיכישער געזעץ. דער גרעסטער רוצח זוכט צו פאַרטיידיקן זיין ברוטאַליטעט. מיט דעם באַשטעטיקט ער אַליין, אַז דער מענטש דאַרף זיין ערלעך, עטיש און מאָראַליש, נאָר זיין קראַנקער מח קען אים אפשר איירעדן, אַז זיינע מערדערישע טאַטן זיינען ווי עס איז באַרעכטיקט, אָבער מיט דעם צייגט ער אָן אַז דער גרונד פּרינציפּ פון דער מענטשהייט טאָר ניט און קען ניט זיין

מערדעריי און ווילדע מאַכט. ער זוכט נאָר זיין אייגענע רשעות פאַר צדקות צו מאַכן און גיט זיי אַ פאַלשן קאָליר, כדי די וועלט זאָל די פאַלשע סחורה ניט דערקענען . . .

און דווקא אַט־דער שקר דיינער, אַט דאָס פאַלשעווען דעם אמת, גיט מיר אַ פערספעקטיווע אַריינצוקוקן טיף, טיף אין די באַהאַלטענסטע ווינקלען פון דיין נשמה. דורך דיינע פאַלשע ווערטער און פאַלשע קלאַנגען דערקען איך אַז דו אַליין ווייסט יאָ דעם אמת וועגן זיך אַליין. אין דיינע פאַבריצירטע שקרים דערקען איך דיין פאַרוואונדעטע נשמה, וועלכע וויינט און יאָמערט אויף איר אייגענעם חורבן און רופט דיר צום געטלעכן משפט, צו אַ שופט פון וועלכן דו דענקסט אַז דו וועסט קענען פון אים אַנטלויפן אָבער צו וועלכן דו מוזט ענדלעך קומען צוריק.

וואַרשיינלעך קלינגען נאָך אין דיינע אויערן די וואונדערבאַרע ווערטער וואָס איינער אַ גרויסער פאָעט און פילאָזאָף—ר' שלמה גבירול איז געווען זיין נאָמען—האָט אַמאָל געזאָגט: „ואם תבקש לעוני אברח ממך עליך, ואתכסה מחמתך בצלך . . .״

***

און געדענקען זאָלסטו, אַז די וועלט וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין. עס האָט שוין אַ סך מאָל פאַסירט אין דער געשיכטע, אַז די ביידע עלעמענטן האָבן זיך פאַרשוואָרן חרוב צו מאַכן די וועלט. דורך אַ מבול, דורך ערדציטערניש, דורך פייער און לאַווע פון וואולקאַנען, דורך שטורמווינטן וועלכע האָבן די גרעסטע בוימער אויסגעריסן, אָבער חרוב מאַכן די וועלט האָבן זיי ניט געקענט. בלויז איר אַ סך צער פאַרשאַפט.. נאָך יעדער גרויסער קאַטאַסטראָפע זעסטו ווי די צווייגן שטרעקן אויס זייערע הענט צו זייערע צעבראָכענע ברידער, אַ באַרג צו אַ באַרג שמייכלט און בלומען צו בלומען ריידן מיט חן און מילדקייט . . .

גאָט האָט דער וועלט זיין ברכה געגעבן און איר אייביקייט געשאָנקען. און מיט דעם כח לעבט זי איבער אַלע אירע שונאים . . .

און די מענטשהייט האָט אויך די זעלבע ברכה געקראָגן — "ויברך אתם ויקרא את שמם אדם"—די אייביקייט וואָס דער קאָסמאָס באַזיצט—באַזיצט אויך די מענטשהייט.

אמת, דו מענטש האָסט אַ סך שונאים—דיין גוטער קאָפּ האָט אַ סך כלי זיין אויסגעטראַכט זיך אַליין צו פאַרניכטן. שנאה, שקר, זעלבסטנוציג־קייט, חניפה, צביעות, אכזריות, מלחמה און רציחה—געפערלעכע אינסטרו־מענטן וועלכע פארווירן דיין מח, צערייסן דיין נשמה און גיבן דיר ניט קיין מנוחה . . .

אָבער טראָץ די אַלע צעשטערנדע כחות וועלכע דו האָסט אַליין באַ־שאַפן, באַזיצסטו אין זיך באַהאַלטענע געטלעכע כחות וועלכע נאָך יעדן שטורם און יעדער פעריאָדע פון פארווירונג, שטעלן זיי דיך צוריק אין דיין מענטשלעכער ווירדע.

די באַהאַלטענע כחות וועקן און רופן דיר צוריק צו גאָט און צוריק צו דער גרויסער ווירדע וואָס לעבט אין דיר מענטש . . .

און דערפאַר וועסטו פאַרשטיין פאַרוואָס נאָך יעדן גרויסן מענטש־לעכן אומגליק נעמט זיך די מענטשהייט אָן מיט כחות אויפצובויען די חורבות וואָס זי האָט אַליין געשאַפן. . .

יאָ, איך פיל דיין צער, דיינע שמערצן זיינען מיינע שמערצן און דיינע טרערן רירן אָן די טיפסטע סטרונעס פון מיין נשמה. דיינע וואונדן ווייטאָגן מיין האַרץ אַזוי ווי דיין האַרץ. דיין ווילדקייט איז מיין גרעסטער צער. אָבער טראָצדעם האָב איך נאָך מיין גלויבן אין דיר, מענטש, ניט פאַרלאָרן.

ניין, דו ביסט ניט עלנט

תהום אל תהום קורא.

—דו באַקלאָגסט זיך שטאַרק אויף דיין עלנט, דו זאָגסט אַז אַלע האָבן דיך פאַרלאָזן און פאַרגעסן.

די נשמה דיינע לעכצט נאָך אַ פריינטלעכן וואָרט. דאָס אויג זוכט אַ ליבן בליק און דאָס האַרץ זוכט אַ צווייטע האַרץ, אַ מענטשלעך פילנדע האַרץ, און קענען זיי ניט געפינען. אַלע זיינען שטום געוואָרן צו דיין בעטן און דו נעמסט זיך שרעקן פאַר דיין איינזאַמקייט.

די גאַנצע וועלט קוקט דיר אויס אַ גרויסע פינצטערע חורבה, וואו בלויז מלאכי חבלה געפינען רו און רום.

און שרעקליכער ווי די איינזאַמקייט איז דאָס, וואָס די מלאכי חבלה האָבן אַרומגעצאַמט דיין נשמה מיט הויכע אייזן־געשמידטע ווענט, כדי דיין קרעכץ וועגן דיין עלנט זאָל פון קיינעם דערהערט ווערן. זיי האָבן דעם הימל מיט בלייענע וואָלקנס באַדעקט, כדי דיינע אויגן זאָלן אין ערגעץ ניט קענען אַ פריילעכן בליק געפינען. זיי האָבן די לופט מיט קאַנאָנען קראַך פאַרטויבט און אונמעגלעך געמאַכט אַז דיין וויי־געשריי וועגן דיין עלנד זאָל קענען אַ האַרץ דערגרייכן—אַ מענטשלעך האַרץ, וואָס אויך ווי דו זוכט זיך צו באַפרייען פון איר עלנט—דערגרייכן א נשמה וואָס ווערט אויך ווי

דיינע דערשטיקט פון איר איינזאַמקייט און זוכט זיך אויך צו באַפרייען פון דעם אומעט, וואָס האָט אויך זי אין קייטן געשמידט.

דיין נשמה ווי יענע, די צווייטע, זוכן איינע די אַנדערע אין די אייזערנע מחיצות, דענקסטו זיי לאָזן ניט זיי זאָלן איינע די אַנדערע זיך קענען געפינען.

און אַזוי ווערסטו פאַרצווייפלט.

דיין האַרץ ווערט צעפרעסן פון איר אייגענער עלנט. די שטילקייט פון טויט שפּרייט אויס ווייט און ברייט אירע פליגלען איבער דיר און דו דענקסט אַז דו ווערסט פאַרזונקען אין דער אייביקער איינזאַמקייט— "נשכחת כמת מלב היית ככלי אובד..." אין דיין איינזאַמקייט דענקסטו צו געפינען רעטונג. אין די פליגלען פון עלנט ווילסטו זיך באַהאַלטן. דאָרטן, דענקסטו, וועט דיך קיינער מער ניט זוכן. דיין האַרץ וועט בלייבן אַליין, אָפּגעריסן פון אַלעמען ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער בלאַט פון בוים, וואָס איז פאַר"יתום"ט אויף אייביק.

אַזעלכע שרעקלעכע געדאַנקען האַלטן דיר געפאַנגען און ווערגן דיר אָן רחמנות צום טויט.

יאָ, איך ווייס! דו טראַכסט אַזוי, אָבער עס איז ניט אַזוי.

דאַרום זאָלן מיר זיך דורכרעדן אַביסל וועגן דעם, "לאָמיר אַ קוק טאָן אויף דער וועלט און אויפוויקלען אַלץ, וואָס איז פאַרבאָרגן אין איר האַרצן. פילייכט וועלן מיר צוזאַמען אונזער שמערץ און אונזער עלנט קענען גרינגער מאַכן...

**
*

איך צווייפל ניט אַז איין זאַך וועגן אונזער וועלט ווייסטו—אין קאָסמאָס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע זעלבסטשטענדיקייט. עס איז ניטאָ קיין אָביעקט אין דעם גאַנצן וועלטאַל, וועלכער זאָל ניט זיין אָנגעוויזן אויף די

חסדים פון אַ צווייטן. קיינער פון זיי איז ניט גענוג רייך אַליין זיך מפרנס צו זיין און מוז נעבעך אַרויסקוקן אויף אַביסל שטיצע פון דער צדקה כללית — פון דעם גרויסן אוניווערז. דער בורא עולם האָט ניט געוואָלט קיינע פון די ברואים פאַרשעמען, האָט ער געבויט זיין וועלט אַזוי, אַז דער וועלכער איז א מקבל איז אויך אַ נותן... און אין דער גרויסער וועלט זיינען ניטאָ קיין אַבסאָלוטע גבירים און אייביק פאַרשאָלטענע אָרעמעלייט — גלגל הוא החוזר בעולם — אַלע געשאַפענע זאַכן זיינען נעמער און געבער צוזאַמען. די מערסטע פון זיי פירן דורך זייערע דאָפּעלטע פונקציעס אין דער זעלבער צייט. אַנדערע בייטן זייערע ראָלן אין פאַרשידענע שטונדן און אַנדערע אין אַ טאָג. היינט אַ קבצן וועלכער מוז זוכן אַ פּאָר זונענשטראַלן אַנצעוואַרע־מען זיין פאַרפראָרענעם גוף, אַ פּאָר טראָפּנס רעגן מיט וועלכע אָפּצעוואַשן דעם קויטיקן פּנים, אַביסל לופט כאַפּן אויפן באַרג, אַז ניט — ווערט מען פּשוט דערשטיקט... און דער זעלביקער קבצן, וואָס האָט אַנגעליען אַ וועלט, ווערט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער אַ גרויסער עושר, אַ נדבן, און טיילט אויס מיט אַן אָפענער האַנט אַ סך מתנות צו זיינע ברידער, וועלכע וואַרטן אויף זיין הילף...

גיב נאָר אַ קוק ווי די זאַנגען אין פעלד טראָגן זייערע גאָלדענע קרוי־נען אויף זייערע קעפּ, ווי זיי וואָלטן באמת געווען קינדער פון דור דורות גרויסע גבירים און פאַרגעסן אינגאַנצן אַז אַלעס וואָס זיי פאַרמאָגן זיינען געגעבענע זאַכן.

אונזערע אַלטע קלוגע חכמים, זכרונם לברכה, וועלכע האָבן גע־ציילט יעדעס וואָרט פון תנ״ך און געוואויגן, געמאָסטן און אונטערזוכט יע־דע דערשיינונג אין דער וועלט, האָבן אין דעם פסוק ״עולם חסד יבנה״ פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנצער קאָסמאָס אין אַ גמלות חסדים סאָסייעטי וואו אַלע לייען, באָרגן און צאָלן צוריק. ווער אין צייט, ווער אַביסל שפּעטער, ווער מיט פּראָצענט און ווער מיט אַ דיסקאונט... אָבער קיין אַבסאָלוטע זעלבסטשטענדיקייט אין דער נאַטור איז גאָר ניטאָ.

יאָ, איך ווייס, אַז איך האָב פאַר דיר קיין נייעס ניט ענטדעקט. דו ווייסט עס שוין פון לאַנג. געדענקסט נאָך דעם זין פון "ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה"—די וואָלקנס צאָלן צוריק צו דער ערד וואָס זיי האָבן ביי איר געקראָגן...

נו, אויב דאָס איז ניט קלאָר, דאַרפסטו אויך וויסן, אַז אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין זעלבסטשטענדיקייט אין דער נאַטור, אַזוי איז אויך ניטאָ קיין אַבסאָלוטע עלנדקייט אין דער וועלט.

דער בורא עולם האָט ניט געוואָלט פאַרזייען קיין שנאה אין דער וועלט אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט פאַרפלאַנצן אומגלייכהייט צווישן מענטשן. ער האָט זיין וועלט מיט חכמה געבויט און האָט זי אָנגעזאָפּט מיט אַ דראַנג פון ליבע, מיט אַ שטענדיקער זוכעניש פון איינער דעם צווייטן. נאָר די רשעים זעען אין דער וועלט אַן אייביקע מלחמה און קין איז זייער אייביקע וועלט . . .

מיר דענקען אַנדערש. אין דער געשיכטע וועגן דורות ווי מיר האָבן זי פאַרשריבן, איז "שת" דער צווייטער דור—קין דער רוצח איז אויסגעמעקט פון "סדר הדורות..."

מיר, ווען מענטשן וועלט באַנעם איז אַן צוייפל ריכטיקער און פינקטלעכער ווי ווען מענטשן אַנדערש, האָבן אין דער וועלט דערקענט די אייביקע ליבע, וועלכע האַלט די וועלט צוזאַמען און לאָזט ניט די גרונטן פון דער וועלט פאַנאַנדערפאַלן.

אין דער טיפעניש פון דער ערד וואַנדערן אַרום די פאַרזייטע קערנער, זוכנדיק זייערע נאָענטע פריינט יעדעס מאָל, ווען אַ ווערימל פאַרבלאָנדזשעט אין זייער טיפעניש, ווערט ער מיט גרויס ליבע עמפּפאַנגען. אַ גרויסער גאַסט. ער ברענגט אַ גרוס פון פאַרוואָגלטע פריינט.

און אין פעלד הערשט דאָך אַזוי פיל אחוה ואהבה, אַזוי פיל ברי־

דערלעכקייט. אַלע זיינען דאָך דאָרט סאָלידאַריש. מענטשן זיינען בלויז אַביסל טויב און בלינד און זיי דערהערן ניט די זעלטענע שירה און זעען ניט די ברידערלעכקייט וואָס דאָרטן הערשט, זאָל נאָר דער ווינט איינעם פון די זאַנגען אָנרירן, ווען אַלע אַנדערע באַלד זייערע קעפּ איינבויגן אין אויסדרוק פון מיטלייד און ברידערלעכקייט צו די געבויגענע.

האָסטו ניט געזען ווי די לאַנגע וואָרצלען אומאָרמען זיך איינער מיט דעם צווייטן. טיף, טיף אין דער ערד, און ווי די בלומען שמייכלען איינע צו די צווייטע? און די שטערן האָבן זיך נאָך קיינמאָל ניט אויפגע־הערט צו סוד׳ן זיך. בלויז פאַרליבטע האָבן אייביקע סודות צו דערציילן. זייערע געשפּרעכן ציען זיך טיף אין טאָג אַריין... "ברן יחד כוכבי בקר וירעו בני אלקים". ווען ניט די אינטימע פריינטשאַפט פון די שטערן, דאָס אייביקע ליבן איינער דעם צווייטן, וואָלט שוין לאַנג זייער האַרץ אויס־געגאַנגען אין אַנגסט פון עלנט.

די הימלען די הויכע, די ווייטע, פאַרגעסן קיינמאָל ניט זייערע ערדי־שע פריינט און האָבן אַ שמייכל אפילו פאַר די שטאַרבנדע גראָזען וואָס קייקלען זיך אין זאַמד. די הימלען לויטערע און ריינע דערלויבן אפילו מיאוסע שרצים צו טובלען זיך אין זייער הימלישן טוי...

איבעראַל די זעלבע דערשיינונג, די אייביקע פריינטשאַפט, די גע־שוואָרענע ליבע, די שטענדיקע זוכעניש...

און ווען די פויגלען אין וואַלד ווערן באַגייסטערט פון דער שיינקייט פון נאַטור, וואָס רינגלט זיי אַרום און הויבן אָן זייער "שיר הכבוד" מיט "אנעים זמירות" קומט גלייך דער וואַלד זיי העלפן, און אָט דער שטענדיק ברוגזער וואַלד, פאַלט אַריין אין כאָר—"נפשי חמדה בצל כנפיך כל רז שיריך"—דער וואַלד זינגט מיט די פויגעלאָך גלייך ווי ער וואָלט זייער חבר געווען. דאָס געשעט אַ דאַנק דעם קעטלעכן דראַנג פון פריינטשאַפט וואָס שאַפט די אייביקע האַרמאָניע צווישן אַלע זאַכן פון דער וועלט.

אין די רוישענדע כוואַליעס, די טומאַנען פון ים, קענסטו דערהערן דאָס ליד פון עלנד, די קרעכצן פון יתומים, ווען א ווינט אַן אכזר האָט אָפּגעריסן פון אַ מוטערס בוזעם וועלכע שווערן אייביקע ליבע צו זייער מוטער אַז זיי וועלן צוריק צו איר קומען אַזוי גיך ווי זיי וועלן נור דעם ברעג דערגרייכן. . .

אויך די טיפע אָפּגרונטן, די שטילע און די דערשלאָגענע, וועמען מען האָט צו אייביקער פינצטערניש פאַרמשפּט, אויך זיי זוכן זייער עלנט צו ברעכן. און אַ ברודער געפינט אַ ברודער—"תהום אל תהום קורא".

יאָ, איבעראַל, וואו נאָר דיין בליק וועט פאַלן, וועסטו זען אומעטום הערשט אהבה ואחוה—אַן אייזערנער דראַנג פאַר פריינטשאַפט און ליבע. ניטאָ קיין אַבסאָלוטע איינזאַמקייט אין דער וועלט...

***

און זאָג ניט אַז דער מענטש איז דער יוצא מן הכלל און קען בלייבן עלנט און איינזאַם.

ניין, עס איז ניט אַזוי! דו זאָלסט ניט דענקען, אַז דו ביסט אינגאַנצן אַנדערש פון אַנדערע באַשעפענישן. אמת, דו ביסט טאַקע אַ יחסן, אַ וואָרטזאָגער, אַ פירער אין דער וועלט, אָבער דענק ניט אַז דו ביסט אינגאַנצן אַ פרעמדער צו דער גרויסער וועלט פון דער נאַטור אויסגעהאָדעוועטע קינדער. האָסט זיך קיינמאָל אינגאַנצן ניט געזאָגט... דו ביסט נאָך אַלץ אַ ברודער צו אַלע פלאַנצן און צו די פויגעלעך, וועלכע זינגען אין וואַלד. זייערע סודות זיינען אויך דיינע סודות און זייער גורל איז אויך דיין גורל. פון דער זעלבער ערד זיינען זיי און דו אויף דער וועלט געקומען און די זעלבע הימלען הענגען איבער זייערע און דיין קאָפּ...

יעדעס מאָל ווען דו פילסט עלנד, פאַרלאָזן און פאַרגעסן, דאַרפסטו נאָר דיינע אַמאָליקע חברים אויסזוכן, וועסטו גלייך דערזען וואָס פאַר אַ

פריינטלעכן קבלת פנים, וואָס פאַר אַ האַרציקן ברוך הבא זיי וועלן דיר געבן.

ווען אין דער שטילקייט פון־דער נאַכט נעמט דיין האַרץ פילן איינזאַם און גאַרט צו הערן אַ וואָרט. צו זען אַ שמייכל, הויב דאַן אויף דיינע אויגן צו די שטערן, דיינע אייביקע פריינט, וועלכע האָבן נאָך קיינמאָל זייער ערלעכן שיינענדן פנים אָפּגעקערט פון דיר. זיי וועלן ריידן צו דיר אין דער אַלוועלטלעכער מלאכים שפּראַך, וועלכע איז מילד און ווייך און היילט אַלע פאַרשטויסענע נשמות... ניין! דו ביסט ניט עלנד, ווען דו האָסט אַזוי פיל שיינע חברים אַרום זיך...

און דענק ניט אַז די מענטשן וועלכע האָבן זיך אין מלחמה קליידער אָנגעטאָן, האָבן דיך אינגאַנצן פאַרגעסן. דו און זיי, זיינען פאַרבלאָנדזשעטע קינדער, אַזוי ווי דיין האַרץ צאַנקט פון איינזאַמקייט און לעכצט נאָך ליבע, זוכט אַ האַרץ פאַר וועמען מען זאָל קאָנען דעם "גאַנצן איך" אויפדעקן, אַזוי זוכן זייערע הערצער אַייך, און אין דעם זוכעניש ליגט טרייסט און האָפענונג. דער וואָס זוכט ניט, איז טויט. דער וואָס פילט זיך ניט איינזאַם, האָט ערגעץ וואו זיין מענטשלעך האַרץ אויף אַ שטיין פאַרביטן...

דענק ניט אַז דיין טרער ווערט אינגאַנצן פאַרגליווערט, דיין האַרץ פאַרשטיינערט און רירט קיינעמס האַרץ ניט אָן. ניין, ניין! זיי וואַנדלען אַרום מאַנכעס מאָל אַ לאַנגע צייט אבער געפינען ענדליך זייער תיקון. אַ טרער, אַ טרער דערזעט און אַ קרעכץ, אַ קרעכץ דערהערט. און זיי גיסן זיך צוזאַמען אין אַן אַנדער עלנדען האַרץ וועמען זיי ברייגען אַ גרוס פון אַ פאַרגאַנגענעם, פאַרלאָרענעם ברודער.

יאָ, איך ווייס אַז פאַרשידענע לשונות, פאַלשע פאַבריצירטע גרעניצן, אויפגעבלאָזענער און שלעכט אויסגעטייטשטער נאַציאָנאַליזם, האָבן שווערע מחיצות צווישן אונז אויפגעבויט, און די איינזאַמקייט פאַרגרעסערט, אָבער נאָך אַלע חשבונות און דקדוק ספרים איז פאָרט פאַרבליבן

איין מענטשלעכע שפראַך, וועלכע פאַרברידערט איין מענטש מיט דעם צווייטען. פרעמדע און ווייטע, וועלכע דו האָסט קיינמאָל ניט געזען און וועסט קיין מאָל ניט זען...

* * *

דו געדענקסט דאָך געוויס, וואָס איינער פון אונזערע גרעסטע נביאים האָט געזאָגט, אַז די נשמה אין איר איינזאַמקייט האָט אַ שטאַרקן באַגער, אַ זוכעניש פאַר דער גאָטהייט. "נפשי אויתך בלילה אף רוחי בקרבי אשחרך". דערדאָזיקער דורשט ווערט קיין מאָל ניט געשטילט אין מענטשנס האַרץ. אַזאַ הייליקער דראַנג אין מענטשן זיינען די פליגלען וואָס טראָגן אים צו גאָט און ווירקן אויף אים צו גרעסערע אָנשטרענגונג, און מער צו זוכן און צו נעמען פאַרשטיין ווי וויט ער איז פון דער געטלעכקייט. אָבער דער וואָס זוכט איז שוין מער ניט עלנד און פאַרלאָזן. איך בין אויך איבערצייגט אַז דער טיף־פילנדער מענטש אין דיר, צווייפלט ניט אין אָט־דעם אמת.

טראָץ דעם וואָס דער נביא אין זיין שטורמדיקן צאָרן שרייט אויס "מי יתנני במדבר מלון אורחים ואעזבה את עמי ואלכה מאתם"—גייט ער דאָך ניט אַוועק פון זיין פאָלק. אַ האַרץ צו אַ האַרץ איז אַזוי שטאַרק צוגעקניפט, אַז אַפילו דער פייער פון כעס קען עס ניט פאַרברענען.

דער הייליקער וואונטש און דראַנג פאַר געזעלשאַפט, פריינטשאַפט און ליבע, טרייבן כסדר אַ האַרץ זאָל אַ צווייטע האַרץ געפינען, וואו עס זאָל קענען גאָט'ס פרעכטיקן טעמפל בויען. דער וואונטש גיט דעם מענטשן קיין רו ניט. עס ציט מיט אַ מאַגנעטיש קראַפט דאָס עלנדע האַרץ צו געפינען אַ צווייטן—"איש באחיהו ידבקו יתלכדו ולא יתפרדו".

אָט אַזאַ נשמה זוכעניש און עלנד, איז אַ ברכה פאַר דיר, אַ ברכה איבער וועלכע דו ביסט ניט תמיד באוואוסטזיניק און ווייסט ניט ווי שטאַרק

צו שעצן. דאָס איז די קראַפט, וועלכע שלעפּט דיר דורך אַלע מדבריות כּדי דעם מענטשן צו געפינען. דאָס איז דער געטלעכער קול דממה דקה, וועלכער רעדט צו דיר אין שווערע מלחמה טעג, אין טונקעלע שטונדן, און דריבנע נעכט און וועלכער פירט דיר דורך פאַרשידענע מיסטעריעזע וועגן צו געפינען דאָס צווייטע האַרץ, וועמען דו גאַרסט צו געפינען.

פיליכט איז ווערט דיר צו דערמאָנען, וואָס אַ גרויסער אַמעריקאַנער מיסטיק־פילאָזאָף האָט אַמאָל וועגן דעם געשריבן: "דער דורשט פאַר ליבע — זאָגט ער — איז אַ פאַקל וועלכער ווי נאָר ער צינדט אָן די ערשטע קוילן... אין אַ ווינקל פון אַן איינצעלנעם האַרץ, ווערט עס צעפלאַקערט אין אַ הערלעכן גרויסן פייער, וועלכער וואַרעמט די אוניווערסאַלע אַלגעמיינע האַרץ און מאַכט ליכטיק די גאַנצע וועלט און נאַטור מיט זיין ליבע פלאַם..."

דער פייער איז גאָט'ס מתנה צו דעם מענטשן און קיינע מלאכי חבלה קענען אים ניט איינגאַנצן דערשטיקן און קיין וואַסער פון ים קען אים ניט געגצלעך פאַרלעשן. צווישן דעם הונגער פאַר אַ מענטשלעכע האַרץ און דאָס לעכצן פאַר פריינטשאַפט פון אַן אַנדער זוכנדע האַרץ, קענען קיינע מחיצות ניט בלייבן שטיין אויף אייביק, "אחד באחד יגשו ורוח לא יבא ביניהם". דאָס איז דער אונזיכטבאַרער און אייביקער סוד, וואָס פאַרטרייבט דיין עלנט.

דאָס איז אויך דער אַיינגעהילטער קאָסמאָס סוד, דער גרויסער נאַטור דראַנג פון "תהום אל תהום קורא."

זאג ניט, אז דו ביזט גארנישט

(ובנו ממך חרבות עולם מוסדי דור ודור תקומם)

אין דידאָזיקע ערנסטע פאַרכטיקע טעג, ווען אין געוויסע מאָמענטן פון התגלות, ניט פון פרעמדע וועלטן און ניט דוקא פון הימלישע ספערן, נאָר התגלות פון זיך צו זיך אַליין, דערוואַכט אין דיר דיין אייגענער איך וועלכער איז אַממערסטן אַ גאַנץ יאָר מאַט, באַוואוסטלאָז, טעמ׳לאָז און פאַרשלאָפן, און נעמט ספּאָנטאַן איבערקוקן די חשבונות וואָס צייגן שרעקלעכע גייַסטיקע און מאָראַלישע פאַרלוסטן... אין אַזעלכע טעג קומט צו דיר דיין נשמה אַ פאַרשעמטע, אַ פאַרוואונדעטע, אַ פאַרווייַנטע און טענה׳ט און מאָנט ביי דיר פאַרוואָס דו האָסט זי אַזאַ לאַנגע צייט באַליידיקט און פאַרפירט, געשלעפט זי אין קרומע וויסטע וועגן, אַז עס האָט כמעט זיך אויסגעלאָשן אין איר דער לעצטער געטלעכער פונק... האָסט אויסגעבויט גראָבע שווערע מחיצות צווישן איר און איר שעפער.

די נשמה וויינט און באַקלאָגט זיך דאָס דו האָסט איר אַזוי וויַיט אַוועקגעפירט פון ג—ט, אַז עס איז כמעט אונמעגלעך צו געפינען פאַר איר דעם וועג, וועלכער פירט צוריק צו אים . . .

אין אָט די אויפריכטיקע און אנדעכטיקע טעג פון חשבון הנפש, ווען דו זוכסט דיינע נשמה וואונדן צו היילן, דענקסטו אַז דער שליסל, וועלכער וועט עפענען פאַר דיר די שערי תשובה, איז צו דערקלערן זיך מאָראַליש באַנקראָט. פאַררעכנענדיק זיך אַלס אַ צעטראָטענע גראָז, אַלס אַ פאַרוועלקטע בלום, אַ צעפלויגענער וואָלקן און אַ צערונענער טרוים...

דו דערקלערסט זיך פאַר זיבן מאָל גאָרנישט, דענקסטו אַז מיט אַזאַ דעקלאַראַציע וועסטו אָפּווישן דײַנע זינד און בויען אַ בריק פון די צעפלויגענע וואָלקנס, איבער וועלכן דו וועסט בעענטער צו דײַן באַשעפער קומען. דו דענקסט אַז וואָס נידעריקער דו וועסט זיך אַליין אָפּשאַצן, אַלץ העכער וועסטו נתעלה ווערן; דענקסט, אַז פון די אַלע ווערטלאָזע עפּיטעטן, וועלכע דו וועסט צו זיך צושרײַבן, אַלץ אַ גרעסערע פיגור און שענערע פּערזענלעכקייט וועסטו אויסוואַקסן. דורך אַזעלכע געדאַנקען זוכסטו דײַן נשמה דערלייזונג.

טוט עס מיר ווי דיר צו זאָגן, אַז אין דעם מאַכסטו אַ טעות. דאָס איז ניט דער וועג וועלכער פירט צום הימל... אויב דו פאַררעכנסט זיך פאַר גאָרנישט, ביזטו גאָרנישט און קיינער פרעגט ניט נאָך דיר אין הימל. ווערטלאָזע זאַכן פאַרדינען ניט קיין פּלאַץ אין דער וועלט, ניט אויפן הימל און ניט אויף דער ערד... צעטראָטענע בלומען שמעקן ניט און צעפלויגענע וואָלקנס שטילן ניט דעם דורשט פון פאַרטריקנטע פעלדער...

מענטשן וועלכע דערקלערן זיך פאַר גאָרנישט, בויען ניט קיין וועלטן, טראָגן ניט די מענטשהייט אויף די פּלייצעס און קענען ניט דערגרייכן דעם הימל מיט זייערע קעפּ... מענטשן וואָס קוקן אויף זיך ווי אויף גאָרנישט, זײַנען שוואַך און מוטלאָז, זיי זײַנען ניט דינאַמיש גענוג צו קענען שטויסן די וועלט פאָראויס, און צו קענען פירן די מענטשהייט צו העכערע, שענערע ספערן.

די וואָס האַלטן זיך פאַר גאָרנישט, זײַנען האָפנונגסלאָזע באַשעפענישן אין וועמען דער יאוש האָט אַלעס פאַרצערט. זיי ציט קיין זאַך מער ניט אָן און זיי שרעקט מער ניט קיין יסורים.

דער גן עדן מיט אַלע זײַנע בלומען און דער גיהנום מיט זײַנע פּילקעפּיקע שלאַנגען זײַנען ניט קיין אינטערעס פאַר דעם מענטשן, וועלכער באַטראַכט זיך פאַר גאָרנישט. אַזעלכע מענטשן זײַנען בלאַס, קאָלירלאָז,

אינדעפערענט צו אַלעס און צו אַלעמען אַפילו צום אייגענעם איך. זייערע נשמות שוועבן אין עולם התהו און געפינען קיינמאָל קיין תיקון ניט. איך צווייפל אויב אַזעלכע וועגן וועלן דיר ווען עס איז אַרויספירן אויף דעם וועג צום "היכל התשובה" און "כסא הכבוד".

**
*

איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב אַ גאַנץ אַנדער מיינונג וועגן דיר. ביי מיר אין די אויגן ביזטו דאָס גרעסטע ווערק, וואָס דער וועלט אַרכיטעקט, דער בורא עולם זעלבסט האָט באַשאַפן. עס איז מיין טיפסטער וואונטש, אַז אויך דו זאָלסט נעמען טראַכטן אַזוי וועגן זיך...

שרעק זיך ניט. געוויס וויל איך ניט מאַכן פון דיר אַ בעל גאוה. איך קען אויך ניט פאַרטראָגן די ליידיקע קעפּ און די פאַרריסענע נעזער, וועל־כע פאַנגען אָן צו רעכענען די געשיכטע פון „בריאות עולם" פון דעם טאָג, אין וועלכן זיי זיינען געבאָרן געוואָרן. ווי דו, ווייס איך, אַז די פּוסטע זאַנגען אין פעלד, וועלכע האָבן ווייניק וואָס צו געבן דער וועלט, האַלטן זייערע קעפּ אויפגעהויבן און די פולע זאַנגען, אויף וועמען אַ גרויסער טייל פון דער וועלט איז אָנגעוויזן פאַר זיין קיום און חיונה, האַלטן זיך מיט גרויס הכנעה.

האָב קיין מורא ניט. איך וועל דיר אין יענער געזעלשאַפט און אויף יענע מיאוסע וועגן ניט פאַרפירן. ניין! ניט פאַר אַ בעל גאוה וויל איך דיר מאַכן, נאָר פאַר אַ בעל אחריות. וואָס איך וויל דיר קלאָר מאַכן איז, דו זאָלסט זיין וואָס דו דאַרפסט זיין, זאָלסט וויסן דעם געהויבענעם פּלאַץ וואָס דו פאַרנעמסט אין דער גרויסער וועלט, די ספּעציפישע פּאָזיציע פאַר וועל־כער די השגחה העליונה האָט דיך באַשטימט, די גרויסע אחריות וועלכע מען האָט דיר אָנפאַרטרויט, און דו זאָלסט תמיד געדענקען אַז ניט דו אַליין הייגסט אין דער לופטן און אַז אַ וואַגיקע שלעכטע האַנדלונג קען דיר

אַרונטערשלעפּן צו די נידעריקסטע גרונטן, נאָר די גאַנצע וועלט וויגט זיך מיט דיר אויף איין צוויג און דו, וואָס רעכנסט זיך פאַר גאָרנישט, ביזט דער יעניקער, וועלכער מוז די וועלט היטן און ראַטעווען פון אונטערגאַנג...

**
*

איך ווייס אַז דו לאַכסט צווישן די ליפּן פון מיר. דו טראַכסט: אָ, איך! ווער בין איך? „עפר אני בחיי קל וחומר במיתתי.״ ווער בין איך, איך זאָל זיין דער היטער פון דער וועלט?

נו, זאָג איך דיר נאָך אַמאָל, אַז ניט קוקנדיק וואָס דו ביסט שוואַך, וואָס דיין לעבן איז קורץ, וואָס דער קבר ווערט מיט דער צייט דיין אייבי־קער פּלאַץ, ביזטו דאָך גרויס, וואונדערבאַר און מאַנכעס מאָל ערהאַבן... איך באַטאָן—וואונדערבאַר ביזטו שטענדיק אָבער ניט אַלע מאָל ערהאַבן, גרויס, אָבער ניט אַלעמאָל גוט, גייסטיק שאַרף, אָבער אויך גרויזאַם. אין יענע מאָמענטן ווען דו אַנטלויפסט פון ג—ט, ווערסטו דיין אייגענער שונא און צינדסט אונטער די וועלט, וועלכע מען האָט דיר אָנפאַרטרויט צו היטן— אין יענע מאָמענטן ביזטו געוויס ניט ערהאַבן. די צעשטערנדע כחות וועלכע דערוועקן זיך אין דיר, פאַרדינען געוויס ניט קיין שירים ותשבחות...

אָט דאָן, מוז איך דיר זאָגן, איז מיין האַרץ אָנגעלאָדן מיט האַס צו דיר, אָבער אַפילו דאָן שטיי איך מיט באַוואונדערונג פאַר דיר. און גראַד אין יענע מאָמענטן וויינט מיין האַרץ אויף דיר, אויף די פּאָטענציעלע כחות וואָס דו האָסט, אויף דעם וואָס דו האָסט געקענט זיין און אויף די ביטע־רע ווירקלעכקייט וואָס דו ביזט. מיין האַרץ וויינט אויף דעם, וואָס דו האָסט געקענט די גאַנצע וועלט צו ג—ט פירן און צום סוף ביזטו פון אים גאָר אַנטלאָפן... ויתחבא האדם מפני ד׳ אלקים... דו האָסט די פיאיקייט צו לערנען די וועלט דעם געטלעכן שיר השירים זינגען און צווינגסט גאָר די וועלט איכה צו קלאָגן.

אָבער אַפֿילו דורך מײַנע טרערן דערזע איך אין דיר אַ ים דינאַמישע קרעפֿטן. דו ביזט אַ וועזן שטאַרק ווי פֿעלזן, דויערהאַפֿטיק ווי די שטערן, אַ גײַסט וואָס לאַכט דעם טויט אין פּנים אַרײַן און בויט אַ וועלט אויף יענער זײַט קבֿר, און ווען אַזאַ וועלט פֿאַרהאַקט פֿאַר דיר מיט כּעס אירע טירן, עפֿנסט אויף מיט דײַנע קינסטלערישע שליסלען נײַע מיסטעריעזע וועלטן פֿאַר זיך, וועלטן איבער וועלכע די מלאָכים זײַנען דיר מקנא און שפּרינגען קדוש פֿאַר דײַן שאַרפֿן מוח און שאַפֿנדן גײַסט.

ווער טראָגט נאָך אַזוי פֿיל אײביקע סודות אין זײַן האַרצן ווי דו, סודות וואָס זײַנען מיט הונדערטע זיגלען פֿאַר'חתמ'ט און קיינער קען זיי ניט אויפֿדעקן נאָר דו אַליין? און ניט נאָר דײַנע אײגענע סודות טראָגסטו בײַ זיך אין האַרצן, נאָר אויך דעם סוד העולמים. בלויז אין דיר און דורך דיר געפֿינט דער סוד העולמים זײַן אינטערפּרעטאַציע, זײַן האַרמאָנישע גאַנצקייט און זײַן צוזאַמענגעהעריקייט. אויסער דיר, ווען די וועלט שטייט אויסער דײַן מחשבֿה, איז די וועלט אַ צעשפּליטערטע, אַ צעריסענע. אַפֿילו צוויי גראָזן מאַכן ניט קיין גלײַכע ברידער און די שטערן ווילן אײנער דעם אַנדערן פֿאַרטונקלען מיט זייערע פֿאַרשאַרפֿטע בליקן. בלויז אין דיר, אין דײַן מחשבֿה ווערט די וועלט פֿאַראייניקט, בלויז ווען דו הויבסט אויף דײַן האַנט צו דיריגירן דעם גרויסן וועלט כאָר, דערהערט מען די וועלטלעכע סימפֿאָניע פֿון געטלעכע האַרמאָנישע קלאַנגען.

*****

ניין! זאָג ניט אַז דו ביזט גאָרנישט. איך גלויב דיר ניט און מיר דוכט זיך, אַז ג—ט אַליין גלויבט דיר אויך ניט. ער ווייסט, אַז דו ביזט דער אלף־בית פֿון זײַן געטלעכער שפּראַך. געוויס איז גערעכט געווען יענער חסידישער רבי־פּאָעט־פֿילאָזאָף, ווען ער האָט געזאָגט, אַז יעדער מענטש איז אַ שיר היחוד.

יאָ! דו ביזט דער שיר היחוד פון ג—ט. און ווען דו ווערסט דורשטיק נאָך אים, ווען דו זוכסט אים, איז אַ סימן אַז דיין הונגער נאָך מער "רוים", איז געוואָרן שטאַרקער אין דיר, דיין גייסט איז מער ניט צופרידן מיט אַ מאַטעריעלע וועלט פון גרעניצן, נאָר דו ווילסט זיך דערהויבן צו די געט־לעכע ספערן פון אומענדלעכן רוים און צייט.

אין יענע מאָמענטן שטרעבסטו אַריינצודרינגען צווישן ג—ט און דיין אייביקער זעלע, און יענע מאָמענטן זיינען די הייליקסטע אין דיין לעבן. און יענע איבערלעבונגען פון זעלישן הונגער גיבן דיר כח צו זיין אַ מענטש, אַפילו אין דיינע שרעקלעכסטע דעמאָראַליזירטע שטונדן און בלייבן עלעגאַנט פאַרפּוצט אין די שיינע בגדים וואָס אַ געטלעכע האַנט האָט דיר אָנגעטאָן, אויסגעשניטן לויט דער מאָדע פון "בצלם ובדמות".

און געדענק, אַז בלויז דיך אַליין האָט מען אַזוי אויסגעפּוצט, בלויז אויף דיר האָלט מען אַן אויג אַ וואַכע, א שאַרפע, בלויז פון דיר דערוואַרטעט מען גרויסע מעשים פון אייביקע ווערטן און בלויז מיט דיינע געדאַנקען און מיינונגען רעכנט מען זיך.

* * *

און ווען אפילו אַ בייזער גייסט מאַכט זיין געצעלט אין דיין מח און מאַכט פון דיין האַרצן א חורבה, פאַרלירט מען נאָך אַלץ ניט דעם גלויבן אין דיר. דיין "קרעדיט" אין הימל איז אַ גרויסער אפילו ווען דיינע מאָ־ראַלישע געשעפטן גייען באַרג אַרונטער... קיין מענטש ווערט דאַרט ניט ליקווידירט. מען האָט אַייזנפעסטן פאַרטרויען אין דיין כח צו קומען צוריק. אָט־דער גלויבן איז געבויט אויף דיין נשמה, ווייל זי איז אַ טייל פון דער גרויסער וועלט־נשמה. דו דאַרפסט נאָר דאָס פאַרשטיין און נעמען מער גלויבן אין דעם. גלויבן וואָס קומט פון טיפן דענקען, פון זעלישן הונגער, פון ניט וועלן בלייבן אָפּגעזונדערט פון ג—ט. ווען דער גלויבן, בעסער

געזאָגט, ווען אַזאַ דערקענטעניש וועט קומען צו דיר, וועסטו דאַן בייטן דיין נוסח, וועלכער רעדט פון דיין פיזישער שוואַכקייט, פון דיין שאָטנדיקן לעבן און פון דיינע געציילטע טעג. דו וועסט אָננעמען אַ נוסח, וואָס וועט ריידן פון דיין גרויסן שאַרפן אינטעלעקט, פון דיין אייביקן גייסט און פון דעם "נצוץ אלקי", וואָס ג-ט האָט דיר געשאָנקען, זיין גרויסן קאָסטבאַרן "אינוועסטמענט" וואָס ער האָט אין דיר געמאַכט. דער געטלעכער פונק האַלט ניט בלויז דיך צוגעבונדן צו אים, נאָר ער, כביכול זעלבסט, קען דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דיינע מאָמענטן פון הייליקער פרייד זיינען אים נאָענט און ליב און דיינע יסורים, ווען אפילו כשר פאַרדינטע, פאַרשאַפן אים, כביכול, פיל צער... דיין לעבן איז ביי אים טייער. ווען מען דאַרף פון דיינעם אַ שלעכטן ברודער דאָס לעבן צונעמען, איז יענעם טאָג די שכינה פאַרזאָרגט און פאַראומערט און אין באַהאַלטענע פלעצער וויינט די שכינה אויף זיין אומגליק... בלויז צו דיר רעדט ער און נאָר אין דיינע געצעלטן קומט ער הערן וואָס דו פאַרלאַנגסט פון אים און אפילו אין זיינע לויטערע אויסגעשטראַלטע הימלען צווישן דער הייליקער געזעלשאַפט פון מלאכים, פאַררעכנט ער דיר פאַר דעם גרויסן אַריסטאָקראַט.

אַזאַ אָפּשאַצונג און פאַרשטענדעניש וועגן דעם גרויסן פאַרנעם דיינעם אין דער וועלט, וועט דיך אַוועקשטעלן אויף דעם פּאַסענדן פּלאַץ, וואו דו געהערסט. אַזאַ נוסח וועט דיך מאַכן באַוואוסטזיניק, אַז דו ביזט דער גרויסער "אינדזשען", וועלכער פירט און שלעפּט אַ גאַנצע וועלט, און מוזט דערפאַר היטן יעדן טריט און קוקן מיט אָפענע אויגן אין אַלע ריכטונגען ניט צו פאַרפירן זיך און די וועלט אין געפערלעכע דרכים, וואָס קענען שטעלן אין סכנה דיין און איר קיום.

דורך ריכטיק פאַרשטיין דיין פּלאַץ אין דער וועלט, וועסטו קיינמאָל זיך ניט האַלטן פאַר אַ ווינט צעבלאָזענעם וואָלקענדל און פאַר אַ בלייכן

שאָטן פון דער וועלט, נאָר ווערסט זיך פאַררעכענען פאַר אַ לייכטענדן שטערן פון דעם גאַנצן קאָסמאָס און די וועלט איז בלויז אַ רעפלעקציע פון דיר...

און ווען אַזעלכע געדאַנקען וועלן נאָכגיין נאָך דיר און מיט דיר, וועלן זיך עפענען פאַר דיר די שערי תשובה און געבן דיר אַ געלעגנהייט אויס־צוהיילן דיין פאַרוואונדעטע נשמה.

דיך, און בלויז דיך אַליין, רופט דער נביא אויפצובויען דיין וועלט וואָס דו האָסט חרוב געמאַכט: ובנו ממך חרבות עולם מוסדי דור ודור תקומם.

אויפ'ן שיידוועג

הנה אנכי שולח לחם את אליהו הנביא

—אָ, הייליקער געטלעכער מאַן, מיין האַר און מיין רבי, שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך בין זייער באַזאָרגט, מיין רו איז געשטערט, איך שרעק זיך פאַר אַ סך זאַכן און וויזיעס וועלכע איך קען ניט דערקלערן.

—וואָס איז דאָס אַזוינס, אלישע, קינד מיינס? זאָג מיר אַלעס. אפשר וועל איך קענען ברייגען רו צו דיינע צעשטרייטע געדאַנקען.

אָ, הייליקער רבי! אין די לעצטע טעג האָבן געבלאָזן שרעקלעכע ווינטן פון דעם כרמל. זיי האָבן געשטורעמט מיט אַזאַ ווילדער קראַפט, ווי זיי וואָלטן געקומען דעם הר הכרמל אַרויסרייסן פון זיין פלאַץ. און ניט בלויז געשטורעמט האָבן זיי, נאָר מען האָט אויך געקענט הערן ווי זיי וויי־נען און זייערע טרערן פאַלן אין ים הגדול. די צאַרטע דינע וואָלקנס וועלכע שוועבן תמיד מיט גרויס עניוות איבער דעם האָריזאָנט פון כרמל, זיינען לעצטנס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ריזיקע איבערגעקערטע בערג און ווערן געטריבן פון די בייזע ווינטן מיט גרויס אימפעט. איין וואָלקן זוכט דעם אַנדערן צו פאַרשלינגען. אַפילו די שטערן ביינאַכט וועלכע האָבן שטענדיק אַזויפיל פרייד פאַרשאַפט און ביי וועמענס ליכט דו, הייליקער רבי, האָסט מיר אַזויפיל סודות אָנפאַרטרויט—זיי שיינען אויך ניט אַזוי ליכטיק ווי פריער. ווי פאַרוויינטע אבלים קוקן זיי איינער אויף דעם צווייטן, ווי זיי וואָלטן אין זייער האַרצן אַ טיפן צער געטראָגן.

—אָ, אַלעס, אַלעס שרעקט מיך. און נאָך מער פון אַלעס האָב איך לעצטנס באַמערקט אין דיר, מיין הייליקער רבי, אַ גרויסע אומרויקסלונג וואָס פאַרשאַפט מיר פיל דאגות און שמערץ. אין די לעצטע טעג האָט זיך דיין שטאָלצע קלאַסישע פיגור שטאַרק איינגעבויגן, דיינע פיס, וואָס האָבן תמיד מיט איינפעסטקייט געשפאַנט, באַרירן איצט די ערד מיט צערט־לעכקייט און הכנעה, דיין שטימע, וואָס האָט תמיד באַפוילן און געדונערט, ממש געקענט בערג שפאַלטן, רעדט איצט זאַנפטיק מיט געבעט. דיינע צוויי אויגן, וועלכע האָבן תמיד מיט פייער געשפריצט, זיינען פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין קוואַלן פון ליבע און רחמנות, קוקן טיף און ווייט אין דעם אונ־ענדלעכן רוים און בעטן און זוכן זאַכן וואָס זיינען פון מיר באַהאַלטן און פאַרבאָרגן. יאָ, איך זע אין דיר אַ נייעם הייליקן מענטשן, אַ נייעם רבין.

—דיין גרויסע לערע וועגן נבואה האָסטו, הייליקער רבי, מיר נאָך ניט געגעבן אין אַזאַ מאָס, אַז איך זאָל קענען אַלעס אויסוויקלען פון זיי־ערע שלייערס, מיט וועלכע די השגחה האָט זיי אַרומגעוויקלט. מיין האַרץ איז זייער דערשיטערט וועגן די אַלע זאַכן. איך בין אַרומגערינגלט פון סודות און האָב ניט די שליסל צו עפענען זיי. הייליקער רבי! דיר האָט מען דאָך פון הימל איבערגעגעבן, זאָג מיר, דערקלער מיר די באַדייטונג פון די דערשיינונגען און זאָג מיר וואָס קומט פאָר מיט דיר, מיט דיר אַליין, אָ, געטלעכער מאַן!

**
*

אָ, קינד מיינס, אלישע! פון די אַלע בני הנביאים וועלכע גייען מיר נאָך, ביזטו ביי מיר דער נאָענטסטער און דער ליבסטער. געוויס וואָלט איך דיר ווען אַלע סודות דערקלערן. איך האָב דיר פילעס צו זאָגן און נאָך מער צו לערנען. אָבער יעדעס מאָל ווען איך וויל פאַר דיר מיין האַרץ אַנטפלעקן, ווער איך איבערגעוועלטיקט מיט אַ געפיל פון אייביקער פאַר־

גליווערטער שטילקייט. געדענק אויך אַז ניט אַלע מיסטעריעזע וועלטן זיינען פאַר מיר אָפן, און אַפילו די וואָס איך ווייס, לאָזט מען מיך אויך ניט וועגן זיי רעדן. אַ באַהאַלטענע האַנט לייגט זיך אָפט איבער מיין מויל.

—איך קען דיר איצט ניט דערקלערן פאַרוואָס די ווינטן שטורמען אַזוי איבער דעם כרמל און פאַרוואָס די שטערן קוקן אויס ווי פאַריתומ׳ט. דאָס זיינען סודות. אָבער וועגן מיר אַליין וויל איך דיר, מיין טייער קינד, זאָגן, אַז אין מיין לעבן קומט פאַר אַ גרויסע איבערקערעניש, טיף אין מיין האַרצן קומט פאַר אַ גרויסע אומרועקסלונג, ברייט ווי דער ים און ווייט ווי די שטערן . . .

—אָבער זאָג מיר, גרויסער רבי, ווי לאַנג שוין האָסטו גענומען פילן די גרויסע איבערקערעניש?

—אַ, עס איז שווער פאַר מיר דיר אַלעס צו דערציילן. אין מיין געשיכטע זיינען דאָ איניקע קאַפּיטלעך, וועלכע איך אַליין וויל זיי פאַרגעסן. איך הייב תמיד אָן מיט דעם מיטל־פונקט פון מיין לעבן... אָבער יענער טייל וואָס איז יאָ באַוואוסט, איז פיל שווערער און טרויעריקער ווי פון אַנדערע נביאים פון מיין צייט.

—איך ווייס ניט פאַרוואָס ג־ט האָט אָנגעצונדן אַזאַ פייערדיקן וואולקאַן אין מיין האַרצן—אַ וואולקאַן וואָס האָט געוואָרפן מיט פייער אויף אַלע עובדי הבעל און זיי געזוכט צו פאַרצערן, אַ וואולקאַן וואָס האָט געשטורעמט קעגן אַלע סאָרטן פאַרדאַרבענהייטן, קעגן די מעשים תעתועים פון די רייכע און די רציחות פון די הערשער. קיין זאַך האָב איך ניט געקענט פאַרשווייגן.

— אַ גרויסער שטורם האָט מיך געטריבן פון פלאַץ צום פלאַץ און וואו איך בין געקומען, זיינען באַלד מיינע אויגן געעפנט געוואָרן צו דערזען די עוולות און רציחות אין זייער פולער גרויזאַמקייט און איך האָב זיך תמיד געוואָרפן אין קאַמף קעגן זיי מיט דעם גאַנצן גלוט פון מיין נשמה.

—דו האָסט דאָך אודאי געהערט די נעמען פון די אַנדערע נביאים. הייליקע מענטשן זיינען זיי. זיי האָט אויך געוויס ג־ט געשאָנקען הייליקע פונקען און באַשטימט אַ הייליקן באַרוף אין זייער לעבן. יאָ, איך בין זיי מקנא... זיי זיינען צופרידן צו טראָגן באַהאַלטן טיף אין זייער אייגענעם האַרצן די געטלעכע ווארהייט. מיט אַ סך זיגלען האָבן זיי זייער מויל פאַר־שלאָסן און לאָזן ניט דורכברעכן קיין וואָרט פון זייערע ליפּן.

—איך בין געווען דער געבענטשטער און געשטראָפטער פון ג־ט. "אני נותרתי נביא לד׳ לבדי"—א נביא וואָס קעמפט, וואָס שמייסט די הערשער מיט אַ פייערדיקן צונג, וועלכער קריגט זיך מיט אַ גאַנצער וועלט און פאַר דעם אמת וואָס ברענט אין זיין האַרצן קען ער אפילו די שליסלען פון רעגן באַהאַלטן און לאָזן אַ גאַנץ פאָלק פאַרהונגערט ווערן.

—יאָ, מיין קינד, דאָס איז געווען מיין שיקזאַל אין לעבן. אַליין שווער געליטן און געמאַכט אַ וועלט שמערצן.

**
*

—אָבער איך פיל אַז אָט דער פייער וועלכער האָט מיין וועג באַ־לויכטן און אָנגעצונדן הערצער אָן אַ שיעור צו שטיין מיט מיר אין קאַמף, ווערט טונקעלער און שוואַכער. אָנגעפאַנגען האָט זיך דאָס כמעט אין דער צייט ווען דו ביזט מיין תלמיד געוואָרן.

—דו האָסט דאָך געוויס געהערט פון מיין גרויסן קאַמף וואָס איך האָב דורכגעפירט ביים הר הכרמל, וואו דער בעל קולט האָט געקראָגן זיין ענטשיידענעם טויט קלאַפּ. אחאב און זיינע קעניגלעכע יועצים, הגם זיי האָבן זיכער פיל פאַרדרוס געהאַט פון דער שרעקלעכער נידערלאַגע, האָבן דאָך זיך געבויגן פאַר דעם ווילן פון פאָלק, אָבער די מרשעת איזבל, אַ געבוירענע און דערצויגענע אין דעם בעל קולט, האָט ניט געקאָנט רוען און איר בייז בלוט האָט געשריען פאַר נקמה—נקמה פאַר די אַלע "אומ־

רעכטן״ וועלכע איך בין באַגאַנגען. צו מײַן גרויסן צער האָב איך געמוזט דעם קאַמפּס־פּלאַץ פֿאַרלאָזן.

—שווער איז געווען יענער טאָג פֿאַר מיר. מײַן געזעגענען זיך מיט מײַן לאַנד און פּלאַץ וואו יעדער באַרג און טאָל זײַנען מיר טײַער געווען, וואו איך האָב אַ לאַנגע צײַט אַזוי העראָאיש געקעמפּט פֿאַר דעם געטלעכן אמת.

—אַ מידער, אַן אויסגעהונגערטער, האָב איך מײַנע גלידער צו דעם אַלטן הייליקן באַרג חורב דערפֿירט. און אַזוי גיך ווי מײַנע מידע פֿיס האָבן דאָרט די ערד באַטראָטן, האָט מיר ווידער ג־ט׳ס שטימע דערגרייכט און פֿון מיר חשבון געפֿאָדערט: ״וועמען זוכסטו דאָרט אליהו?״

—איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מײַנע קרעפֿטן צו דערקלערן צו דער פֿאַרשעמדער געטלעכער שמיטע מײַן אויפֿגאַבע. אָבער צו מײַן דערשטוי־נונג האָט מיר די געטלעכע שטימע ניט געוואָלט דערקענען. מײַנע ווער־טער, מײַנע קלאַנגען האָבן זיך מיט שטורם און אימפּעט געטראָגן, מיטן גאַנצן פֿײַער פֿון מײַן נשמה האָב איך געזוכט צו דערקלערן דעם שווערן קאַמף מײַנעם פֿאַר גאָט און זײַן וואָרט. אָבער די געטלעכע שטימע האָט מײַן שפּראַך ניט געוואָלט פֿאַרשטיין און געפֿרעגט ווידער און ווידער: ״וואָס טוסטו דאָ אליהו?״

—צערטלעך איז דאַן געווען די געטלעכע פֿאַרשנדע שטימע. אירע ווייכע זאַנפֿטיקע קלאַנגען וועלן מיר אייביק נאָכגיין. נײַע אמת׳ן האָבן זיי פֿאַר מיר אַנטפּלעקט און נײַע הימלען פֿאַר מיר געעפֿנט. אַ וועג באַזעצט מיט גן־עדן בלומען האָבן זיי מיר אָנגעצייגט... פּלוצלונג האָב איך דער־זען די גרויסע אָפֿענע וועלט, דעם געטלעכן חן מיט וועלכן די וועלט איז באַגאָסן. די שטילע אנגענעמע רוהיקייט מיט וועלכער די הימלען אָטעמען און די גרויסע האַרמאָנישע הערלעכקייט אין וועלכער די וועלט איז זיך טובל יעדן פֿרימאָרגן. אָבער דער ווינט, דער שטורם, דאָס פֿײַער, ריידן

ניט שטענדיק די געטלעכע שפּראַך און ניט אַלע מאָל זיינען זיי זיינע שלוחים.

—אין יענער שעה האָט מען מיר פילע סודות מגלה געווען און גע־וויזן אַז הינטער די מעכטיקע פיזישע רויע קרעפטן וועלכע קענען צעשטערן און פאַרניכטן, אויסרייסן בערג און צעמאַלן אין שטויב די שטיינערנע פעלזן — הינטער דעם אַלעם שטייט נאָך אַ גרויסער כח באַהאַלטן שטיל און באַשיידן—אַ כח, וועלכער אַמפּלעקט זיך דורך די געטלעכע קלאַנגען און פירט אָן זיין קאַמף מיט געדולד און האָפענונג און פירט די מענטש־הייט נעענטער צו ג־ט און די וועלט צו באַפרייאונג.

—יאָ, דער קול דממה דקה האָט דאָס פייער אין מיינע אויגן אויסגע־לאָשן און האָט אָנגעדייטעט אַז איך מוז אַ נאָכפאָלגער געפינען.

—און די געטלעכע זאַנפטיקע שטימע האָט מיר צו דיר, מיין קינד אלישע, דערפירט.

**
*

—נו, האָב איך געמיינט אַז מיין אַרבעט איז שוין געענדיקט. איך וועל די וועלט צורו לאָזן און די וועלט ווי אויך מיין פאָלק וועלן מיך מיט אָפענע אָרעמס אויפנעמען, אָבער עס איז ניט אַזוי. די געטלעכע שטימע רופט מיר ווייטער. מען שיקט מיר מיט אַ שליחות נאָך "בית אל". מען האָט מיר ניט קלאָר געמאַכט אַלעס וואָס איך האָב דאָרטן צו זאָגן און צו טאָן, אָבער איך מוז אַהין גיין. דו אלישע ביזט נאָך ניט געוואוינט צו אַזעלכע נסיעות, דיר זיינען נאָך פרעמד די אַלע דערפאַרונגען וועלכע איך וועל מסתמא דאַרפן דורכגיין. איך בעט דיך, בלייב דאָ אין גלגל *).

*) דער צווייטער גלגל אין צפון פון ארץ־ישראל. זע יהושע י״ב.

—ניין, טייערער רבי! ווי ג־ט איז מיר ליב און ווי דו ביזט מיר טייער—איך וועל פון דיר זיך ניט שיידן. ניט אין אַזעלכע שווערע מאָמענטן וועל איך דיך פאַרלאָזן. דער וועג דיינער, ווי שווער ער איז פאַר דיר, איז ער פאַר מיר אַלץ טייער. יעדער פלאַץ וואו דו שטעלסט אַוועק דיין פוס, ווערט מיר אַ הייליקע געדעכעניש. יעדעס מאָל ווען דו הייבסט אויף דיין האַנט צום הימל, ווערן מיינע אויגן ליכטיקער. טייער זיינען די מינוטן איצט ביי מיר. זיס זיינען דיינע ווערטער. בלויז מלאכים וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון אַלע מענטשלעכע ליידנשאַפטן, ריידן אַזוי באַצויבערענד ווי דו.

**
*

—אלישע, מיר זיינען שוין אין בית־אל, דער וועג איז דורכגעלאָפן גיכער ווי איך האָב געדענקט. אָבער וואַרט! ווידער אַ בשורה מיט אַ נייע שליחות פון הימל. מען הייסט מיר גיין אין יריחו—אַ גאַנץ ווייטער וועג פון דאָגנען און אַ שווערער. ער ציט זיך פון צפון טיף אין דרום. דער קלימאַט דאָרט איז אַ הייסער. פאַר דיר מיין קינד אלישע איז דאָס אַ שווערע נסיעה. וואָס דאַרפסטו דורכגיין די אַלע שוועריקייטן צוליב מיר? איך בין שוין געוואוינט צו דעם, אָבער דו ביזט נאָך יונג. איך בעט דיר, בלייב דאָ אין בית־אל.

—איך גלויב דיר—הייליקער רבי אַלץ וואָס דו זאָגסט. אָבער עס טוט מיר לייד וואָס איך קען דיר דאָס מאָל אויך ניט פאָלגן. קיינמאָל איז מיין האַרץ ניט געווען אַזוי צוגעבונדן צו דיר ווי היינט. איך פיל, אַז איך טאָר דיר אויף איין מינוט ניט אָפלאָזן.

**
*

אָ, די גרויסע שטרעקע פון בית אל צו יריחו האָבן מיר דורכגעשפאַנט אין נאָך ווייניקער ווי אַ טאָג צייט. אלישע, מיר ווייזט אויס, אַז

מיר גייען ניט אַליין מיט אונזער כח. אַ באַהאַלטענע פאַרבאָרגענע האַנט פירט אונז דאָס מאָל. איך האָף אַז די נסיעה וועט זיך ענדיקן בכי טוב פאַר מיר ווי אויך פאַר דיר...

—מיר וועלן זיך דאָ אָפּרוען און דאַן וויל איך אַז דו זאָלסט באַ־קוקן די היסטאָרישע שטאָט וועלכע יהושע האָט פאַרשאָלטן. זעץ זיך אויף דער ערד, גיב אַ קוק ווי דער ירדן פליסט. די פּאַנאָראַמע איז זייער דער־פרישענדיק.

—אָ, ווידער אַ באַפעל. אָבער דאָס מאָל פון קלענער באַדייטונג. מען הייסט מיר איבערגיין דעם ירדן... זעסט אלישע יענעם קליינעם וואַלד וועלכער שפּאַרש זיך אָן דעם באַרג דאָרט, אָט דאָרט וועל איך צוגיין. בלייב דאָ אויף דעם פּלאַץ. דו וועסט מיך קענען זען. האַלט דיינע אויגן געווענדעט צו יענעם פּונקט.

—ניין, טייערער רבי! איך גיי מיט דיר. איך האָב פון דיר געלערנט ווי זוכה צו זיין צו דער גרויסער געטלעכער מתנה פון נבואה. אָבער נאָך מער האָט אויף מיר געווירקט דיין אַייזערנער אומבויגזאַמער אַנטשלאָסענער כאַראַקטער. איך בין פעסט אַנטשלאָסן צו גיין מיט דיר. קיין זאַך וועט מיר ניט האַלטן צוריק.

**
*

—אלישע, וויטער גייען מיר ניט. דאָ איז מיין לעצטער אָפּשטעל. טאָ הער זשע: איך זע אַז איך קען מער פון דיר קיין זאַך באַהאַלטן. די אַלע פלעצער וואָס מיר האָבן ביידע די לעצטע פאַר טעג באַזוכט, זיינען געווען דיקטירט צו מיר פון הימל איך זאָל זיי באַזוכן. אָבער דער תכלית פון מיין נסיעה האָב איך דיר ניט מגלה געווען. איך האָב דיך ניט געוואָלט מצער זיין.

—פון אַלע בני הנביאים וואָס איך האָב דערצויגן, ביזטו מיר דער טייערסטער... האָב איך געוואָלט פון דיר באַהאַלטן די בשורה וואָס מען האָט מיר לעצטנס אָנגעזאָגט פון הימל. זיי וויסן אַז מיין שליחות וועט זיך ניט ענדיקן איצט. אין דער ווייטער, ווייטער צוקונפט וועל איך נאָך אַלץ מוזן דינען מיין פאָלק... יאָ, אמת, אין אַ גאַנץ אַנדער פאָרם ווי ביז איצט. ניט דער קעמפער, ניט דער גרויסער קנאי וועל איך זיין, נאָר גראָדע פאַרקערט—דער אויסגלייכער, דער פאַרגלעטער, דער פאַרמיטלער, דער שלום־מאַכער צווישן דורות, צווישן טאַטעס און קינדער "והשיב לב אבות על בנים". די השגחה האָט מיך באַשטימט צו זיין דער „איש מבשר טוב". צו דורות וואָס קומען, אַרויסהעלפן אידן ווען זיי וועלן זיך, חלילה, געפינען אין אַן עת צרה—אַן אויפגאַבע אַ שווערע און אַ דויערהאַפטיקע פאַר דורות.

מען וועט מיך אַוועקפירן באַלד אין הימל. די מינוטן זיינען געציילטע. זאָג מיר, קינד מיינס, טייערער אלישע, וואָס איז דיין לעצטער גרעסטער פאַרלאַנג, זאָג גיך, די צייט איז קורץ.

—אָ, הייליקער רבי, איך האָף דו וועסט אויף מיר ניט ברוגז זיין. איך בעט דיך, זיי מיר מוחל. ניט קיין ערדישעס וויל איך. איך פאַרלאַנג אויב מעגלעך אַז דער גייסט פון דיין נבואה זאָל אויף מיר רוען נאָך מער ווי אויף דיר . . . " דו ווייסט דאָך די שווערע צייט וואָס אונזער פאָלק לעבט דורך, ווי טיף זיי זיינען געזונקען אין זייער בעל־קולט. מעגלעך אויב איך וועל זיין באַשאָנקען מיט אַ גרויסן דינאַמישן כח פון נבואה, וועל איך קענען לייטערן אונזער פאָלק.

—אָ, אלישע! אַ שווערע זאַך האָסטו געבעטן. דיין בקשה שיינט צו זיין אַביסל צופיל. ווי קען איינער געבן מער ווי ער האָט? אָבער אַלעס איז מעגלעך. זיי אויף דער וואַך. היט די לעצטע מינוטן מיינע. יעדע מינוט איז איצט אַן אייביקייט. שטעל זיך נעענטער צו מיר. גיב מיר דיין האַנט. האַלט זיך פעסט.

אויף דעם האָריזאָנט איז מערבית־צפונית האָבן זיך פּלוצלונג באַ־וויזן שווערע וואָלקנס, ניט קיין שוואַרצע, נאָר פייערדיק־רויטלעך געטריבן פון אַ שרעקלעכן שטורמווינט נעענטער און נעענטער צו יריחו.

און ווי דער ווינט האָט נאָר אָנגערירט דעם ירדן, האָבן זיינע וואַסערן גענומען שטורמען ווי זיי וואָלטן געוואָלט ערגעץ אַנטלויפן. די בוימער פון קליינעם וואַלד אַרום באַרג האָבן מיט זייערע צווייגן גענומען קלאַפּן דעם באַרג ווי זיי וואָלטן אים געבעטן ער זאָל עפענען זיין בויך און זיי לאָזן דאָרטן זיך באַהאַלטן. די זון, וועלכע האָט דורך מאַנכע שפּאַלטן פון די וואָלקנס זיך דורכגעבראָכן אַ וועג, איז געווען פייערדיק רויט.

אלישע איז געוואָרן זייער דערשראָקן. ער האָט זיך גענומען נעענ־טער צורוקן צו אליהו׳ן. אָבער אַ פייערדיקער זייל האָט אים פאַרצאַמט דעם וועג.

אליהו׳ס געזיכט האָט גענומען ווערן לויטערער. זיינע אויגן האָבן געקוקט אַרויף צום הימל און אַ גאַנצע וועלט פון אייביקייט און צופרידנ־הייט האָט פון זיי אַרויסגעשטראַלט.

דער פייערדיקער זייל, וועלכער איז געשטאַנען צווישן אליהו׳ן און אלישע׳ן האָט גענומען אַלץ מער אַרומוויקלען אליהו׳ן. זיין געשטאַלט האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרשווינדן. און דער פייערדיקער זייל האָט זיך גענומען טראָגן העכער און העכער צו די הימלישע ספערן.

אלישע איז געבליבן ווי פאַרגליווערט, פאַלנדיק אויף דער ערד האָט ער גענומען רופן צום הימל.

—אָ, גרויסער רבי! אָ, מיין פאָטער! וואו ביזטו גרויסער פירער פון ישראל ? ! . . .

נאָך ווען איך וועל בייַנקען

און ווען די צייט וועט קומען, ווען ער און זיין אונענדליכער חכמה, וועט געפינען פאַר ראַטזאַם צו זאָגן צו מיר:

—אָ געגנוג! דו האָסט שוין גענוג געוואַנדערט אויף די כוואַליעס פון צייט און געוואָרפן געוואָרן פון זיי ווי דער שוים אויפן ים... האָסט אַ לעבן פאַרשווענדעט אין אַ פאַלשן שפיל, זיך נאָכגעיאָגט יאָרן גאַנצע כאַפן דעם ווינט, גענאַרט אַנדערע און נאָך מער גענאַרט זיך אַליין.. וואָס דו האָסט געדאַרפט מתקן זיין, האָסטו ניט דערגרייכט און וואָס דו האָסט דערגרייכט, איז עס ווייניק ווערט. גענוג שוין צו פלעכטן צערונענע חלומות! קום צוריק צו מיר! איך רוף דיך צוריק צו דיין אורשפרונגלעכן קוואַל.

און אויף דעם וויטן לאַנגן וועג, וועלכער פירט "צוריק אַהיים", וועט מיך איבערנעמען מוטער ערד און געפילפול זאָגן:

—אָ, קינד מיינס! אַזוי לאַנג דיך ניט געזען. ביסט געוויס פאַרמאַ־טערט און צעבראָכן פון דער לאַנגער נסיעה. לייג אַוועק אַט דאָ אויף מיין בוזים דיין מידן קאָפּ, אָט דאָ וועסטו געפינען רו און פרידן.

און אין איר אייפערזוכט וועט מוטער ערד מיך באַשווערן ניט צו געבן קיין קוק, ניט צו כאַפּן אַפילו אַ פאַר'גנב'עט בליק אויף מיינע אַלע טייַ־ערע "חברים" מיט וועמען איך האָב אַ לעבן לאַנג זיך געפריינדלט און געשפּילט.

אָט אין יענער גרויזאַמער איינזאַמקייט, ווען דער ווינט וועט צערט־לעך אָנרירן די בוימער וואָס וועלן מיין "געצעלט" באַצירן, וועט מיין האַרץ אָנפאַנגען שטאַרק בייַנקען נאָך אַלע מיינע געוועזענע פריינט, ווען איך וויל, אָבער קאָן ניט מער זען.

איך וועל בייַנקען נאָך יענע מיסטישע מאָמענטן, ווען דער ים, פאַר־כשופט פון קוקן לאַנגע טעג אויף זיינע ליבע שכנים, וואָס האָבן אַ פּראַכט־פולן געצעלט איבער ים פאַרצויגן, פלעגט שטיל שטיקן זיינע געקרייזלטע כוואַליעס אין וועלכע עס איז געלעגן באַהאַלטן אַ האַרציקער גרוס צו די ווייטע אונענדלעכע הימלען און קושן אָן אַ צאָל פאַר דעם זוים פון דער ערד.

איך וועל בייַנקען נאָך די צערטלעכקייט מיט וועלכע אַ כוואַליע האָט אַ כוואַליע געגלעט און נאָך די אייביקע חלומות און טיפע סודות וואָס איך האָב געזוכט דאָרט צו געפינען און פאַר וועמענס מיסטעריעזע כחות איך פלעג בלייבן שטיין פאַרגאַפט ווי דער ים אַליין.

ווען איך וועל זיך אָבער דערמאָנען אָן יענע מאָמענטן ווען דער ים פלעגט קריגן זיין מאַרשטורעס און אין זיין ווילדקייט זוכן די קלאָרע הימ־לען, זיינע אייביקע פריינט אין וועמען ער איז געווען אַזוי פאַרליבט, זייער פנים צו פאַרשוואַרצן. ווי מיט כעס און שוים האָט ער זיין אייביקן חבר די ערד אין פנים געשפּיגן און מיט קאָכיקע כוואַליעס געזוכט די ערדישע וועלט צו דערטרינקען. אין דעם דערמאָנען זיך יענע צאָרנדיקע מאָמענטן פון ים, וועט מיין בייַנקשאַפט נאָך אים געשטילט ווערן.

**
*

בייַנקען וועל איך נאָך זיי—די "צאַרטע קינדער" פון גאָרטן, וועלכע האָבן זיך מיט שמן המשחה פון גן עדן פאַרפיומירט. זייער מילדקייט און פרומקייט זיינען מיר טיף אין האַרצן איינגעקריצט. ווי אַראָפּגעפאַלענע

מלאכים־פליגלען האָב איך זיי תמיד באַטראַכט. זייער תפלה בלחש אַרויס־געשפּראָצט מיט אַזוי פיל הכנעה, האָט אין מיין האַרצן די טיפסטע סטרו־נעס אָנגערירט. יעדע בלום האָט מיר אַ נייעם געדאַנק געבראַכט און אין זייערע קנאָספּן האָב איך אַנטדעקט די גרעניצלאָזע ליבע וואָס ליכטיקע שטראַלן האָבן דאָרט פאַרזייט.

וועל איך זיך אָבער אויך דערמאָנען אויף זייער קורצן לעבן, ווי אַזוי זיי פלעגן דערלויבן יעדן וואָרים זייער האַרץ צו פרעסן און זייער שיינעם חנ׳עוודיקן פּנים צו פאַרשמירן, דערלויבן יעדן קליינעם שוואַכן ווינטעלע זייערע פּראַכטפולע ווייכע סאַמעטענע קליידער אַרונטערצערייסן — און מקבל זיין זייערע ביט פאַרדינטע יסורים אָן וועלכן עס איז פּראָטעסט— וועל איך מיין ביינקשאַפט נאָך זיי אין זייער אייגענעם טראַגישן סוף דער־טרינקען.

**
*

און בייִנקען וועל איך נאָך די פויגעלעך וועלכע פלעגן יעדן גרויען באַגינען, ווען דער וואַלד שטייט נאָך שטיל און שטום אײדער אַ ליכטיקער שטראַל האָט זיין האַרץ געעפנט, רופן אָט דעם וואַלד ״לעבודת הבורא״. אין זייערע סימפאָניעס, אויסגעשפּילט אָן אַ קאַפּעלמייסטער, האָב איך קיינמאָל קיין פאַלשן קלאַנג דערהערט... יעדער זשום און יעדער צוויטש האָבן זיך תמיד וואונדערבאַר האַרמאָניש מיט אַלע שכנים פון וואַלד צע־זאַמענגעגאָסן . . .

און ווי שיין פלעגן זיי בויען זייערע נעסטן פאַר זייערע עופה׳לעך. מיט וואָס פאַר אַ מסירת נפש האָבן זיי געטראָגן ווייכע גראָז, גע׳טובל׳ט אין נאַכט טוי פון וואַלד, צו לייגן דעם פונדאַמענט פאַר די ״גרויסע געביי־דעס״ וועלכע זיי האָבן באַפּוצט מיט אַ פּאָר פעדערן אויסגעריסן פון זייער אייגענע ברוסט. וויפיל ליבע איז אין דעם נעסט אַריינגעפלאָכטן געוואָרן,

מיט וואָס פאַר אַ פרייד "פּאַ" און "מאַ" פלעגן עס באַקוקן זייער אויסגע־בויטן פּאַלאַץ און מיט וואָס פאַר אַן איבערגעבנהייט פלעגט דער פאָטער שטיין ביים נעסט און באַוואַכט אַ פרעמדער זאָל דאָרט ניט פאַרבלאָנדזשען...—פרעמדע פאַרגינען ניט אַן אייגענעם נעסט און שטערן "שלום־בית", פרעמדע קענען נאָך וואַרפן אַ בייז אויג אויף די אָקאָרשט געבאָרענע קינ־דערלעך און זיי איבערשרעקן מיט צו הויכע קולות.

אָבער ווען איך וועל זיך דערמאָנען יענע מינוטן, ווען זיי פלעגן זייער "כוח־השירה" פאַרלירן—אויפהערן זיין די זינגער פון די פרימאָרגן און ווערן די רוצחים פון וואַלד, אויף יענע מאָמענטן ווען זיי זיינען ניט מער צופרידן געווען מיט דער אייגענער היים, געבויט אין די פאַרקרייזלטע צווייגן פון הויכן בוים און זיינען געלאָפן זוכן נייע וועלטן און נייע גע־צעלטן, ווי זיי פלעגן פירן אַ ביטערן קאַמף אויף לעבן און טויט מיט איי־גענע חברים איבער אַ צעטריקענטן גרעזעלע און אַ האַלב פאַרפוילטן ווע־רימל, אויסרייסן איינע דער צווייטער דאָס האָלדז מיט די שאַרפע שווערדן שנאָבלען, אויספיקענען איינע דער אַנדערער די אויגן — ווען איך וועל וועגן דעם טראַכטן, וועט מיין בייקשאַפט אָפּגעווישט ווערן.

***

איך וועל בייבקען נאָך דעם פאַרטראַכטן, פאַרחלומטן וואַלד, נאָך די געהויבענע שטילקייט וואָס ער האָט באַהאַלטן אין דער טיפעניש פון זיין האַרצן און באַשוואָרן זיינע קינדער די געהיימנישן קיינעם צו אַנטפּלעקן; נאָך זיין "הייליקער געמיינדע" וועלכע פלעגט וואַכן לאַנג שטיין פאַרגאַפט און התבודדות פּראַווען; ווען דער וואַלד האָט באַמנות'דיק אמן געענטפערט בעת זיין חבר, דער געמיטלעכער ווינט, האָט מיט דעם וואַלד'ס צווייגן ברכת השחר געזאָגט...

איך וועל בייבקען נאָך יענע מאָמענטן, ווען די זילבערנע טוי טראָפּנס

פלעגן קושן אַ פּאַרציקן „זיי געזונט” צו יעדן בלאַט וואָס האָט זיך ביי דער זון גענומען וואַרימען; נאָך דעם שטאָלץ מיט וועלכן דער וואַלד פלעגט די שטערן פאַרשטעלן און אַפילו פאַרמעסטן זיך אַמאָל די זון צו פאַרשטעלן... נאָך דער ברידערשאַפט, וועלכע דעם וואַלד'ס צווייגן האָבן פאַרוועבט צווישן זיך און ווי אַן עלטערער ברודער, שוין אפשר אַ "זיידע", האָט אַכטונג געגעבן דער אינגערער צווייג זאָל אויך זיין "יניקה" פון סאַמע האַרץ פון אים קריגן . . .

אָבער ווען איך וועל זיך דערמאָנען וואָס פאַר אַ קפדן ער, דער וואַלד, איז געווען ווען דער ווינט פלעגט צו אים אַביסל שטרייגער ריידן, און אין זיין כעס האָט ער געלאָזט זיינע ברידער איינער דעם צווייטן שלאָגן און זיך אַליין זוכן אויסצעוואָרצלען, חרוב מאַכן אַלע נעסטן וואָס די "משוררים" האָבן מיט שווערע פראַצע אויפגעבויט, ווי ער פלעגט פון צאָרן פאַרלירן זיין זעלבסטווירדע און אַרונטערשליידערן פון זיך יעדן בלאַט און בלייבן שטיל הויל און נאַקעט—וועט דאַן מיין בייַנקען פאַרגיין.

**
*

און בייַנקען וועל איך אויך נאָך דעם גרויען באַגינען, ווען די זון פלעגט אַרויסשיקן אירע "מבשרים" אָנצוזאָגן אַז זי איז שוין אויפן וועג און באַלד קומט זי.

מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכקייט די שליחים פלעגן עס נעמען צו־זאַמענוויקלען די וואָלקנס פון דער נאַכט צו מאַכן מער פלאַץ פאַר דעם הערלעכן ליכטיקן גאַסט און ווי באַשיידן און לאַנגזאַם די פענסטער פון הימל אין מזרח זייט פלעגן זיך עפענען דורכצולאָזן די שטראַלן !

איך וועל בייַנקען נאָך יענע מאָמענטן, ווען די פרימאָרגן שטראַלן פלעגן אויסטשוכענען די בוימער פון זייער שלאָף, באַפרייען זיי פון די שוואַרצע נעצן אין וועלכע די נאַכט האָט זיי געהאַלטן געפאַנגען, און רופן

זיי צו לעבן און פרייהייט, און זיי, די בוימער, פלעגן ריטערלעך שטאָלץ אָפּגעבן אַ האַרציקן "קבלת פנים" דעם גרויסן גאַסט, דעם "הערשערין פון טאָג".

איך וועל בייַנקען נאָך יענע מילדקייט מיט וועלכע די זון פלעגט זיך לאָזן דערקענען צו יעדערן פון אירע פאַרערער און געשמייכלט און געגלעט מיט וואַרעמקייט איבערן קאָפּ יעדן וואָס האָט אירע גאָלדענע נדבות געזוכט. זי האָט געהאַט אַ טרייסט וואָרט צו די זאַנגען פון פעלד, בעת די וואָלקנס אין זייער כעס אויף דער וועלט האָבן זייער צאָרן אויף די זאַנגען־ביינער דורכגענעצט.

איך וועל בייַנקען נאָך דעם מאַגישן כח פון דער זון, וועלכע פלעגט דאָ מיט אַ בליק, דאָ מיט אַ גלעט און דאָ מיט אַ שמייכל דערוואָרימען און הערצער דערפרייען, טרערן אויסטריקענען, שוואַכע און קראַנקע אַ מעדי־צין פאַרשרייבן. זי האָט אפילו פאַר די „לצים" פון וואַלד און פעלד, אַט די פאַראַזיטן, וואָס האָדעווען זיך אויף יענעמס אומגליק, וואָס פרעסן, בויערן און ברעכן, וואָס האָבן וואַרשיינלעך קיינמאָל קיין קאָנסטרוקטיוו פּראָגראַם —אַפילו פאַר אַט די לצים האָט זי—די זון—אַייזעהעניש געהאַט.

אָבער ווען איך וועל זיך דערמאָנען אָן יענע מאָמענטן, ווען זי פלעגט זיך נעמען באַהאַלטן, פאַרהוילן אירע זאַנפטע מילדע שטראַלן און ערגעץ אין ווייטע וואַסערן פאַרשווינדן, ווי איר פנים פלעגט ווערן פלאַם בלוטיק רויט און מיט מיליאָנען פייערדיקע שפּיזן אויף אַלע פריערדיקע פריינט געשאָסן—אַט דער פנים וואָס האָט אין דער פרי מיט גן עדן ליכט גע־שטראַלט, ברענט פאַרבאַכט מיט אַ העלליש פייער פון גיהנום (זע מסכת בבא בתרא דף פ"ד...)—ווען איך וועל זיך דאָס דערמאָנען וועט מיין בייַנק־שאַפט געשטילט ווערן.

**
*

און בייַנקען זייער שטאַרק וועל איך נאָך די ליכטיקע "שכנים" פון

הימל, וועלכע האָבן מיך מיט זייערע פיינע אויסגעוועבטע ליכט־שטראַלן צו זיך צוגעבונדן, האָבן מיר נאָכאַנאַנד סודות דערציילט, סודות אָן אַ שיעור וועגן זיך אַליין און וועגן פאַרבאָרגענע וועלטן, אין אַ הערלעכע שפּראַך פון דורכאויס "רמזים". יעדערער פון זיי האָט אַ באַזונדערן אינ־סטרומענט געשפּילט אָבער אַלע צוזאַמען האָבן אין פאַלשטענדיקער האַר־מאָניע אַ סימפאָניע אויסגעשפּילט. יעדער שטערן האָט געטראָגן אַ באַ־זונדערן סוד, יעדער שטערן האָט דערציילט אַ באַזונדערן "ספור" וואָס ער האָט ערגעץ וואו פון אַ מלאך געהערט, און אַלע צוזאַמען האָבן אַריינ־געגעבן גלויבן און האָפענונג נאָך פרייהייט און גליק און געלערנט וועגן דער הייסער ליבע און האַרציקע ברידערשאַפט וואָס הערשט צווישן זיי. אין זייער משפחה לאָזט מען קיינעם ניט פאַלן. און אויב איינעם ווערט דער קאָפּ פאַרשווינדלט פון צופיל "טאַנצן" און דרייען זיך און נעמט דעם וועג פאַרלירן, קומען גלייך גרעסערע ברידער און זיינען מקיים די מצוה פון "והחזקת בו" און מען לאָזט ניט אונטערגיין...

איך וועל בייַנקען נאָך זייער גרויסע ענִיוות און סבלנות. קיין מאָל ניט אין כעס און קיין מאָל ניט געשטורעמט. און פּאַסירט אַמאָל דאָס קליי־נע ברודנע וואָלקנדלאַך ווילן מיט חוצפּה פאַרשוואַרצן דעם פּנים פון אַ שטערנדל אָדער צוויי, שטורמען זיי איבער דעם אויך קיין וועלטן ניט. זייער גלויבן אין אַ בעסערע ליכטיגערע וועלט, איז גרויס און שטאַרק. די כמורנע וואָלקנס, די "מורדי אור" שרעקן די שטערן קיינמאָל ניט איבער.

איך וועל בייַנקען נאָך זייערע ליכטיקע פּנים'ער, אין וועלכע מען דערקענט תמיד אַז זיי זיינען אַקאָרשט פון טבילה אין "נהר די נור" געקו־מען—פּנים'ער אין וועלכע איך פלעג שטענדיק פרייד געפינען און וועלכע האָבן פאַרשטאַרקט מיין גלויבן אין "וועלט אַרכיטעקט", וואָס האָט עט־וואָס אַזוינס פּרעכטיקעס געשאַפן... די שטורמס נעמען מיין שיף פאַר־שטויסן אין אַ בלאָנדזשענדע ריכטונג, אין וועגן פון יאוש און צווייפל,

זיינען זיי תמיד מיינע "הימלישע קאָמפּאַסן" געווען און פלעגן מיר צוריק אויף דעם ריכטיקן וועג אַרויפירן און נעענטער צו ג־ט געבראַכט. ניט מיט מוסר ווערטער האָבן זיי צו מיר גערעדט און ניט מיט דעם גיהנום האָבן זיי מיך געשראָקן. נאָר מיט אַ זאַנפטיקע שטימע, וואָס נאָר הימלישע וועזן קענען אַזוי ריידן, פלעגן זיי אָנצינדן געטלעכע פונקען אין מיין האַרצן. פונקען וואָס היילן אַ צעבראָכענע האַרץ, וואָס גיבן מאָראַלישע פעסטקייט, מענטשלעכע חשיבות און זיכערן גלויבן אין ג־ט.

יאָ! זיי, די שטערן, וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן! נאָך זיי וועל איך שטענדיק בייִנקען!

כאראקטעריזאציעס

שקלאַף און פרינץ אין „גלות מצרים״

(דראַמע)

צוויי גרויסע ריזן־געשטאַלטן זיינען פּראַקטיק אײַנגעוועבט אין דער היסטאָרישער דראַמע „גלות מצרים״, וועלכע ווערט אַזוי פּאָעטיש שיין דערציילט אין דעם אייביק־געטלעכן דאָקומענט—די תורה.

ביידע זיינען וואונדער שיינע קאָלאָסאַלע פיגורן וועלכע וועלן אייביק באַצויבערן די מענטשהייט מיט זייערע מאַיעסטעטישע פּערזענלעכקייטן און כאַראַקטערן און זייער פירערשאַפט וועט תמיד דינען אַלס מאָדעל פון אידעאַליזם.

די צוויי הערלעכע געשטאַלטן זיינען יוסף און משה.

ביידן האָט די השגחה אָנפאַרטרויט די שליסלען פון מצרים. דעם ערשטן האָט מען געגעבן די שליסל צו יענעם טויער, דורך וועלכן די אידן זיינען אַריין אין מצרים. דורך זיינע באַמיאונגען האָבן די אָרימע הונגעריקע אידן באַקומען די ערלויבעניש איינצוואַנדערן אין אַ גרויסע רייכע לאַנד און געניסן אין אָנפאַנג אין אַ פולער מאָס די רייכקייט און פרייהייט פון לאַנד, וואָס האָט זיך אַביסל שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנד פון שרעקלעכע רדיפות און שקלאַפעריי—אין אַ שווערן שעבוד פון גוף און נשמה . . .

דעם צווייטן האָט מען דורך פייער דערלאַנגט די שליסל, וועלכע האָבן מיט געטלעכע גבורה אויפגעשלאָסן די האַרטע שווערע שלעסער פון יענעם טויער, דורך וועלכן די אידן זיינען אַרויס פון מצרים, די שליסל מיט וועלכע די אידן האָבן די קייטן פון זייער שקלאַפעריי צעבראָכן און האָבן ענדלעך געוואונען זייער פרייהייט און זייער זעלבסטשטענדיקייט.

יוסף און משה !

דעם ערשטן האָט די השגחה באַשטימט אַרויסצופירן די אידן פון דעם ״ארץ העברים״ און אַריינפירן זיי אין גלות מצרים, דעם צווייטן האָט די השגחה צוגעטיילט דעם כבוד אַרויסצוראַטעווען די אידן פון מצרים און פירן זיי צוריק אין ארץ ישראל.

ווי איינג האָט זיי די דראַמע ״גלות מצרים״ פאַרבונדן און ווי פאַר־שידן איז געווען זייער שיקזאַל סיי ביים לעבן און סיי נאָך זייער טויט . . .

הגםביידע האָבן געהאַט די ביטערע טרויעריקע דערפאַרונג, אַז אַ גרויסער טייל פון זייערע צרות איז צו זיי געקומען דורך די באַמיאונגען פון אייגענע — דעם ערשטן האָבן די ברידער פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט און דעם צווייטן האָבן ״גוטע פריינט״ געמסרט—און הגם אין ביידנס לעבן זיינען צו פאַרצייכענען פילע גרויסע שווערע טראַגישע מאָמענטן, צרות פון וועלכע שוואכע כאַראַקטערס ווערן אינגאַנצן אָפגעווישט, דאָך האָט דעם ערשטן דער מזל מערסטנס גוט צוגעשפּילט און ער האָט געהאַט מער זונענשיין ווי וואָלקנדיקע טעג. פון וויג ביז אויף יענער זייט קבר איז יוסף פאַרבליבן, מיט קליינע אונטערברעכונגען, דער ״ליבלינג קינד״ וועמען די השגחה האָט זייער פיל געצערטלט און אַלע זיינע שטרעבונגען און חלומות זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דער שיקזאַל פון דעם צווייטן. פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער האָט ליכט דערזען, ביז דעם מאָמענט ווען ער האָט זיך

געשיידט מיט דער וועלט, איז זיין לעבן געווען אַ שווערער וועג פול מיט אַנטוישונגען און טראַגעדיעס. און אַפילו דאָס לאַנד צו וועלכע ער האָט זיינע פאַרפאָלגטע און פאַרשקלאַפטע ברידער אַלס פרייע מענטשן דער־פירט, אַפילו אַט דאָס לאַנד האָט אים קיין קבר ניט געגעבן . . .

* *
*

יוסף ווערט געבוירן ביי אַ פאָטער און מוטער וועלכע זיינען איינער אין צווייטן פייערלעך פאַרליבט און דערוואַרטן יאָרן לאַנג אַ "ליבלינג קינד", אַן אייגן קינד וואָס זאָל דינען אַלס הימלישע באַשטעטיגונג, אַלס אַ הייליקע חתימה אויף זייער הייליקע ליבע און זייער אייביקן בונד . . .

יוסף ווערט געבוירן ביי אַ פאָטער אַ פּאַטריאַרך, ביי אַ מוטער אַ וואונדער־שיינע פרינצעסין. אַלבאַסטער ווייסע, ווייכע הענט גלעטן זיין יונגן גוף מיט צערטלעכקייט. מילך און האָניק זיינען זיינע טעגלעכע שפייז. אין זיידנס קלייט מען אים. אַן אַלטער ליבער פאָטער קושט זיינע טריט, ציילט זיינע ווערטער, שלינגט פשוט יעדע זילבע וואָס זיין ליבעס קינד רעדט אַרויס, נעמט אָן זיינע טרוימען פּראָפעטיש, האָפנדיק אַז אין דער צוקונפט וועלן זיי פאַרווירקלעכט ווערן פּאָלשטענדיק . . .

און ווען אין זיין לעבן איז געקומען אַ שווערע טרויעריקע שעה און ער איז אַלס שקלאַף אין קייטן אין אַ פרעמדעס לאַנד פאַרוואָגלט געוואָרן, האָט דער שיקזאַל אים צו לאַנג פייניקן ניט געלאָזט. די שווערע תפיסה טירן האָבן זיך מיט אַמאָל פאַר אים פריי געעפנט און אַ געטלעכע האַנט האָט אים אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ אַריינגעפירט . . .

מיט קעניגלעכן פּאַראַד פירט מען אים איבער די גאַסן פון דער הויפּט שטאָט און טויזנטער מענטשן דראַפּן זיך אויף די ווענט צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם נעכטיקן שקלאַף און היינטיקן מלוכה פירער, וועלכער קומט ראַטעווען אַ גרויס פאָלק פון אַ הונגער טויט; אויף דעם אָרימען

עמיגראַנט אָן אַ פּאַס, אַ פאַרגאַנגענהייט אַ טונקעלע און אַ טרויעריקע, אויף וועמענס אַרעמס זיינען נאָך קענטיק די וואונדן וואָס די אייזערנע קייטן האָבן אָפּגעדריקט ווען ער איז נאָך אין תפיסה געווען, און איצט ווערן די אָרעמס מיט גאָלד באַצירט, אין זיינע הענט האָט מען אָנפאַרטרויט די פי־רונג פון אַ גרויסן רייכן לאַנד, זיין וואָרט ווערט געזעץ און זיין בליק גע־האַרכזאַמקייט . . .

די פּאַסירונג איז אַזוי אינבאַרשרייבלעך שיין און באַצויבערנד, אַז מ'ווערט צו איר צוגעשמידט. די דראַמאַטישע מאָמענטן האַלטן געשפּאַנט אַז מען קאָן זיך פשוט פון זיי ניט אָפּרייסן. מיט גרויס נייגער פרעגט זיך: וואָס קומט ווייטער? איז נאָך עטוואָס גוטעס פאַרבליבן אין הימל וואָס מען האָט אים, יוסף'ן, ניט דערלאַנגט?

יאָ! די ברידער, וועלכע האָבן אים אַמאָל אויסגעלאַכט, די וועלכע האָבן קעגן אים אַזוי שווער געזינדיקט, זיי דאַרפן קומען צו אים מחילה בעטן... זיי אַליין דאַרפן אים העלפן סצענירן די האַלב נעבלדיקע פאַנטאַ־זיעס וועלכע האָבן געטליעט אין האַרץ פון זייער געצערטעלטן ברודער, זיי אַליין מוזן איצט ביטראָגן צו דער רעאַליזירונג פון זיינע יוגנט טרוי־מען. מיט געבויגענע קעפּ, מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן און פאַרוואונ־דעטע הערצער פון געוויסנביסן, שטייען די ברידער האַלב פאַרשטיינערט פון צער און חרטה און בעטן אַנטשולדיקונג פאַר זייערע „יוגנט זינד". די יעניקע וועלכע האָבן יוסף'ן פאַר אַ שקלאַף פאַרקויפט, אין אַ פרעמד לאַנד פאַרטריבן, מוזן איצט פון דעם זעלבן "פאַראַכטעטן מענטשן" ווערן פאַר־זאָרגט מיט "חיונה" און דורך זיין פּאָליטישן איינפלוס "וואוינרעכט" קריגן.

אָבער דאָס רייכע "ארץ מצרים" האָט ניט געקענט אויסלעשן די ליבע וואָס יוסף האָט שטיל, טיף אין זיין האַרצן, געוואַרעמט פאַר זיין גע־בורטסלאַנד, — דאָס אָרעמע "ארץ העברים". עס ציט אים אַהין. ער קען זיך ניט באַהאַלטן פון זיך אַליין... אויב עס איז אונמעגלעך פאַר אים לע־

בעדיקערהייט אַהין צו לויפן, מוז מען אַמווייניקסטן ברייננען זיינע ביי־נער צוריק דאָרטן, וואו זיין וויגעלע איז געשטאַנען.

"גיט מיר טייערע ברידער, אייערע הענט און שווערט, אַז איר וועט מיינע ביינער אַוועקפירן דאָרטן אַהין, וואו מיין גרויסער פאָטער שלאָפט זיין אייביקן שלאָף. בלויז יענער ערד וויל איך מיינע ביינער אָנפאַרטרויען. מיט יענער ערד וויל איך זיך אייביק סודן. די דאָרטיקע בוימער וויל איך זאָלן איבער מיין קבר שטיל זיך וועהען און זייערע בלעטער זאָלן פאַלנדיק די שפּאַלטן פון מיין קבר באַדעקן. ניין, טייערע ברידער, ניט די ריזיקע פּיראַמידן קענען מיין נשמה אַ נחת רוח פאַרשאַפן, נאָר יענע בערגלאַך וועלכע הויקערן זיך אַרום די וועגן פון שכם, בלויז זיי קענען מיינע אייבי־קע 'חברים' זיין".

**
*

ציען זיך אין דעם שרעקלעכן הייסן מדבר מחנות פאַרמאַטערטע אידן, האַלב געקליידעט און ניט איינגאַנצן זאַטע... זיי ווערן געברענט פון אַן אומ־ברחמנותדיק הייסער זון און געשמיסן פון טרוקענע שאַרפע ווינטן. די זאַמד איבער וועלכע זיי טרעטן איז פון דער היץ צעגליט. פאַר מיילן און מיילן איז נישטאָ קיין בוים, נישטאָ קיין גרעזעלע וואָס זאָל דאָס אויג דערפרישן. דער מדבר האָט שוין באַלד זייערע כחות אויסגעשעפּט. פון דורשט איז ביי זיי די ליפן פאַרשמאַכט און פאַרטריקנט. די קנעכלאַך זייערע בויגן זיך פון שוואַכקייט. שווער איז דער וועג אין מדבר.

צווישן די אויסגעמאַטערטע און פאַרחלש'טע וואַנדערער שטופּט זיך אַ גרייז גרויער מענטש, וועמען יאָרן האָבן אין דרייען געבויגן. ער וויל דעם מיטלפּונקט פון דער מחנה דערגרייכן.

"לאָזט מיך צו אַהין — שעפּטשעט ער — אַהין צום ארון פון צדיק. מיין זיידע איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן פייערלעך פאַרשפּראָכן יוסף'ן, אַז זיי וועלן אויסלייזן זיינע ביינער פון מצרים. איך מוז מיין זיידנ'ס שבועה

דערפילן... איך געדענק נאָך ווי מיין זיידע האָט מיך אויף זיינע קני גע־האַלטן און מיר דערציילט וואונדערבאַרע מעשיות פון צדיק, פון זיין גרויס־קייט, חכמה, צדקות און הייליקן לעבן. זיי מוחל, יונגערמאַן, רוק זיך אָפּ און לאָז מיך העלפן טראָגן אַביסל דעם ארון פון צדיק. וואָס אַרט דיך מיין עלטער? לאָז מיר צו נעענטער. זעסט דאָך, גאָט גיט כחות אַזאַ מצוה צו טאָן".

די אויסגעבויגענע רוקנס פון די טרעגער ווערן אויסגעגלייכט, אין די אויגן לייכט ביי זיי מיט אַ הייליקן פייערל. זיי זיינען די גליקלעכסטע צווישן די מידע וואַנדערער. אויף זייערע פּלייצעס טראָגן זיי יוסף׳ס ארון אַזש פון מצרים אַהין צו זיין אַלטע היימאַט אין דעם "ארץ העברים".

לאַנג און שווער איז געווען די נסיעה. אָבער ענדלעך האָבן די נושאי המטה שכם דערגרייכט, דאָס קליין אָרעם שטעטעלע וואו יוסף האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט איידער מען האָט אים פון זיין לאַנד אַוועקגעפירט.

ווידער אַמאָל רירן אָן זיינע פיס די ליבע ערד, וועגן וועלכע ער האָט מיט אַזוי פיל בייטקעניש גע׳חלום׳ט. און זי, זיין מוטער ערד, עפנט אירע אָרעמס און דריקט אים פעסט צו איר הארצן: "אַ ליב טייער קינד! ענדליך נאָך לאַנגע יאָרן פון גלות ביזטו צוריק צו מיר געקומען. לעג אַוועק דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט. אין דיין מוטערס בוזים וועסטו געפינען אייביקע רו און פרידן".

שטייען מלאכים ביי דעם אָפענעם קבר און מיט זייערע אויסגעשפּריי־טע ווייסע פליגלען דעקן זיי איבער דעם גוף פון הייליקן צדיק. זיי לאָזן פאַלן אַ טרער אין קבר אַריין אום ווייכער צו מאַכן פאַר אים די ערד. מיט ערפרוכט און האַלב איינגעהאַלטענעם אָטעם זאָגן זיי "צדוק הדין" אויף זייער אייגענעם נוסח: אָ, דו האָסט שיין געלעבט און שיין געשטאָרבן.

גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם.

און דאָס טרויעריקע שרעקלאַכע וואָרט, וועלכע משה האָט יאָרן לאַנג מורא געהאַט צו הערן, איז ענדלעך געזאָגט געוואָרן.

דער לעצטער באַפעל וואָס ג—ט האָט געגעבן, איז געווען קורץ אין פאָרם אָבער אימה׳דיק אין אינהאַלט: ״עלה אל הר העברים—און בלויז פון דאָרט וועסטו זען דאָס לאַנד, אָבער אַהין קומען קענסטו ניט״.

ווי שרעקלעכע דונערן האָבן די ווערטער זיך געטראָגן אין דער לופטן... די הימלען האָבן געציטערט און די ערד אונטער משה׳ס פיס האָט זיך געוויגט און געטרייסלט.

מיט אויגן אויסגעווייקט אין טרערן, מיט אַ טיף צעבראָכן האַרץ און מיט שווערע לאַנגזאַמע טריט דערגרייכט דער גרויסער נביא דעם שפּיץ באַרג פון דאָרטן צו וואַרפן זיינע לעצטע בליקן אויף זיין לאַנג געהאָפטע ליבעס לאַנד ארץ ישראל.

ציען זיך פאַר זיינע אויגן לאַנגע גרינע סאַמעטענע לאַנקעס איבערן שרון און פראַכטפולע פעלדער איבער וועלכע עס וויגן זיך מיט גרויס הכנעה און צניעות גאָלד באַקרוינטע זאַנגען אין עמק.

אויף די פעלדער וועט דער נייער דור טרייסט און האָפענונג געפּי־נען. די בוימער און דאָס גראָז וועלן פאַר די נייע אידן אַ פראַכטפולן שיר השירים אויסזינגען. אויף די הויכע שלאַנקע בערג וועלן די אידן אויפ־בויען זייערע געצעלטן, פון וואַנען זיי וועלן זייערע געטלעכע געדאַנקען צו אַלע מענטשן־קינדער אַרויסזאָגן.

און משה שעפּטשעט: ״אָ, גרויס איז מיין פרייד, אָבער נאָך טיפער איז מיין צער... מיין שיקזאַל איז שוין פאַרזיגלט... איך קען אַהין ניט קו־מען. דער הר העברים איז מיין לעצטער פונקט פון מיין לאַנגער שווערער נסיעה. אין פרעמדע ערד און אַ פרעמדע לאַנד. מיין קבר וועט בלייבן איי־ביק פאַר׳יתום׳ט, איינזאַם און פאַרגעסן.

און נאָך אַמאָל פאַנגט משה אָן פאַר זיך אַליין איבערצובלעטערן און איבערצוליייענען דעם הייליקן ספר, וועלכן זיינע אייגענע הענט האָבן גע־שריבן. בלעטערט ער און וויינט, וויינט און לייענט, און רעדט צו זיך:

—אַ, ווי שווער איז געווען מיין לעבנסוועג און ווי ביטער איז געווען מיין מזל. פון מיין וויגעלע ביז מיין קבר האָבן זיך טראַגעדיעס פאַר מיר געוועבט איינס נאָך די אַנדערע.

—מיין מוטער, די אומגליקלעכע צדקת האָט נעבעך געמוזט מיט אי־רע אייגענע הענט, מיך, איר עופה'לע, אויפן וואַסער איבערלאָזן. און ווען איך האָב שוין געהאַט דאָס גליק אַריינצעפאַלן אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ, האָבן מיר דאָרטן אויך גוטע מלאכים געפונען און מיט פייער מיין צונג אָנגעצונדן. און דער פייער האָט מיט דער צייט מיין גאַנצן וועזן צעגליט און קיין רו ביז היינטיקן טאָג ניט געגעבן.

—די ליידן פון מיינע ברידער האָבן מיר ניט געלאָזט רוען. זייערע יסורים האָבן מיר פשוט געוואָרגן. אָבער אַזוי גיך ווי איך האָב זיי געזאָגט אַ ערלעך וואָרט, אַ וואָרט וואָס האָט ניט האַרמאָנירט מיט זייערע שקלאַפן־באַגריפן, איז מיין לעבן שוין ניט געווען זיכער... שווער צו באַגרייפן ווי אַזוי פאַרפאַלגטע און געפּלאָגטע קענען ווערן מוסרים...

—און ווי האָבן די באַפרייטע זיך פאַרהאַלטן קעגן מיר? שווער דאָס איבערדערציילן... עס ציטערן די הענט יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך. קולות און נכיונות... פערציק יאָר פון שטענדיקן שווערן קאַמף מיט אַ פאָלק, וואָס שקלאַפעריי האָט זיך אין זיין בלוט איינגעפרעסן. מענטשן מיט אַ האַרטן נקן און פאַרווירטע הערצער. און זיי האָב איך דאָס געדאַרפט פירן און לייטערן . . .

—עס הילכן נאָך איצט אין מיינע אויערן די קלאַנגען פון די קייטן, מיט וועלכע די מצריים האָבן זיי געקאָוועט און דער בראַזג פון די שטיינער

מיט וועלכע אייגענע ברידער האָבן מיר פאַרוואָרפן. פאַר מיינע אויגן שוועבן נאָך איצט די שפּיזלען פייערדיקע בליקן פון האַס געריכטעט קעגן מיר . . .

—ווי אַ צערטלעכער פאָטער האָב איך זיי געפירט. איך האָב זיי אַלעס פאַרגעבן. איך האָב תמיד געדענקט זייער אַלטן אַדרעס—דער פּלאַץ וואו זיי האָבן אַ לאַנגע צייט געלעבט. אײנגעזאַפּטע פרעמדע קולטורן ווי שלעכט זיי זיינען, קען מען זיך פון זיי ניט באַפרייען. אַפילו מיט פייער קען מען זיי אָפּטמאָל ניט אַרויסברענען. איך האָב זיי פאַרגעבן. בלויז אין מיין האַרץ האָב איך די טראַגעדיע געטראָגן און פאַר קיינעם אויפגעדעקט מיינע וואונדן . . .

—איך האָב געהאָפט, אַז אַ בעסערע, פרייער דור וועט אַריין אין ארץ ישראל. איך וועל זיין מיט זיי דאָרט אין זייער אייגן לאַנד און אַלע מיינע יסורים וועלן פאַרגיטיקט ווערן. אַ פריי פאָלק אין ארץ ישראל וועט זיין די גאָלדענע קרוין אויף מיין צעוואונדעטן קאָפּ. אָבער ניין! ניט פאַר מיר! ביז הר העברים קענסטו גיין און ניט מער . . . !

—יוסף האָט שוין מער מזל פאַר מיר. פון וויג ביז צום קבר האָט אים אַ גליקלעך האַנט געפירט. אַ רבונו של עולם! איך וועל דיר נאָר איין פראַגע פרעגן. אָ, הער מיך אויס בלויז נאָר איין מאָל. איך וויל וויסן פאַר־וואָס האָט יוסף זוכה געווען זיינע ביינער זאָלן צוריק קומען אין ארץ יש־ראל. פאַר זיי איז דאָ פּלאַץ און פאַר מיר איז דאָס לאַנד פאַרשלאָסן . . .

איך בין אים ניט מקנא. ניין, קנאה איז ניט קיין שטריך אין מיין נשמה. איך פאַרגין אים דעם גרויסן צריק דעם זכות צו ברייגגען זיינע ביינער צוריק אין דעם הייליקן לאַנד. געוויס האָט ער דאָס פאַרדינט. דו ווייסט דאָך אַז איך אַליין האָב זיין ארון אויף מיינע פּלייצעס געטראָגן. אָבער איך וויל וויסן פאַרוואָס ער יאָ און איך ניט? אויב דער וואָס האָט אידן פון ארץ העברים אַרויסגעפירט און אין מצרים אַריינגעפירט איז באַרעכטיקט

צו ברייננען זיינעביינער אין הייליקן לאַנד, בין איך דאָך געוויס דערצו באַרעכטיקט. איך האָב דאָך אַרויסגעפירט די אידן פון מצרים און זיי צו ארץ ישראל געפירט? פאַרוואָס, פאַרוואָס איז דאָס לאַנד פאַר מיר פאַר־שלאָסן?

און מיט אַ פלאַטערענדן האַרץ האָט משה פאַר אַ תשובה געוואַרט.

און געענטפערט האָט דער רבונו של עולם:

—לייען איבער משה, אַביסל מער פאַרזיכטיק אַ געוויסן פרק פון דער יוסף געשיכטע.

— פאַסירט האָט עס, ווען מען האָט אים, יוסף׳ן, באַשולדיקט אין אַ שווערן פאַרברעכן. מען האָט דאַן אויך ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען זיין שטאַם און זיין פאָלק. מען האָט דעם אונגליקלעכן זיין יחוס אויפגעוואָרפן און אין תפיסה האָט מען אים פאַרשפאַרט. אָבער ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט האָט ער מיט שטאָלץ געלאָזט וויסן, אַז ער איז אַ קינד פון זיין פאָלק "כי גנב גנבתי מארץ העברים". אין צייטן פון אומגליק האָט ער זיין לאַנד מיט ערפורכט דערמאָנט. די ליבע האָט ער געטראָגן טיף אין זיין האַרצן איינגעפלאַנצט. און שפּעטער האָט מצרים מיט איר רייכקייט און צעלאָזנקייט ניט געקענט אויסלעשן די בייוקעניש נאָך זיין אייגן לאַנד. ער, יוסף, האָט פאַרדינט צו קומען צוריק אין ארץ העברים...

—נו, געדענקסטו, משה, ווען דו ביסט אַנטלאָפן פון פרעה׳ס תליון? אַן עלנדער וואַנדערער ביסטו אָנגעקומען אין אַן אַרעם לאַנד. דיין שיינע מאַיעסטעטישע האַלטונג האָט גלייך דיר אַ גוטן נאָמען פאַרשאַפט. מען האָט דיך באַוואונדערט און ליב באַקומען. זיי האָבן אין דיר אַ טעות געמאַכט און פאַר אַ מצרי דיר פאַררעכנט. און דו, וואָס דו האָסט געקאָנט די מצריים מיט זייער דעמאָראַליזאַציע, מיט זייער ברוטאַליטעט און ווי ווייט זיי האָבן דיינע ברידער פאַרשקלאַפט און פאַרפאָלגט—און ווען מען האָט דיר מצרי

געשריגן, ווען מען האָט דיר צוגעשריבן צו אַ פּאָלק, וואָס איז אַזוי פרעמד פון דיין גרויסן כאַראַקטער און פּערזענלעכקייט, האָסטו געשוויגן. דו האָסט דאָן ניט פּראָטעסטירט... אין יענער שעה האָט דאָס הייליקע ערד פון ארץ ישראל אַ שבועה געגעבן צו פאַרשליסן אירע טירן פון דיר . . .

אַ טיפער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון משה'ס האַרץ. יאָ, יוסף האָט אַ גרויסן זכות. זיינע ביינער וועלן קומען אין ארץ ישראל. ער האָט עס ערלעך פאַרדינט. „מי שהודה בארצו נקבר בארצו..."

גענומען האָט משה צוריק צוזאַמענוויקלען די תורה . . .

נאָך אַמאָל האָט ער געוואָרפן אייניקע בליקן אויף די הויכע, פּראַכט־פולע בערג פון הייליקן לאַנד. טיף האָט ער זיך פאַרנייגט צו דעם פּלאַץ, פון וואַנען ער האָט גאָטס שטימע געהערט און אויפהייבנדיק זיינע הענט צום הימל, האָט ער מיט אַ ציטערנדיקע שטימע אויסגערופן:

—יאָ, דו ביסט גערעכט. "הצור תמים פעלו, כי כל דרכיו משפט. צדיק וישר הוא ! "

הרב קוק — דער גאָט-דורשטיגער מאַן פון אונזער דור

„צמאה נפשי לאלקים"

דערדאָזיקער אַרטיקל באַשטרעבט ניט צו געבן אַ געהעריקע אָפּשאַצונג פון הרב קוק זצ"ל, אין וועמענס הסתלקות די אידישע וועלט האָט פאַרלוירן אַ גרויסן גאון, אַווירקלעכן צדיק, אַ הייליקן וואונדערבאַרן גייסט, אַ טיפן רעליגיעזן דענקער און אַ הערלעכע פּערזענלעכקייט.

מיר שטייען צו נאָענט צו זיין צייט אַז מיר זאָלן קענען אָמווייניג-סטענס טיילוויז פאַרשטיין און אָפּשאַצן זיינע גרויסע „כחות הנפש", זיין צדקות און זיין פּערזענלעכקייט.

יעדער גאון און צדיק דערגייט צו זיין געהעריקן פּלאַץ אין דער געשיכטע מיטן וואוקס פון דער געשיכטע, און צדיקים דערגייען ניט צום געהעריקן פּלאַץ אַזוי לאַנג ווי די געשיכטע האָט ניט באַצירט זייערע הייליקע קברים מיט אייניקע צענדליקע יאָר.

ניט בלויז איז אַ קרבן פּסול אויב ער איז „מחוסר זמן", נור מענטשן וועלכע זיינען ווירקליך פינקלענדע שטערן און די גייסטיגע ספערן פאַרלירן אויך עטוואָס פון זייער פּראַכט און גלאַנץ איידער די צייט מאַכט זיי „צייטיק". ניט אומזיסט האָט וועגן דעם געשריבן אַ באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָעט פילאָזאָף: „אַז באַקאַנטשאַפט אַטעמט מיט אונטערשעצונג".

הרב קוק זצ״ל באַלאַנגט צו די וואונדערבאַרע מענטשן וועלכע די געשיכטע וועט באַצירן מיט הערליכע קרוינען, ווירקלעכע און פאַנ־טאַסטישע—די לעצטע האָבן אויך אַ וואָרצל אין דער ווירקלעכקייט...

און דארום וואָלט געוועזן אַן אומרעכט פון וועמען עס איז, אפילו גדולים וטובים ממני, צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון אַזאַ ״שר התורה״ ווען זיין קבר איז נאָך פריש.

אין דעמדאָזיקן אַרטיקל ווינטש איך בלויז אָנצוצייגן אויף דעם ליכטיקסטן שטריך אין זיין גרויסער נשמה. דער שטריך וואָס האָט אים גע־מאַכט צו זיין אַ מושל אין אונזער תורה וועלט, אַזוי גוט ווי ביי פילע אידן וועלכע האָבן זיך דערוויטערט פון דער תורה...

דער שטריך וואָס האָט אַזוי טייער געמאַכט זיין וואָרט ביי אַ טייל פון אונזער פאָלק, דאָס וואָס האָט אים פאַר אַ פירער געמאַכט, הגם ער אַליין האָט קיין מאָל ניט געוואָלט קיינעם פירן, פירן אין דעם געוויינ־לעכן באגריף.

אין דעמדאָזיקן אַרטיקל באַשטרעב איך אָנצודייטן אויף דעם הויפט געדאַנק וועלכער לויפט דורך ווי אַ גאָלדענער פאָדים דורך אַלעס וואָס זיין הייליקע האַנט האָט געשריבן און געדיכטעט און דער הויפט געדאַנק ביי הרב קוק איז ״זעלען־דורשט נאָך גאָט״.

די גרויסע נשמה פון דעם גייסטיקן ריז זוכט איבעראַל די גאָטהייט.

זוכט און געפינט ״איר״.

געפינט איר—די גאָטהייט און ווערט מער דורשטיק . . .

אַ שטרעבן און א גאָט־זוכעניש, וואָס בלויז געציילטע גרויסע נשמות וועלכע האָבן צו אונז פאַרבלאַנדזשעט פון ווייטע מיסטעריעזע וועלטן, וועלכע האָבן מיט זייערע זעלען־פליגלען קיינמאָל די גראָבע ערד ניט

באַרירט, און האָבן געזוכט און געלעכצט זייער גאַנצן לעבן זיך אַליין צום "הייליקן קוואַל" צו באַהעפטן. די גרויסע גייסטער וואָס האָבן אין גאַנצן אוניווערז איין שאַפּענדע האַנט דערזען, און אַלע דערשיינונגען אין דעם וועלטאַל ריידן צו זיי מיט אַ האַרמאָניש געטלעכער שפּראַך—"ומשמיעים ביראה יחד בקול דברי אלקים חיים ומלך עולם".

דידאָזיגע אייגנשאַפט פון גאָט־זוכעניש ווערט געשאָנקען בלויז צו אויסדערווײלטע נשמות און געציילטע דורות.

דער אויסדערווײלטער אין אונזער דור איז געווען הרב קוק ז"ל.

אים האָט די גאָטהייט אַ שאַטצבאַרע נשמה געגעבן, אַ נשמה וואָס ציט זיך שטענדיק צו די געטליכע שטראַלן "אורות" וועלכע זיינען פאַר־פלייצט אין דער פיזישער וועלט אַזוי גוט ווי אין דער מאָראַלישער גיי־סטיגער וועלט.

עס איז ניט קיין צופאַל—שרייבט ער אין זיין מאמר "ערפלי טהר"—נאָר עס איז מיין אינערלעכער וועזן, וואָס איך געפין מיין גרעסטן פאַר־געניגן אין זעלען־צופרידנהייט, אין דער גאָט־זוכעניש...

אַלע אַנדערע געגנשטאַנדן וואָס איך לערן, זיינען מיטלען צו דער־גרייכן דעמדאָזיקן הייליקן ענדציל...

דאָס געטלעכע ליכט וועלכע באַשטראַלט מיין נשמה, אַמפּלעקט פאַר מיר אימער מיין אייגענעם וועזן...

"אונזער צייטווײליגער דאַזיין, איז אַ פּונק פון דער געטלעכער איי־ביקייט, און אונזערע פּאָטענציעלע קרעפטן פון ווירקלעכע ווערטן, קע־נען מיר נור אַזוי ווייט אַנטוויקלען, אויף וויפיל זיי זיינען אין האַרמאָני מיט די געטלעכע אייביקע ווערטען".

ווי אַלע אַנדערע גרויסע מיסטעריעזע מענטשן, זעט ער די גאַנצע נאַטור ווי זי באַשפּרעכט די גאָטהייט. ניטאָ קיין ווירקלעכע טויבקייט אין

דער נאַטור און ניטאָ קייןווירקלעכער שלעכטער מענטש אין דער וועלט. אַלעס, אַלעס זיינען מאַניפעסטאַציעס פון דער געטלעכקייט. א שלעכטער מענטש איז נאָר איינער ביי וועמען דאָס שטראַלן פון די געטלעכקייט וואָס פליסט שטענדיק צו די מענטשן איז אונטערגעבראָכן צייטווייליק... מען קען דעם געטלעכן שטראל צוריק גאַנץ מאַכן מיט אַנדערע שטראַלן, מיט "אורות התשובה".

אַלע וועלטלעכע צרות, באַזונדערס אונדזערע גייסטיגע ליידן און פסיכישע שמערצן, קומען דאדורך וואָס אונז פעלט די געהעריקע פארברייטונג צו פאַרטיפן זיך אין גאָט'ס גרויסקייט... (התרבות הישראלית).

דער טיפער גלויבן אין גאָט, איז די ווירקלעכע פּאָעזיע פון לעבן, די פּאָעזיע פון אונזער עקזיסטענץ.

אונזער לעבן ווערט שרעקלעך פראַזאַאיש, וואָכעדיק און אינהאַלט־לאָז, ווען מיר פאַרלירן דידאָזיקע געטלעכע פּאָעזיע אין אונזער לעבן (כתר תורה).

"צמאה נפשי לאלקים".

עס איז פיל געשריבן געוואָרן וועגן דער גרויסער ליבע וואָס הרב קוק ז"ל האָט געטראָגן אין זיין האַרץ צו דעם "עם ישראל און ארץ ישראל", אַ ליבע וואָס האָט ניט קיין גלייכן אַפילו ביי הייליקע מענטשן אין פילע יאָרן. נאָר אַזאַ מענטש ווי ער, האָט געקענט שרייבן אין "תעודת ישראל ולאומיותו" אַז די ליבע צו דעם איז גרעסער ווי צו קינדער.

און די ליבע צו ארץ ישראל ווייס ווירקלעך קיין גרעניץ ניט...

אָבער ביידע, פאָלק און לאַנד, וועלכע ער דענקט דאַרפן דערגאַנצן איינע דאָס צווייטע, זיינען ניט ביי הרב קוק וואָכעדיקע ענינים, אויב זיי זיינען דאָס ביי אַנדערע פעלקער און לענדער, איז "לא כאלה חלק יעקב".

די אומה הישראלית, "זרע אברהם אוהבי", האָט פאַר דורות לאַנג

קאָנצענטרירט אירע הויפּט שטריכן פון לעבן אויף דעם פּונקט פון „אהבת ה׳״.

די גאַנצע אידישע גייסטיקע פיזיאָנאָמיע שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם געטלעכן וואָרט—די תורה. די תורה וועמענס געזעצן זיינען פּאָזיציע און אירע לערען זיינען ליכט-שטראַלן וועלכע פליסן אַרויס פון דער אייביקייט.

אין דער תורה האָט ג׳ זיין אויסדערוויילט פאָלק אָנפאַרטרויט אַלס אוניווערסאַלן מאַראַליזירנדן כח פאַר אַלע פעלקער און פאַר אַלע צייטן...

דידאָזיקע געטלעכע מתנה וועלן אידן קיין מאָל ניט אָפּגעבן... ווייל דער אייביקער קיום פון אידן איז אין דער תורה פאַרזיגלט...

דער וואונדערבאַרער געדאַנק וואָס דער רמב״ם ז״ל האָט אַרויסגע-זאָגט אין זיין ״אגרת תימן״:

ואת התורה לא ימלט איש מבני יעקב לעולם... ירצו או לא ירצו״. דערדאָזיקער געדאַנק וועבט זיך דורך ביי הרב קוק אין זיינע מערסטע שריפטן הגם ער ווערט אַנדערש מאָטיווירט.

זיינע פּאָסטולאַטן וועגן נצחיות התורה און נצחיות ישראל, זיינען באַזירט אויף דעם, אַז דער בורא וועט ניט חרוב מאַכן די וועלט, ניט די פיזישע און ניט די מאָראַלישע. די לעצטע אודאי ניט, און די מאָראַלישע וועלט איז באַזירט אויף דער תורה, אירע אידעען און אירע געזעצן. צו די אַנדערע פעלקער דערגרייכן אויך געוויסע געטלעכע שטראַלן, אָבער ביי זיי פעלן די התגלות ווי זיי אַמפּלעקן זיך דורך דער תורה ביי אידן.

די אייביקע שומרים פון דער דאָזיקער געטלעכער, ווערטפולער מתנה, זיינען די אידן. זיי האָט מען דאָס אָנפאַרטרויט, ווייל אין זייער זעלען-לעבן איז דאָ אַ קאָלעקטיווע גאָט-זוכעניש.

די נשמת האומה פון דעם עם ישראל, קען קיין מאָל ניט פאַרלירן

אירע קדושה־ווערטן. די פאָלקס נשמה זוכט זיך צו באַהעפטן צו דער איי־ביקייט.

"צמאה נפשי לאלקים".

ארץ ישראל איז ביי הרב קוק דאָס שוואַרץ־אַפּל פון אויג, אַ שטיק פון זיין האַרץ, אָבער זיין ליבע צו ארץ ישראל ווערט גאַנץ אַנדערש מאָ־טיווירט ווי ביי פילע פירער און בויער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווען מיר פילע פון זיי ענטשולדיקן אויב איך וועל זאָגן דאָס גאַנץ אָפּט קוקט אויס זייער ליבע אַביסל געקינצלט. דער נוסח פון זייער רעדן אַביסל שאַבלאָניש, די ווערטער צופיל פּאָלירט און דער טאָן צו וואָכעדיק...

און מען דאַרף זיך אויף דעם ניט וואונדערן!

ווען ארץ ישראל ווערט אויסגעטאָן פון אירע הייליקע קליידער, פאַרלירט זי איר געטלעכן חן...

ווען מען מעסט ארץ ישראל ביים קילאָמעטער, איז דאָס אַ קליין לאַנד.

ווען מען וועגט עס אויף "אייזערנע געוויכט", אין ווערטן פון אַ "גאָלדענעם סטאַנדאַרד", ווערט ארץ ישראל אויס יחסנ׳טע, אַנדערע לענ־דער ציען דאָס געוויכט קעגן איר.

און ווייל מען האָט אַזוי פיל גערעדט וועגן ארץ ישראל פון יוטי־ליטאַרישן שטאַנדפונקט, האָט נאָך ארץ ישראל ניט אָנגעצונדן דעם אמת׳ן געטלעכן פייער אין אַלע אידישע הערצער ווי עס האָט געדאַרפט זיין און ווי מיר האָפן אַז עס וועט אין גיכן אַזוי זיין...

איינער איז געבליבן טריי דעם הייליקן נוסח פון די נביאים, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן ארץ ישראל, בלויז ביי איינעם איז פאַרבליבן יע־נער הייליקער פייער פון נבואה־שפּראַך, קדושה און געטלעכע אייביקע אידעאַלן, און דער איינער אין אונזער דור איז געווען הרב קוק, ז״ל.

פאַר אים איז אפילו די פּראָגראַמע פון די מזרחי "ארץ ישראל על פּי תורת ישראל לעם ישראל" אויך ניט גענוג מאַסגעבענד וועגן „קדושת הארץ".

הרב קוק זוכט ווייטערע ספערן, הייליקע קאַנאַלן, דורך וועלכע זיין ליבע צו ארץ ישראל צו צעמענטירן. ישיבת ארץ ישראל, שרייבט הרב קוק, אין מבוא צו זיין ספר "שבת הארץ", איז ניט בלויז אַ מיטל אַז אידן זאָלן קענען מקיים זיין די "מצות התלויות בארץ", נור לעבן אין ארץ ישראל אַן און פאַר זיך איז א זייער גרויסע מצוה.

שטייט דאָך געשריבן אין "ספרי": "ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצות שבתורה".

אין פילע בריוו און מאמרים ענטוויקלט הרב קוק אַן ערהאַבענעם געדאַנק, אַז בלויז אָט דאָס לאַנד איז דער אינסטרומענט דורך וועלכן די געטלעכקייט זינגט אַרויס אירע הייליקע סימפאָניעס. בלויז אָט דאָס לאַנד האָט באַקומען אין אַ גרויסער מאָס די געטלעכע שטראַלן וואו יעדער וואַלד, באַרג און טאָל און פרעירי טראָגן אין זיך דעם סוד שיח אלקה... און יע־דער טייכל אַ קדושה ווירבלט און אינספּירירט דאָס מענטשלעכע האַרץ צו זוכן די געטלעכע סודות, וועלכע זיינען צווישן די שטערן פאַרזייט...

בלויז ארץ ישראל האָט נביאים אין איר האַרצן אויסגעטראָגן וועלכע האָבן פאָראויסגעזען די ווייטע צוקונפט און האָבן געגלויבט אַז ארץ ישראל האָט די שליסל צו לייזן אַלע מענטשלעכע אָנגעווייטאָגטע פּראָ־בלעמען... ונהרו אליו כל הגוים... לכו ונלכה אל הר בית ה'...

וויפיל ציון איז טייער, איז נאָך ירושלים מער הייליק... ירושלים דלמטה איז אַן אָפּשפיגלונג פון ירושלים דלמעלה... די שכינה זעלבסט וואַרט דורך דער גאַנצער צייט פון גלות אין ירושלים, אַז די אידן זאָלן דאָרטן קומען צוריק... "מעולם לא זזה שכינה מכתל מערבי".

אין אַנדערע לענדער איז שווער די שכינה צו געפינען... די טומאה

האָט באַהערשט זייער גייסט. קיין געטליכן אידעאַל האָבן זיי ניט געהאַט און וועלן ניט האָבן...

די מענטשן זוכן ניט גאָט, זיי אַנטלויפן פון אים...

בלויז איין פאָלק האָט נביאים געהאַט און בלויז איין לאַנד האָט די נבואה געבאָרן. יענעס לאַנד—ארץ ישראל—קוקט גלייך דעם הימל אין פנים אַריין און יעדער באַרג רופט דעם מענטשן צו גאָט...

ארץ ישראל איז אונז ליב, ווייל זי איז הייליק... ווייל אין איר הערט זיך אימער דער קול ה׳: ״צמאה נפשי לאלקים״.

די געדאַנקען וועלכע הרב קוק האָט אַרויסגעזאָגט, זיינען טיילווייז ניט ניי פאַר אונז, זיי זיינען פאַרזייט אין אונזער גרויסער הייליקער ליטע־ראַטור, אָבער דער מענטש וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז אַ נייער—אַ נייער איז ער, ווייל אונזער צייט איז אַ שווערע מאַטעריאַליסטישע... אין אונזער צייט רעדט מען אימער וועגן קאָנקרעטע און נוצליכע ענינים ״וכל מחמדיהם נתנו באכל״.

אין אונזער דור זוכט דאָך דער לשון פון דיפּלאָמאַט, צו ערזעצן די ,,שפת הנבואה״. אין אַ דור וואָס אַלע זוכן ברויט און פאַרגעניגן און ניט גאָט, איז דער גאָט־דורשטיקער מענטש אַ קאָלאָסאַלע דערשיינונג.

און וואונדערבאַר! אַפילו אין דעם דור האָט מען דעם וואונדערבאַרן מאַן דערקענט, ״כי איש קדוש הוא״, און פילע הערצער האָבן געפלאַטערט יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיין וואָרט געהערט. אויך אין דעם דור זיינען גע־ווען פילע אין וועמענס הערצער ער האָט הייליקע געפילן פאַרזייט און האָט הייליקער געמאַכט זייער לעבן, און אָנגעריירט זייערע נשמות פאַר גאָט־דורשטיקייט, גאָט־זוכעניש.

זייער גרויס איז די השפעה פון הייליקע מענטשן ״לקדושים אשר בארץ המה״.

גרויסע גייסטער זיינען ווי דער מזבח, ״כל הנגע בהם יקדש״.

דער ״חפץ חיים״

דאָס שווערסטע און כמעט דאָס אונמעגלעכסטע איז צו באַפרייען זיך פון דער אומגעבונג אין וועלכער מען לעבט, זיך אויפהויבן העכער פון דער וועלט אין וועלכער מען געפינט זיך.

באפרייען זיך פון דער וועלט אין וועלכער מען באַוועגט זיך, מיינט כמעט זיך אויסשליסן פון ״צייט״ און ״פלאַץ״, אַ זאַך וואָס איז אונבאגרייפ־לעך פאַר דעם מענטשלעכן שכל.

די וועלט שליסט דעם מענטשן אַיין אין אירע ליידנשאַפטן מיט אַיי־זערנע קייטן (אַזוי גיך ווי ער, דער מענטש, קריגט די דערקענטעניש פון די געגנשטאַנדן צווישן וועלכע ער באַוועגט זיך) און האַלט אים אַ געפאַנ־גענעם, אַ געבונדענעם שקלאַף כל־זמן דער מענטש שטייט אויף זיינע פיס...

בלויז געציילטע מענטשן, גאונים אין מדות, גרויסע גלענצענדע שטערן אין די מאָראַלישע ספערן פון לעבן ווערט געגעבן די פריווילעגיע בעסער געזאָגט, זיי נעמען די פריווילעגיע זיך אויסצושליסן פון צייט און פלאַטץ, אויפהויבן זיך מאָראַליש מיט אדלער־פליגלען העכער איבער דער וועלט אין וועלכער זיי לעבן און באַוועגן זיך, און בויען אויס פאַר זיך אַ באַזונדערע אייגענע וועלט ניט פון ערדישע עלעמענטן, נאָר פון דעם ריינעם הימלישן טוי, געוואָרעמט פון געטלעכע שטראַלן און באַלויכטן פון דעם ״אור תורה״.

איינער פון אַזעלכע גרויסע גייסטיקע גבורים — אַ גבור וואָס האָט מיט זיינע אייגענע הענט צעבראָכן כמעט אַלע ליידנשאַפטלעכע קייטן און זיך אַוועקגעשטעלט אויסער זיין צייט, איז געווען דער ״חפץ חיים״ זצ״ל.

און וואונדערליך, גראָדע דער דור וואָס איז איבערשוואומען מיט פאַלשקייט, ווימעלט מיט נאַרישן שטאָלץ, מיט גרויס מאַטעריאַליזם גראָ־דע אין דעם דור איז אויסגעוואַקסן דערדאָזיגער וואונדערבאַרער מענטש, דער גאון אין אידישער מאָראַל, און נאָך מער וואונדערבאַר איז וואָס די מענטשן פון דעם דור האָבן אים דערקענט און אָנערקענט... די טיפעניש פון זיין הייליקער נשמה האָבן זיי פאַרשטאַנען און מיט ערפרוכט זיין נאָ־מען דערמאָנט...

ווי גרויס איז די מענטשלעכע מאָראַלישע קראַפט!

דער אַלטער, שוואַכער, פשוט׳ער איד פון ראדין, הערשט איבער מיליאָנען רעליגיעז־געשטימטע אידן.

דער וואָס אַנטלויפט אַ גאַנצן לעבן פון הערשאַפט און פירערשאַפט, פירט אַ וועלט אידן מיט אַ צאַרטער האַנט און מיט אַ בת קול שטימע פון דעם אלטן קול דממה דקה...

די וועלכע זיינען שטאַרקע מאמינים אין דער מאַטעריאַליסטישער תורה, און זיינען איבערצייגט אז דער חומר איז אַלעס, זאָלן לערנען איי־ביקע קאַפיטלעך היסטאָריע פון ״חפץ־חיים׳ס״ לעבן. זיי וועלן דאַן באַ־גרייפן אַז ״גייסט״ האָט אַ גרויסע וועלט פאַר זיך און שאַפט ווערטען, איי־ביקע ווערטען, וואָס די ״צייט״ אַליין קען דאָס ניט צושטערן און צופרעסן.

די צייט, אונזער צייט אין וועלכער מיר לעבן—אַ שווערע, אַ ביטערע, אַ בייזע און אַ בייסיקע, האָט ניט געקענט פאַרשלינגען דעמדאָזיקן גרויסן צדיק. מיט זיין אייגענעם פעסטן ווילן, יאָ, מיט זיין ווילן האָט ער אויס־געטראָטן אַ באַזונדערן אייגנאַרטיקן וועג, וואָס בלויז מענטשן וועלכע האָבן

דערגרייכט דאָס העכסטע אין דער מענטשלעכער מאָראַל, זיינען אימשטאַנד אין אים צו גיין.

און דער וועג וועלכן דער "חפץ חיים" האָט פאַר זיך אויסגעקליבן, איז געווען אַ שווערער, אַ שווערער אפילו פאַר גרויסע הערלעכע נשמות צו זיין אַזוי אויסגעהאַלטן און פולקאָם.

עס ליגט אין דער מענטשלעכער נאַטור צו זען די אייגענע מעלות און יענעמס חסרונות. צו טראַכטן וועגן די אייגענע פיאיקייטן און יע־נעמס שוואַכקייטן, צו שטראָפן דעם צווייטן פאַר זיינע פעלערן און זינגען אַ שבח פאַר די אייגענע גוטע טאַטן. דאָס זיינען מענטשלעכע שוואַכקייטן פון וועלכע אפילו גאָר די גרויסע קענען זיך ניט באַפרייען.

דער מענטש, ווי ער ווערט געבאָרן, שטעלט אַוועק זיין אייגענעם איך אויפן שפיץ באַרג און זעט אין זיינע מיטמענטשן קליינע ברואים'לאַך, וועלכע קריכן און ווימלען אונטן אין טאָל...

דער "חפץ חיים" בייט איבער די פּאָזיציעס פון "איך" און די "אַנ־דערע" און ווייס ווי צו שעצן יענעמס מעלות מיט אָביעקטיווער ערלעכ־קייט און מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט, און זוכט און אַנאַליזירט זיך אַליין, פילייכט האָט זיך טיף אין דער נשמה ערגעץ וואו אין אַ פאַרבאָר־גענעם ווינקל אַ געוויסע מענטשלעכע שוואַכקייט באַהאַלטן.

ער האָט ספרים געשריבן. ספרים, וועלכע לערנען ווי ג' צו דינען, ווי די תורה צו היטן און ווי אַ מאָראַלישן לעבן אין זיך אַליין צו אַנט־וויקלען.

אָבער יעדע שורה פון זיינע ספרים ווערט דורכגעפירט און פאַר־ווירקלעכט אין זיין אייגענעם לעבן. ער אַליין איז דער לעבעדיקער ספר, און יעדן טאָג דערמאָנט ער זיך אַז ניט אַלעס קען מען פאַרשרייבן. אויף זיין אייגענעם ספר פילט ער, איז אויך דאָ א תורה שבעל פה, א לפנים משורת־הדין.

און דער מחבר וואַקסט אַריבער זיינע אייגענע ספרים אין אַלע ענינים וועלכע זיינע ספרים באַהאַנדלען, אין אהבת התורה, אין יראה, אין קדושה.

פאַרליבט איז ער געווען אין דער תורה. איז דאָך די תורה דאָס גרויסע דרשה געשאַנק וואָס דער וועלטלעכער שעפער האָט געגעבן זיין אויסדערוויילטן פאָלק ישראל. און זייענדיק פאַרליבט אין דער תורה, האָט ער געזוכט די באַהאַלטענע געדאַנקען וועלכע גאָט האָט אַיינגעוועבט צווישן די ווערטער.

זיי, די געדאַנקען, זיינען דאָך אומענדלעך. האָט דאָך יעדע מצוה מיט אַ גאַנצן קראַנץ "הדורים" זיך באַצירט.

פיליכט איז ניט אַזוי שווער אָפּצוהיטן די מצוה פון תפילין און די לא־תעשה׳ס פון מאכלות אסורות. אָבער ווי שווער, ווי אונגעהויער שווער, עס איז צו פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם פאַרבאָט פון "לא תלך רכיל" מיט זיינע אַלע הדורים און מיט זיינע אַלע מעגלעכע מאָראַלישע אינטער־פּרעטאַציעס.

"לא תרצח" איז געוויס אַ פאַרבאָט וואָס יעדער געוויינלעכער מענטש קען דאָס אויסווייכן. ווען מען האַלט ניט קיין מעסער אין האַנט יענעם אין האַרצן אַריינצושטעכן, איז מען שוין אַן אָרענטלעכער מענטש. אָבער ווי שווער ווערט דערזעלבער פאַרבאָט ווען מען פירט עס צו דעם ווייטגייענדן מאָראַלישן באַגריף?!

באַליידיקן יענעם, האָבן די אידישע חכמים געזאָגט, איז מאָראַליש אַזאַ פאַרברעכן ווי פאַרגיסן בלוט, דער באַליידיקטער ווערט דאָך נעבעך בלייך ווי קאַלך, ווען באַליידיקן אַ מענטשן איז אזא שווערער עבירה, איז שטימען ביי אסיפות פאַר א געוויסן קאנדידאט שוין אויך נישט אינגאַנצן עטיש כשר.

דער, פאַר וועמען מען שטימט, איז צופרידן, אָבער דער צווייטער קאַנדידאַט ווערט דאָך פאַרשעמט. אינדירעקט ווערט ער שוין באַליידיקט,

אַ קלייניקייט די האַנט פון "חפץ חיים" דייטעט אָן אַז דער אָדער יענער פערזאָן איז ניט פּאַסיק פאַר אַ געוויסן אַמט אָדער ארבעט צו פארטרעטן. עס איז דאָך שפיכת דמים אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט...

זיצט דער "חפץ חיים" ביי אסיפות, באַטייליקט זיך אין די דעבאַטן, קומט אָבער צום אָפּשטימען פאַר קאַנדידאַטן, פאַרלאָזט דער "חפץ חיים" אויף אַ ווײַלע די אסיפה. חלילה אויפהויבן אַ האַנט קעגן אַ אידן, פאַרשעמען יענעם, דאָס איז דאָך שרעקלעך...

אַזאַ "פאַרברעכן" האָט דאָך א פארוואנדשאפט צו "לא תרצח". דער "חפץ חיים" שטימט ניט ביי אסיפות פאַר קיין קאַנדידאַט, זיצט שטיל, טיף פארטראכט, און פון די אויגן לייכט א פייערל פון מענטשלעכע ליבע און מענטשלעכע ווירדע און אלע פארזאמלטע קוקן אריין טיף אין די אויגן און ווילן דורך זיי זיינע סודות דערגיין...

און טראָץ דעם וואָס ער האָט ניט קיין ברייטע דעה געזאָגט ביי אסיפות, איז ער געווען דער גרויסער פירער פון דעם רעליגיעזן אידנטום אין אייראָפּע.

די גאונים און וואָרט־פירער האָבן אײַנגעבויגן זייערע קעפּ מיט גרויס יראת הכבוד פאר זיינע געציילטע ווערטער, וועלכע זיינען ארויסגעפלאָסן פון זיין רעליגיעזער, מאָראַלישער נשמה. זיי האָבן זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטריינגטע אויערן צו דעם ריטם פון זיין אָטעם ווען ער האָט געשוויגן און האָבן אים איינפאַך פאַרהייליקט פאר זיין יעדן וואָרט, און יעדעס וואָרט איז געווען אמת.

פון די אַלע גרויסע מדות וואָס דער "חפץ חיים" האָט אין זיין כאַראַקטער אויסגעלייטערט, האָט די מדה פון אמת דאָס גרעסטע אינסטאַנץ דערגרייכט. אַ ריינער, אַ פרימיטיווער אמת, ניט קיין געקינצעלטער און ניט קיין באַפּוצטער איז געווען זיין אידעאַל.

דאָס שווערסטע פאַר דעם מענטשן איז צו האַלטן זיך ביי דעם אמת. דער לעבן איז איבערפילט מיט פאַרשידענע פּראָבלעמען, די פּראָבלעמען זיינען פאַרבונדן מיט אומשטענדן, מיט פּערזאָנען, מיט פריינט, מיט ״חברים לדעה״. דער אמת צווישן די אַלע דערשיינונגען און באַגעבנהייטן, ווערט אַביסל צוגעפּאַרבט, צוגעמאָסטן צו די אומשטענדן. דאָ ווערט דער אמת אַביסל קירצער און דאָ אַביסל לייגער... פון די אַנדערע מענטשלעכע זיטן איז דער אמת מער עלאַסטיש ווי אַנדערע מענטשלעכע טוגענד־שאַפטן. ער שווימט אין דער לופטן, בייגט זיך אויף אַלע זייטן און בלייבט דאָך אמת.

ניין! דאָס איז ניט דעם ״חפץ חיים׳ס״ אמת.

זיינער איז פונדאַמענטאַל און אָריגינאַל, אַזאַ ווי ער וואָלט יעצט פון הימל אַרונטערגעפאַלן, איידער ער האָט נאָך זיינע פליגלען מיט דעם ערד־שטויב פּרשמירט. ער שפּינט עס אויס פון זיין אייגענער מחשבה... ער איז אימער באוואוסטזיניג אז די גרויסע מענער פון ישראל האָבן גע־זאָגט דאָס: ״חותמו של הקב״ה אמת״...

דינגען זיך חסידים אין וואַרשע וועגן אַ געוויסע פראַגע און ווייסן ניט וועמען מען קען די לייזונג פון דער פראַגע אָנפאַרטרויען, מען מוז האָבן איינעם וואָס ווייס דעם סוד פון אמת... שווער אַזוינס אין דעם דור צו געפינען.

אה, דער ״חפץ חיים״ איז דער איינציקער וואָס האַלט באַהאַלטן דעם אמת בבית גנזיו פון זיין נשמה אַזוי ריין ווי דער אמת איז באַשאַפן געוואָרן אין ״גנזי מרומים״ ער וועט, זאָגן די חסידים, ערלעדן אונזער פראַגע ענט־שיידן.

און דער וואונדערבאַרער מענטש וואָס האָט פאַרבראַכט אַ לעבן אין שלייפן זיין אייגענעם כאַראַקטער, האָט דאָך אַזוי ווי על־פי נס געקאָנט

די וועלט און די מענטשן מיט זייערע שוואַקדייטן. זייער פּסיכאָלאָגיע און זייערע נייגונגען צו בעטרוג און פּערזענלעכער סאַטיספאַקציע... מיט זיין אינטואיציע דערשפּירט ער די מערסטע איבלען וועלכע באַהערשן די אידי־שע געזעלשאַפט. און ער האָט גרינדלעך פאַרשטאַנען אַז די תורה איז די קראַפט אין לעבן וועלכע קען רעטן דעם מענטשן ניט צו ווערן פאַרשלונ־גען אין ים פון מענטשלעכעליידנשאַפטן.

די תורה איז די בריק וואָס דער "בורא עולם" זעלבסט האָט גע־בויט, כדי דער מענטש זאָל איבער דערדאָזיקער בריק נעענטער צוקו־מען צו גאָט...

די תורה, האָט ער געלערנט, האָט דעם מענטשן געקרוינט מיט ווירדע און אַוועקגעשטעלט אין דער מיטן פון דעם וועלט טראַנסצענדענטאַל איבער זיין גאַנצער אומגעבונג.

דער מענטש איז געשטעמפּלט "בצלם ובדמות". ער טראָגט אין זיין אינטעלעקט עטוואָס אומענדלעכעס. מיט זיינע האַנדלונגען פאַרבעסערט ער וועלטן, און זיינע שלעכטע פאַרדאָרבענע מעשים מאַכן זיי חרוב.

ווי איז צו יענעם וואָס ער ברענגט זיין אייגענעם חורבן. ווען ער זיך אָנהאַלטן אָן דער תורה, איז ער זיכערער מיט זיך און מאַכט די וועלט זיכערער פאַר זיך און פאַר אַנדערע.

די תורה, האָט ער געלערנט, איז אַ מיטל צו האַלטן דעם מענטשן נעענטער צו גאָט. און ווייל דער „פּפּץ חיים" האָט געהאַט אַן אומענדלעכע אהבת ה', האָט ער דערפאַר אויך געהאַט אונענדלעכע "יראת שמים". ניט די מורא פון געפינען "אים" האָט אים געשראָקן, נאָר דער אומגליק פון פאַרלירן "אים" האָט געמאַכט זיין האַרץ ציטערן.

דאָס גרעסטע אומגליק, האָט ער געלערנט זיין דור, איז צו בלייבן גאָטלאָז... די מענטשן פון זיין דור האָבן אים געערט און געליבט, געערט

פאַר זיין תורה, פאַר זיין עכטע פרומקייט, פאַר זיינע געטלעכע לערען. זיי האָבן אים געליבט פאַר זיין אומבאַפלעקטן אמת, פאַר זיין עניוות וועלכע איז געווען ניט געקינצלט...

און פאַר זיין אהבת ישראל וואָס האָט קיין גרעניץ ניט געהאַט.

שווער מספיד צו זיין אַ פערזאָן וואָס האָט ניט געלעבט, אין דעם איינפאַכן באגריף פון מענטשן, און איז אויך ניט געשטאָרבן, ווי די גרויסע גייסטער באגרייפן דעם טויט...

די וועלכע פירן די מענטשן צו העכערע וועלטן, נעענטער צו דער גאָטהייט, לעבן דאָך אייביק...

דער "חפץ חיים" איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געפירט די אידן צו א שענערן מאָראַלישן לעבן, נעענטער צו גאָט. איז ער דאָך געווען די גרעסטע עטישע פערזענלעכקייט פון זיין צייט.

ראָגאַטשעווער גאון — דער פילאָ-סאָפיקער „חד בדרא״

„וכל רז לא אניס ליה״.

דער באַרימטער גאון ר׳ יוסף ראָזין זצ״ל, דער רב פון דווינסק איז געווען אַ גאונישע פּערזענלעכקייט, וועלכע באַלאַנגט מער דער פאַנטאַזיע און לעגענדע ווי צו דער ווירקלעכקייט...

בלויז די פאַנטאַזיע קען שאַפן דאָס אַמאָל. אַמאָל, אין די גאַנץ אַנדערע צייטן, האָט אַזאַ גאון געלעבט. אונזער אייגענע צייט, די געגנוואַרט, איז ניט מסוגל צו האָבן אַזאַ שאַרפן בליציקן מוח, אַזאַ בקי בכל חדרי תורה, אַזאַ דינאַמישן אינטעלעקט ווי דער ראָגאַטשאָווער גאון אין ווירקלעך געווען. אונזער צייט ווען מענטשן גענסטזיך מיטן געדאַנקען, אַפילו אין די אינטעלעקטועלע און תורה וועלטן דרייען זיך אַמערסטנס אַרום „נוצלעכקייט״ און „פּראַקטיש־קייט״, אין אַזאַ צייט זאָל גראַדע אויסוואַקסן אַ מענטש פאַר וועמען אַזעלכע אויבנדערמאַנטע „ווערטן״ זאָלן זיין ווערטלאָז, אַפילו אין דעם ענין פון תורה, און זאָל האָבן אַוועקגעגעבן זיינע אַלע גאונישע כשרונות בלויז צו דער טעאָרעטישער זייט פון דער תורה, מקדש זיין אַ גאַנצן לעבן צום אַבסטראַקטיוון דענקען; לערנען „תורה לשמה״ אין העכסטן זינען אין איר ווייט־גייענדער אינטערפּרעטאַציע, אַזאַ מענטש איז אַ וואונדערבאַרע דערשיינונג ניט בלויז אין אונזער דור, נאָר אַפילו אין דורות פריער.

דער ראָגאַטשאָווער גאון איז געווען גאַנץ אייגנאַרטיק אין זיין אייגענעם קלאַס. זיינע אַלע גאונישע כשרונות האָט ער אָוועקגעשאָנקען צו דער „תורה". ער האָט זיך כמעט ווי באַפרייט פון דער גאַנצער וועלט, אַפילו פון די אומבאַדינגט דרינגלעכע מענטשלעכע פאָדערונגען ווי עסן און שלאָפן און עוסק געווען אין לערנען. די וועלט אַלס אַ געגנשטאַנד אָן און פאַר זיך, איז פאַר אים בוכשטעבליך פאַרשוואונדן געווען. ער האָט די גאַנצע וועלט איינפאַך אין דער תורה איינגעוויקלט. ניט אומזיסט איז געשריבן אין די הייליקע ספרים „אַז דער שעפער האָט אין דער תורה געקוקט און האָט נאָך דער תורה די וועלט מאָדעלירט".

אין וועלכן ס'איז געשפרעך, וואָס אַ געוויסער מענטש האָט געזוכט דעם „ראָגאַטשאָווער" צו פאַרקניפן, האָט אים דער ראָגאַטשאָווער גלייך אין זיין תורה נעץ געפאַנגען... מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, געשיכטע, מסחר, מאַכט און הערשאַפט, האָבן געהאַט פאַר אים אַזוי פיל אַ ווערט, אויף וויפיל זיי ווערן אינטערפרעטירט אין „בבלי" אָדער אין „ירושלמי", אין רש"י אָדער אין רמב"ם. ראיות און ציטאַטן האָט ער געהאַט אויף יעדער זאַך אין די הונדערטער. זיין גאַנצן לעבן, זיין גאַנצן גייסט האָט ער אין דער תורה אינוועסטירט... אַלע אַנדערע זאַכן, קריגן ניט צייט און זיין אויפמערקזאַמקייט.

און גרויס, אונשעצבאַר, זיינען געווען זיינע גאונישע „כחות הנפש". זעלטן ווען אַזוי פיל גאונישע כשרונות האָבן זיך אַזוי וואונדערבאַר קאָמבינירט ווי דאָס האָט געטראָפן ביי דעם ראָגאַטשאָווער גאון.

אָנדייטן אויף אַלע זיינע כשרונות איז אונמעגלעך אין איין אַרטיקל. מיר וועלן אָנדייטן דאָ בלויז אויף פיר פון זיי, און יעדער כשרון האָט אים געמאַכט צו זיין דער חד בדרא!

א. זיין איבערנאַטירלעכע התמדה.

ב. זיין וואונדערבאַרער זכרון.

ג. זיין בליטציקע השגה.

ד. און זיין טיף אַנטוויקלטער הגיון.

די פיר אייגנשאַפטן האָבן אַנטוויקלט אין ראַגאַטשאָווער א גאונישן געשטאַלט וועלכע באַלאַנגט מער צו דער לעגענדע ווי צו דער ווירקלעכ־קייט... און דאָך איז ער געווען אַ ווירקלעכקייט—געלעבט אין אונזער צייט און פילע האָבן געהאַט די זכיה מיט אים צו ריידן און תורה פון אים הערן...

א.

לערנען, קאָנצענטרירן די מחשבות אויף אייניקע שטונדן לאַנג אויף איין געגנשטאַנד, איז איינע פון די שווערסטע זאַכן. מען האָט עס אַמאָל געוואוסט אַזוי גוט ווי מען ווייס עס יעצט. „תורה מתשת כוחו של אדם"—בלויז וועלט באַרימטע זשעניען פלעגן זיין אימשטאַנד צו טראַכטן, פאָרשן און זיך פאַרטיפן אין איין ענין אָן אונטערברעכונגען פאַר אייניקע שטונדן נאָכאַנאַנד. און ביי זיי, די גרויסע זשעניען, האָט מען אויך באַמערקט אַז זייערע אינטעלעקטועלע קרעפטן ווערן דערשעפּט פון שווערער מוח־אַרבעט. ווען דער מוח האָט געמוזט שאַפן אַביסל לענגער, פלעגן די זשעניען זוכן צו דערפרישן זייער דענקונגס־אַפּאַראַט "בין ענין לענין" מיט גרינגערע ביכער און געגנשטאַנדן. דער ראַגאַטשאָווער אָבער איז געווען אַ גאון וואָס זיין מוח איז קיין מאָל ניט געוואָרן מיד, פשוט אַ געטלעכע מתנה „לא ייעף ולא ייגע אין חקר לתבונתו". אַזאַ פסיכישע אייגנשאַפט צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען פאַקטיש שטונדן לאַנג אָ׳ן ניט בלייבן דערשעפּט, האָט בלויז דער ווילנער גאון זצ"ל אין אַזאַ גרויסער מאָס באַזעסן.

זיין שקידה, לערנען פשוט איבער צוואַנציק שטונדן יעדן טאָג, זיך ניט פאַרגינען צייט פאַר קיין זאַך ניט, שלאָפן בלויז 3־4 שטונדן אַ טאָג, עסן ווייניקער וויפיל אַ קליין קינד דאַרף, שרייבן תורה, און כדי די צייט ניט אויסצובריינגען, האָט ער אַמערסטן אונטערדריקט זיינע אייגענע גע־

דאַנקען. און גרויסע רעיונות, בערג פון חדושי תורה, קאָנדענסירט אין בלויז איין קורצע אָנדייטונג—„עיין שם, עיין שם...״ די זעלבע מעטאָדע וועלכע דער ווילנער גאון זצ״ל האָט אָמערסטן אָנגענומען אין זיינע הגהות הגר״א אויך צוליב די זעלבע אורזאַכע—איינשפּאָרן צייט... די צייט איז אַ שאָד, יעדע מינוט באַלאַנגט צו דער אייביקייט—און מען טאָר דאָס ניט אומברייינגען אויסער אויף לערנען תורה. ווער רעדט שלאָפן אַ מינוט מער ווי מען מוז, איז געווייס אַן אומגליק... דער ראָגאַטשאָווער איז געווען דער גאון אין שקידה, ניט געזעסן און געלערנט—זיצן און לערנען איז ניט אַזוי זיכער—ווייל זיצנדיק קען מען אַמאָל איינדרעמלען. ער איז געשטאַנען גאַנצע נעכט און געלערנט אויפן קול.

אין די ערשטע יאָרן, ווען ער איז אָנגעקומען אַלס רב אין דווינסק, פלעגן מענטשן אין די הונדערטער זיך פאַרזאַמלען ביינאַכט און שטיין ביי די פענצטער פון ראָגאַטשאָווער'ס הויז. פאַרבלייבן דאָרטן ביז טיף נאָך האַלבע נאַכט, כדי צו הערן זיין „קול תורה״, און הימליש הערלעך האָט זיין שטימע געקלונגען, „קול גדול ולא יסף״. די נאַכט נעמט ביסלעכווייז פאַרשווינדן, די שטערן ווערן ביסלעכווייז אין הימל פאַרלאָשן, דער מאָרגן שטערן שיקט שוין אַ פּאָר שטראַלן פאָראויס אָנצוזאָגן אַז די זון וועט באַלד אָנקומען, אָבער דער ראָגאַטשאָווער שטייט נאָך און לערנט. זיין גאַנצער לעבן איז לערנען—די תורה איז זיין נשמה. ער קאָן פון איר קיין היסח הדעת אויף אַ מינוט ניט האָבן.

אַזאַ התמדה איז גרויס געניאַליטעט...

אינטעלעקטועלע כחות וועלכע ווערן קיינמאָל ניט מיד און דער־שעפּט, איז אַ פענאָמען איין מאָל אין הונדערטער יאָרן, אַזאַ התמדה איז געווען זעלטן אַפילו ביי וועלט באַרימטע גאונים צו געפינען. אין זיין צייט איז דער ראָגאַטשאָווער גאון געווען דער „חד בדרא״ אין התמדה.

ב.

אַ חד בדרא איז ער אויך געווען מיט זיין וואונדערבאַרן כח הזכרון. זיין וואונדערבאַרע בקיאות אין דער גאַנצער תורה שבעל פה, אָנפאַנגענ־דיק פון ביידע תלמודים ביז די אחרונים, די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון פופצן הודערט יאָר. וויסן דאָס ווי ער האָט געוואוסט, איז מער ווי דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד קען באַגרייפן.

אונזערע באַגריפן וועגן קלאָר זיין אין וועלכן עס איז ספר, איז פון אַ גאַנץ אַנדער קוואַליטעט, אַן אַרימערע און אַ שוואַכערע ווי די מיט וועלכע דער ראָגאַטשאָווער גאון איז געווען פון גאָט געבענטשט. ער האָט קיין מאָל ניט פאַרגעסן וואָס ער האָט איין מאָל געזען און געלערנט. ער איז געווען ווירקלעך אַ „בור סיד שאינו מאבד טיפה!"

ער האָט געוואוסט יעדן ענין, זאַטץ און וואָרט אויסוועניק.

ער האָט געזאָגט דעם טעקסט איבעראַל פון כל התורה כולה אָן וועלכע טעותים . . .

פיל מער ווי געדענקען דעם טעקסט אומעטום, האָט דער ראָגאַ־טשאָווער באַזעסן די אייגנשאַפט וואָס די גאַנצע תורה איז אימער געווען פריש "אַ באַוועגנדער קאַפּיטאַל" אין זיין גאונישן מוח.

די גאַנצע תורה, די פאַרשידענע סוגיות און וכוחים, די חקירות און זייערע באַשלוסן, די קשיות און די תירוצים, אַלע געדאַנקען, קנייטשן, וועל־כע זיינען אין די צענדליקע טויזנטער פאַרזייט אין תורה ספרים—די אַלע האָבן שטענדיק געשוועבט פאַר זיינע אויגן. „הכל נסקרין בסקירה אחת". ער האָט ניט געדאַרפט זוכן און טראַכטן וועלכן ענין צו געפינען. אין זיין האַנט האָט ער אימער די שליסל געהאַלטן צו אַלע אוצרות התורה, „וכל רז לא אניס ליה".

אין זיין וואונדערבאַרן ספר "צפנת־פענח". וועלכער באַציט זיך אויף דעם „יד החזקה" פון רמב"ם ז"ל, זעט מען בקיאות וועלכע זיינען ער־שטוינענד. אין איין ענין פון זיין ספר געפינען זיך קרוב צו פינף און צוואַנציק הונדערט ציטאַטן (קונטרס השלמה לחלק רביעי), אַ זאַך וועלכע האָט ניט כמעט קיין גלייכן אין דער גאַנצער „ספרות הרבנות".

מען מוז געדענקען אַז דער ראָגאַטשאָווער פלעגט שרייבן זייער געשווינט, אויסוועניק, ניט זוכנדיק די קוועלן ווען ער האָט געשריבן, נאָר אַלעס געשעפּט פון גרייטן.

איינער פון די דריי גרעסטע גאונים פון דעם ראָגאַטשאָווער׳ס צייט, האָט אַמאָל וועגן אים וויציק באַמערקט: — עס איז קיין וואונדער ניט, האָט ער געזאָגט, וואָס דער ראָגאַטשאָווער איז קלאָר אומעטום, ווייל יעדער „ענין" פון תורה איז ביי אים יעצט דורכגעלערנט, און אים איז לייכט דורכצולערנען יעדן טאָג, ווייל ער געדענקט די גאַנצע תורה אויסוועניק.

זיין זכרון איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז געווען אימשטאַנד וועלכן ענין פון תלמוד מען זאָל אים האָבן געפרעגט, גלייך צו זאָגן: וויפיל מאָל דער אָנגעגעבענער ענין ווערט דערמאָנט אין ש"ס, ווי דער ענין איז פאַרקייטלט און פאַרוואַנדט צו אַנדערע ענינים אויב אין דעם ענין איז פאַראַן אַ מחלוקת פון די „ראשונים", אויסצורעכענען די אַלע באַזונדערע מיינונגען, די שיטות פון די פאַרשידענע מיינונגען, און ווי ווייט זייערע מיינונגען זיינען פאַרבונדן און פאַרוויקלט מיט אַנדערע מיינונגען אין גאַנץ אַנדערע פאַרוואָרפענע ווינקלען.

אַלס ביישפּיל וועלן מיר נעמען דעם ענין „שכירות (צו פאַרדינגען), דער ראָגאַטשאָווער האָט געקענט גלייך אויסרעכענען וויפיל סאָרטן שכירות זיינען דאָ ביי „שומרים" ביי לייען געלט, ביי „הקדש" און ביי אַלע ווייט־גייענדע אָפּטיילונגען פון שכירות מיט די אַלע הונדערטער דינים וועלכע

ווערן פֿאַרצווייגט פֿון דעם ענין, מיט אַלע פֿאַרשידענע מיינונגען וועלכע געפֿינען זיך וועגן דעם אָנגעגעבענעם ענין...

ער איז געווען אַ גאַנצע תּלמודישע ביבליאָטעק אין זיך אַליין — אין זיין וויסן די זאַכן איז געווען ענציקלאָפּעדיש קלאַסיפֿיצירט — דער אינדעקס צו אַלע געגנשטאַנדן איז שטענדיק פֿאַר זיינע אויגן אָפֿן געלעגן. האָט זיין אויג וואָס געזען, איז דאָס אין זיין קאָפּ אייביק פֿאַרבליבן. דעם ראָגאַטשאָווערס זכרון איז געווען פֿון אַ גאון — חד בדרא.

ג.

און גאָט האָט אים אויך געהאַט געבענטשט מיט אַ גאונישער בליצי־קער השגה.

דער וואָס האָט ניט געהאַט געזען דעם ראָגאַטשאָווער רעדן און לער־נען, יענער האָט פֿאַרפֿעלט צו זען די גרעסטע דינאַמישע אינטעלעקטו־עלע קראַפֿט אין דער תּורה וועלט... די שילדערונג וועגן איינעם פֿון די תּנאים אַז ווען ער האָט געלערנט, איז געווען „כל עוף הפורח באויר נשרף״. אַזאַ וואונדערבאַרע מליצה איז פֿאַרטרעפֿלעך געווען צוגעפּאַסט צו אַזאַ אונבאַגרייפֿלעכן גאון פֿון אונזער אייגענער צייט. ווען דער ראָגאַ־טשאָווער האָט זיך מיט ווער מען מפּלפּל געווען אין תּורה — און דאָס האָט ער זיין גאַנצן לעבן געטאָן — איז ער אינגאַנצן אין פֿלאַמענדן באַרג סיני פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן, פֿון וואַנען מיליאָנען תּורה פֿונקען האָבן מיט געוואַלדיקן קראַפֿט געשפּריצט.

***

יעדער פֿונק אַ תּורה וואָרט, יעדער בליץ אַ נייער געדאַנק אין חז״ל. מען האָט אין אים געזען אַ דערשיינונג וועלכע עס איז אונמעגלעך צו באַ־שרייבן. שטייט פֿאַר אייך אַן אויסגעדאַרטער מענטש, אויסערגעוויינלעך

גיך אין זיינע באַוועגונגען, און מיט זיינע דאַרע אויסגעביינערטע הענט, וואַרפט ער אום גאַנצע בערג, רייסט זיי אויס פון זייערע פלעצער און ברענגט זיי ווידער צוזאַמען מיט זיין סברא... ער בלעטערט ניט קיין גמרא, ער זוכט ניט קיין זאַך אין רמב״ם. ער גיט נאָר אַ מאַך מיט זיין צויבער־האַנט, אַ פינטל מיט זיינע טיפע שאַרפע אויגן, און די אַלע ענינים שווימען אויבן אַרויף. ניט זיי שווימען אַרויף, נאָר איר זעט ווי טויזנטע ענינים און סוגיות לויפן און שטופן זיך איינער איבער דעם צווייטן מיט אַ גוואַלדיקן אימפעט, מיט אַ קראַפט פון דעם ניאגארא וואַסער פאַל, ווילן קומען צום אויסדרוק וואָס גיכער און וואָס שנעלער, נאָר די רייד־אָרגאַנען שטייען זיי אין וועג.

ער, דער ראָגאַטשאָווער, איז הילפלאָז, ער קען אפילו אַ מיליאָנטעל טייל ניט אַרויסזאָגן פון דעם וואָס שפינט זיך אין זיין גענייאַלן קאָפּ...

די מליצה וועלכע מען האָט אַזוי אָפט געברויכט אויף פילע גאונים: „אַז זיי זיינען געווען שווימער אין ים התלמוד״, דאַרף וועגן דעם ראָגאָ־טשאָווער זיך לעזן: אַז דער תלמוד איז געווען אַ שטורעמדיקער ים אין זיין מח, וועמעס כוואַליעס האָבן געהאַלטן אין שטענדיקן ברויזן, געהויבן זיך איינס איבער דעם צווייטן און געטראָגן זיך מיט אונגעהייערע קראַפט פון אַ געוויסן באַהאַלטענעם כוח צום ברעג.

זיין השגה איז געווען אַזוי בליציק שאַרף, אַז ווען איינער פלעגט אים ווענדן וואָס זאָגן אָדער פרעגן אין לערנען, האָט דער ראָגאַטשאָווער גלייך יענעם פאַרכאַפּט דעם וועג: אַהאַ! דו ווילסט אוודאי פרעגן פון יענער רש״י אָדער תוספות אויף דאַנען? נו, דאָס איז קיין קשיא ניט! און צו וויזן אַז די פראַגע איז גאָר ניט ווערט, האָט זיין וואונדערבאַרער מוח אַפּאַראַט גענומען וואַרפן מיט אונבאַגרייפלעכער גיכקייט הונדערטע מאמרים און עניניר, אַז עס האָט פשוט גענומען שווינדלען דעם צוהערער דער קאָפּ. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז זיין השגה מעכאַניזם אַרבעט מיט אַזוי פיל

דינאַמישער קראַפט, אַז ער זעלבסט האָט איבער אים די קאָנטראָל פאַר־לאָרן.

אַ באַוואוסטער רב, אַ גדול הדור, האָט מיר אַמאָל דערציילט אַ געוויסע זאַך וועגן דעם ראַגאַטשאָווער׳ס השגה. דער רב וואָס האָט פאַרבראַכט מיט דעם ראַגאַטשאָווער אין לערנען, האָט אים געפרעגט אַ געוויסע פראַגע און האָט געזאָגט, מען קען ברייגגען אַ ראיה צו דעם פון אַ תוספות. — אַ תוספות?! האָט דער ראַגאַטשאָווער אַ זאָג געטאָן האַסטיק. וועלכע תוספות?! און האָט גענומען ווי זיך אַליין דערמאָנענדיק יעדע מסכתא פון ש״ס, דורכ־טראַכטענדיק אַלע ענינים פון יעדער באַזונדער גמרא אין אייניקע מינוטן און געגעבן אַ זאָג מיט אַ טאָן פון איבערצייגונג: — דאָס איז אין תוספות ניטאָ אין גאַנץ ש״ס.

דער רב וואָס האָט מיט דעם ראַגאַטשאָווער גערעדט, האָט נאָכדעם צו אים געזאָגט: אַז מען קען דאָס דרינגען פון אַ תוספות אין מסכת ערבין" ניט אָנגעבנדיק דעם פלאַץ פון תוספות. דער ראַגאַטשאָווער האָט געשוויגט געענטפערט: — אַהאַ, איר מיינט אוודאי פון דעם און דעם תוספות! יאָ, מען קען פילייכט ברייגגען א ראיה צו דעם וואָס איר ווילט זאָגן, אָבער עס האַלט ניט אויס... און גענומען ציטירן הונדערטע פלעצער צו באַשטעטיקן אַז זיין אָנווענדונג איז אויסגעהאַלטענער און לאָגישער.

דער וואונדערבאַרער זכרון וואָס ער האָט געהאַט, האָט זיך געניאַל פאַרטרעפלעך פאַראייניקט מיט אַ גאונישער בליציקער השגה. דער כוח ההשגה אין ראַגאַטשאָווער גאון איז אויך געווען פון אַ גאון חד בדרא . . .

ד.

דער ראַגאַטשאָווער האָט שוין אין זיינע יונגע יאָרן גע׳שמ׳ט פאַר אַן עלוי נפלא. ווען די חסידים פון דווינסק האָבן גענומען זוכן אַ רב, וועלכן מען זאָל קענען שטעלן אין איין מדרגה מיט דעם וועלט באַרימטן גאון ר׳

מאיר שמחה זצ״ל, וועלכער איז שוין דאַן געווען דער רב פון די מתנגדים אין דווינסק, האָבן זיי דעם ראָגאַטשאָווער עלוי, ווי מען האָט אים דאַן אין דער לומדישער וועלט גערופן, פאַר אַ רב אויפגענומען. ער איז דאַן אַלט געווען בלויז ניין און צוואַנציק יאָר. (דער ראָגאַטשאָווער זצ״ל האָט דאָס מיר געזאָגט ווען איך האָב אין יאָר תרפ״ט באַזוכט אים אין דווינסק). דאַן האָט די לומדישע וועלט אים זייער שטאַרק באַוואונדערט פאַר זיין גרויסער התמדה, פאַר זיין אומדערשעפּלעכע בקיאות און פאַר זיין שאַרפן גיכן שכל—זיין השגה. מען האָט אים ניט געגעבן קרעדיט פאַר אַלע אַנדערע כשרונות...

די וועלכע פלעגן זיך מיט אים מפלפל זיין אין תורה, פלעגן ערשטוינט ווערן פון זיינע תלמודישע אומענדלעכע ידיעות, פילע פלעגן פשוט ניט קענען נאָכהאַלטן זיין מהירות המוח. עס איז געווען שווער צו דערהערן די חדושים וואָס ער האָט געזאָגט, זיין תורה טערמינאָלאָגיע איז נאָך געווען ניי, אונבאוואוסט צווישן לומדים. אַפילו גרויסע מענטשן האָבן די שוואַכקייט צו פאַרעכענען דאָס וואָס מען איז ניט תופס אַזוי גיך—איז ווערטלאַז. האָט זיך די לומדישע וועלט געשושקעט שטילערהייט און געזאָגט: יאָ, דער ראָגאַטשאָווער איז אַ געוואַלדיקער גאון אין בקיאות. זיין השגה איז פייל פון בויגן געשווינד, אָבער זיינע חדושים זיינען ניט אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך. אַ באַרימטער גאון האָט שפּילאַרטיק באַמערקט אַז די תורה וואָס דער ראָגאַטשאָווער זאָגט, איז טאַקע חסידישע תורה, זיי זיינען רזי דרזין... (דעם ראָגאַטשאָווער׳ס פאַמיליען נאָמען איז ראָזין). דער ראָגאַטשאָווער האָט אויך געמוזט דורכגיין די אַלע מהדורות וואָס פילע גרויסע געניען זיינען דורכגעגאַנגען. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט איידער מען האָט אים גענומען געהעריק פאַרשטיין און ערלעך אָפּצושאַצן.

מען האָט אָבער ענדלעך אין אים דערקאָנט דעם גאון פון ״הגיון״. זיין לאָגישער אַנאַליז אין דער תורה־וועלט, איז עטוואָס אַנדערש ווי

פון אַנדערע וועלט באַרימטע גאונים. ביי פּילע פון זיי דאַרף מען דורכ־לערנען אַ גאַנצן ענין, און צו געפינען איינציקע גאונישע הגיון ערקלערונ־גען, אָדער תורה חקירות. גאַנץ אַנדערש איז די זאַך ביי דעם ראָגאַטשאָווער. אין יעדע פינף זעקס שורות געפינט מען אַ חקירה פאַראַנקערט אין הגיון.

אין איין ענין, מאַנכע מאָל וואָס ער באַהאַנדלט, איז מעגלעך צו געפינען מער ווי הונדערט חקירות טיף פאַרוואָרצלט אין הגיון (צפנת פענח הלכות תרומות פרק א'). ער האָט געשאַפן אין הונדערטער פלעצער נייע אויסדרוקן. אַן אייגנאַרטיקע טערמינאָלאָגיע, און האָט אַריינגעבראַכט טויזנטער נייע געדאַנקען וועלכע זיינען געווען די פּרוכט פון זיין טיפן אַנאַ־ליטישן דענקונגס מוח. ער לאָזט ניט דורך קיין ענין, זיין אויג פאַרזעט ניט קיין פּלאַץ וואו מען זאָל ניט קענען אָפּטיילן איין זאַך פון דער צווייטער, און אויך געפינען די לאָגישע פאַרוואַנדשאַפט פון איין ענין צום צווייטן. אין שורש זיינען זיינע פילע פאַנאַנדערגעקייטלטע ענינים איינגעקייטלט און געשלאָסן (עיין צפנת פענח חלק א' מנין המצוות להרמב"ם ז"ל). זיינע חקירות זיינען זייער אָפט גאַנץ אידעלע און דינע „דק על דק אין נבדק". עס דוכט זיך אויס אַז ער פירט צו העכערע מאַטעמאַטיק, אָבער עס שוועבלט איבעראַל מיט הגיון...

ווען מען וואָלט אונטערגעזוכט פּסיכאָלאָגיש און געוואָלט פאַרשטיין ווארום האָט דער ראָגאַטשאָווער גאון אַזוי פיל כוחות הנפש דווקא פאַר הגיון פאַרווענדט און ניט צו מעטאָד און אָרגאַניזאַציאָנס פאָרם, וואָלט מען געפונען דעם ענטפער אַז הויפּטזעכלעך איז דער ראָגאַטשאָווער געווען אַן אַב־סטראַקטיווער דענקער „ריינער פאַרנונפט", דאָס הייסט „פאַרנונפט" ניט געמישט מיט וועלכע מאַטעריאַלישע באַגריפן איז געווען זיין אידעאַל... פאָלגליך די וועגן וועלכע פירן צו פּראַקטישע ענדצילן און רעזולטאַטן — פירן אים, ניט צו זיין באַשטרעבטן ברעג...

ניט די הלכה פסוקה זוכט ער אין לערנען, ניט דער "דין" האָלט

זיין גרויסן מוח באַשעפּטיקט. דער „דין״ האָט דאָך שוין אַ פּראַקטישן ווערט. דאָס איז ניט זיין גייסטיקע וועלט. זיין אידעאַל איז צו דערגרונטעווען זיך אין דעם שכל פון די אַלע צענדליקער טויזנטער ענינים, וועלכע זיינען פאַרזייט און וואונדערבאַר פאַרפלאָכטן אין דער גאַנצער תורה שבעל פה.

דער ראָגאַטשאָווער זוכט אין דער תורה די אינטעלעקטועלע אינטימיטעט אַזוי צו זאָגן צווישן ווייט אָפּגעזונדערטע ענינים... און מיט זיין גאונישן "הגיון" געפינט ער וואָס ער זוכט.

יעדע רעפערענץ וואָס ער דייטעט אָן, הגם אויפן ערשטן בליק דוכט זיך אויס אַז דאָס איז בלויז געוואָרפן מיט בקיאות, איז אָבער נאָך טיפן פאַרשן און דענקען אַ הגיון ערקלערונג צום ענין וועלכן ער באַהאַנדלט.

אין זיין געניאַליטעט פילט ער, אַז גאָט האָט אים געגעבן דורכצופירן אַ פונקציע אין לעבן, דאָס „אי משתכפא תורה מישראל אנא מהדרנא לה מפולפולי״. און דער פלפול דאוריתא פון הגיון איז געווען זיין נשמה. דאָס איז „ריינער פאַרנונפט״ אין תורה, דאָס איז אבסטראַקטיוו דענקען, נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען זיך פון דער שווערער פּראַקטישער וועלט באַפרייען. דעם גאַנצן לעבן אין תורה פאַרזעצן, צו וויסן וואָס די תורה זאָגט, און וואָרום זי זאָגט אַזוי איז דאָס גרעסטע גייסטיקע פאַרגעניגן. איז דאָך געשריבן „והגית בה יומם ולילה״.

מיט זיבן יאָר צוריק, ווען איך בין געפאָרן צוריק פון דווינסק נאָכדעם ווי איך האָב דעם ראָגאַטשאָווער גאון באזוכט דאָס לעצטע מאָל, האָב איך געזאָגט צו איינעם פון די גדולי הדור, אויך אַ וועלט באַרימטער גאון, אַז גאָט האָט אונז אַ גרויסע מתנה געגעבן, נאָר מיר זיינען ניט פאַרבערייטעט די מתנה מקבל צו זיין.

מיין הצעה איז דאַן געווען, אַז מען האָט געדאַרפט געפינען אַ צוויי גאונים און אייניקע גרויסע געלערנטע אין חכמת ישראל און זיי

אַוועקזעצן ביי דעם ראָגאַטשאָווער אין הויז. די ערשטע, די גאונים האָבן געדאַרפט פאַרשרייבן זייערע תורה געדאַנקען. דער ראָגאַטשאָווער זצ״ל האָט אין געשפּרעך געהאַט אַ וואונדערבאַרע הסברה. דער וואָס האָט אים געקאָנט נאָכהאַלטן, צי בלויז פאַר אַ פּאָר מינוטן, צי פאַר אַ שעה צייט, האָ זיינע ווערטער, זיינע לאָגישע אַנאַליישע דערקלערונגען פשוט גע־שלונגען. ער איז געווען אַ קוואַל וואו יעדער מענטש, הצמא לדבר ה׳ איז דערפרישט געוואָרן. ווען מען וואָלט דייטלעך און אויספירבאַר פאַרשריבן אַמווייניקסטנס אַ קליינעם טייל פון זיינע „הגיונ׳דיקע חדושים״. וואָלט אונזער תורה ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן מיט צענדליקע, אומשעצ־באַרע ספרים.

די צווייטע קלאַס געלערנטע אין חכמת ישראל וואָלטן געקענט פון אים שעפּן פאַרשידענע ידיעות וועלכע עס איז אונמעגלעך אויסצורעכענען. מען האָט געקענט מיט אים נייע קאָלאָסאַלע ווערק שאַפן אויפן געביט פון היסטאָרישע פאָרשונגען אין אַלע ריכטונגען. מיר האָבן דורכגעלאָזן אַ געלעגנהייט וואָס קומט איין מאָל אין אַ פאָר הונדערט יאָר. „חבל על דאבדין״, איז יעצט אַ וויי געשריי ניט בלויז אויף דעם גרויסן גאון, דעם נפטר, נאָר אויך אויף אונז אַליין. וויי! וויי! מיר האָבן פאַרלוירן אַזאַ גרויסע ווערטפולע געלעגנהייט...

עס ווילט זיך האָפן, אַז עס וועט ווען עס איז אַ גדול בתורה נעמען אויף זיך די גרויסע אַרבעט און אויסקלייבן די טויזנטע פערל וועלכע זיינען אין זיין ספר פאַרשפּרייט, די פערל וועלכע האָבן אַזוי זיין מוח באַצירט און האָבן דאָס גאונישע קרוין פון הגיון אויף זיין וואונדערבאַרע קאָפּ אַרויפגעזעצט.

אויך אין הגיון איז דער ראָגאַטשאָווער געווען א גאון—חד בדרא.

העבּרעאישע אָפּטיילונג

הרמב״ם „רבנו״ ההיסטורי של ישראל

רק אותו האדם הוא גאון אמתי מוכר, מי שהוא מורה לדורות. גאוני העולם האמתיים היו תמיד המפרשים והמגלים של הסודות הגדולים הטמונים והגנוזים בחיק היצירה, העלוטים במאה צעיפים והנסתרים מן העין הרגילה.

הקוסמוס הוא בכלל ספר סתום וגנוז והטבע מלא סתירות. הגאונים הגדולים הזוכים להשראת השכינה הם מפרשים — מפרשי העולם. על ידי האור הגנוז הניתן להם במתנה הם רואים את ההרמוניה התמידית החודרת בכל הופעות הטבע והשלטת בכל העצמים והתופעות.

אבקלידס היה המפרש הגדול של הקוים; יצחק ניוטון היה המפרש הגדול של החלוק הדיפראנציאלי ושל נענועי האור. התוכן המפורסם טיכא בראהא קרב את הכוכבים אלינו ופתח את סודותיהם לנו. מעולם לא היה גאון אמתי גאוותן ואנוכיי. הגאון תמיד מאציל מחכמתו על בני דורו הפשוטים. גאונותו השופעת אור שולחת קרנים גם לבני דורו מעוטי השכל בכדי שגם הם יזכו לתפוש קצת מיופי היקום, אשר הוא כספר החתום לבני בשר ודם הפשוטים. ואנחנו האנשים הפשוטים אף על פי שאין אנחנו מגיעים אפילו לקרסוליהם של הגאונים הענקים ואנחנו רחוקים מהם כרחוק מזרח ממערב, אנחנו מרגישים קורבה רוחנית אליהם. אנחנו

מתחממים לא רק לאורם הזורח כמו שפרחים פשוטים עדינים מתחממים לאור השמש. כוח מסתורי מאחד את הפרחים הנובלים והנרמסים עם השמש. הם נמשכים אליה בהכנעה. הם פותחים לעתים קרובות לפני השמש את לבותיהם ומרגישים את עצמם יותר חזקים בנוכחותה. האנשים הפשוטים מוצאים נחמה ותקוה בנוכחותם של אנשים גדולים. האנשים הפשוטים חייהם מתמלאים עוז, גוון ותוכן כאשר הם מכירים את המחשבות הרמות של האנשים הגדולים. בגאון קורא אז האיש הפשוט: אכן אתה רואה, גם לי התווה הגאון דרך, גם לי נתן מפתחות לפתיח בהם פתח קטן להיכל החכמה. הוא היה גם רבי ולמדתי תורה מפיו. האדם הגדול אשר אלקים יעד אותו למנהיג של דורות, להיות עמוד האש של עמנו במשך שמונה מאות שנים ולהאיר את המוחות של מליוני אנשים הוא תמיד אישיות כבירה, אישיות מגנטית בעלת אופי זך וטהור ונשמה קדושה, איש הרוח אשר משכמו ומעלה גבוה הוא מכל האנשים בני דורו. אדם בעל מוח בהיר ושכל זך, עינים החודרות כל דבר ולב מרגיש כל דבר, אדם היכול להתגבר על היצרים והתאוות ורוח השואפת להדבק בנצחיות. כן, רק איש בעל תכונות כאלה נבחר להיות הרבי של מליוני אנשים. השררה הרוחנית שלו נמשכת מאות שנים. הדורות הבאים מכתירים אותו בתואר רבנו.

מנהיג מסוג זה אשר ההשגחה העליונה בחרה בו שיהיה לרבו ומורו של דורו וגם של הדורות הבאים היה הרמב"ם ז"ל. מקומו המרכזי בתולדות עם ישראל הוא כרבי ומורה. הוא היה המלמד של דורות. הוא לימד את העם הרבה דברים ומשנתו היתה קב ונקי. כל העם הקשיב לדברין בפה פעור ובנשימה עצורה. היהודים הכירו ברמב"ם ז"ל אישיות יוצאת מן הכלל, איש השמים אשר הקב"ה מסר לו את המפתחות לשערים המצויינים בהלכה ולשערים של היכלות החכמה. ברמב"ם הם הכירו את האדם המושלם, צאצא של המורה הגדול הראשון משה רבנו ע"ה.

לא בכדי אמר עליו ר' ישראל ברי' יוסף הישראלי, אחיו של יצחק

הישראלי בעל „יסוד עולם" אשר רבו הרא"ש העריך כבעל חשבון גדול ובקש ממנו שיברר לו משנה אחת במסכת כלאים אשר גדולי הראשונים חלקו בביאורה שביאורו של הרמב"ם של המשנה הזו הוא הנכון והרא"ש הוסיף „והן הן הדברים שנאמרו למשה בסיני" (עיין כסף משנה, משנה תורה, הלכות כלאים, פרק ו', הלכה א').

הרמב"ם היה לא רק רבם של אלה אשר הסכימו אתו כ"א גם של אלה אשר חלקו עליו. גם את רוחם הוא העשיר ועורר למחשבה. גם עבורם הוא היה כוח דינאמי והכניס אותם אל ספירות רוחניות חדשות מבלי להתחשב בזה אם זה היה לפי רוחם וטעמם או לא.

בכל דבר חדש אשר אחד מלמד את חברו הוא נעשה לרבו וחז"ל אמרו הלומד מחברו אפילו דבור אחד או אפילו אות אחת צריך לנהוג בו כבוד (אבות פרק ו', ג') מפני שהוא נקרא רבו.

לא היתה ליהודים משרת כבוד יותר חשובה מאשר התואר מורנו הגדול. הוראת התורה, המלמדות, היא התפקיד הקדוש ביותר אצלנו.

לא בכדי מברך כל יהודי בכל בוקר את יוצר העולם בברכה „המלמד תורה לעמו ישראל".

לא לכל אדם יש ההכשרה וזכות להחשב כמורה של עמנו, העם ההיסטורי. יכול אדם להיות מלומד גדול, יכול אדם לשאת על שכמו ראש מלא וגדוש בידיעות, הוא יכול להיות המסוגל לענות על כל השאלות אשר ישאלו אותו ואף על פי כן הוא איננו המורה לדורות. מורה העם מוכרח להיות לא רק בעל ידיעות גדולות ומקיפות, בעל יושר רוחני דורש אמת ובעל מעוף הרוח. הוא מוכרח כמו כן להיות מזוין נוסף על כוחות הנפש אלה גם במדה גדולה של אינטויציה, בחוש לאמתיות ובכוח הבנה אנושי ובמדות אשר רק יחידי סגולה זוכים להן. רק בעל סגולות כאלה יכול לחדש דברים אשר אחרים אינם שמים לב להם. זאת היא ההארה האלקית אשר בה האדם מכיר לא רק את ההופעות החיצווניות, את הקליפות של הדברים

כ"א הוא מעמיק לחדור עמוק עמוק אל הפנימיות של כל דבר. הוא רואה לא רק את הגוף של הדבר כ"א הוא משיג כמו כן את הנשמה של כל דבר. כאשר אדם מכיר את הנשמה של העצמים הוא מקבל מושג חדש מהם, מושג שלא היה לו לפני זה. כאשר האדם חודר אל ההוויה הפנימית של הדברים אשר הוא רואה הוא משיג את יחסי הקורבה והשותפות ביניהם. אין הוא רואה יותר שברי דברים לפני עיניו כ"א שלמות הרמונית, צורות נפלאות, תכנים עשירי הרמוניה ושלמות המקשרים את הענינים המפוזרים ועושות מהן כללים חזקים ומקושרים יחד.

הפילוסופים הגדולים לא הסתפקו רק בחקירת העולם הפיסי לבד. הם העמיסו על שכמיהם את המשא של חקירת מה שמעל לטבע, את המטאפיסיקה. השכל הפועל באיש דחף את הרמב"ם לקרוע חלון לעולם הנסתר ללמוד את הסודות המכשפים את האדם ואשר אינם ניתנים להבאר ע"י השכל הקר וע"י השיטה האנאליטית. הרציונאליסמוס הוא בלי אונים. רק האינטואיציה נותנת לגאונים את הכוח לחדור אל הסודות הנצחיים של העולם.

אנחנו יודעים מפי איינשטיין הגדול שלנו שהרבה פעמים הוא משיג דברים לפני זה ששכלו הטהור ומחקריו המדעיים אשרו אותם. לא שהוא מבין את האמתיות האלה כ"א הוא משיג אותן ומרגיש אותן.

הרמב"ם נוסף על כשרונותיו הגדולים והגאוניים היה מחונן גם באינטואיציה יותר משאר אנשים. כוחות הנפש שלו הם הם שעשו אותו למורה לדורות לתקופה בת מאות שנה. רק הערכה נכונה של כוחות נפשו של הרמב"ם נותנת לנו את האפשרות להשיג את היסודות הרוחניים של איש הפלא הזה, את איש הרוח של הדורות, את תפיסתו העמוקה של התורה שבכתב ושל התורה שבעל פה, את חדירותו אל תוך כל הפנות של הבלשנות העברית, את באוריו של תארי ד', את הרחקת הגשמיות, את השקפתו התיאולוגית על העולם, את השקפתו על בריאת העולם שהוא איננו קדמון

להיפך מהשקפתו של אריסטו, את הסינטיזה הנפלאת שלו בין האמונה והפילוסופיה, את הוכחותיו שלאדם יש בחירה חפשית למרות שד' יודע את כל מעשי האדם ומחשבותיו עובר לעשיתם.

אנו מעריכים את גדולתו של הרמב"ם גם בזה שהוא הדגיש את כבוד האדם ואת שאיפתו להדבק בנצחיות אשר הוא העמיד במרכז של מחשבת האדם.

את כל זה אפשר להבין אך ורק כאשר משיגים את כוחות הנפש המיוחדים שהיו לרמב"ם. לא הודות למוחו החריף והגאוני הוא נעשה לרבנן ומרנן של כל הדורות. האינטואיציה הגאונית שבו עשתה אותו ל"רבנו" ההיסטורי של עם ישראל.

(תרגום מאידית. דער אידישער קוריער, 7 באפריל, 1935).

הרב אברהם יצחק הכהן קוק זצ"ל – מרנן לדורות

צמאה נפשי לאלקים (תהלים מ"ב ג')

אין מטרת המאמר הזה לתת הערכה ממצה ומקיפה על הרב קוק זצ"ל אשר בהסתלקותו אבד לעולם היהודי גאון וצדיק, איש הרוח בעל נפש דתית עמוקה ואישיות עלאית.

אנחנו קרובים יותר מדי לזמנו בכדי שנוכל להבין ולהעריך כראוי את כוחות נפשו הגדולים, את צדקיותו ואת אישיותו. כל גאון וצדיק, מקומו הראוי לו בהיסטוריה גדל יחד עם ההיסטוריה. הערכה נכונה וצודקת של הגאון באה רק אחרי רבות בשנים, אחרי זה שההיסטוריה פארה כבר את קברו של הגאון במצבה ההולמת אותו. לא רק קרבן הוא פסול אם הוא מחוסר זמן כ"א אנשים אשר הם במדרגת כוכבים נוצצים. לא בכדי כתב עליהם משורר אמריקני מפורסם: ידיעת האדם גוררת לפעמים אחריה אי־הכרת ערכו.

הרב קוק זצ"ל היה מאותם היחידים הנפלאים אשר ההיסטוריה מקשטת אותם בכתרים נפלאים אמתיים וגם מדומים — גם לאחרונים שרשים במציאות.

מסיבה זו א״א לשום איש יהיה מי שיהיה, אפילו גדולים וטובים ממני לתת כבר עכשיו על קברו הרענן הערכה נכונה של שר התורה הזה.

במאמר זה אני מתכוון רק להבליט קו מזהיר אחד של נשמתו הגדולה, הקו אשר עשה אותו לשר בעולם התורה שלנו וגם אצל הרבה יהודים הרחוקים מן התורה, הקו אשר הוקיר את דבריו אצל חלק של העם, הקו אשר עשה אותו למנהיג במובן הרגיל של אותה המלה.

במאמרי זה כוונתי היא להראות בדרך רמז על הרעיון המרכזי העובר כחוט השני דרך כל כתבי ידו הקדושה. הרעיון המרכזי הוא־כמיהת הנפש לאלקים. הנפש הנעלה של אביר רוחני זה מחפשת את אלקים בכל דבר, מחפשת ומוצאת אותו וצמאונו לדבר ד׳ הולך וגדול.

כמיה לדרישת אלקים של יחידי סגולה ונשמות עלאיות אשר תעו לעולם התוהו שלנו מעולמות מסתרים רחוקים אשר מעולם לא לכלכו את כנפיהם הטהורות בעפר האדמה הטמאה, אשר כל ימי חייהם נשמותיהם שאפו להתחבר עם המעיין הקדוש ורוחות עלאים אשר ראו ביקום כולו את יד ד׳ היוצרת וכל ההופעות בקוסמוס מדברות אליהם בשפת ד׳ ההרמונית. משמיעים ביראה יחד בקול דברי אלקים חיים. הסגולה הזאת של דרישת אלקים ניתנת במתנה רק ליחידי סגולה נבחרים במספר דורות.

הנבחר של דורנו היה הרב קוק זצ״ל. לו נתנה ההשגחה העליונה נשמה יתרה, נשמה שאין ערוך לה. נשמה אשר תמיד נמשכה לקרני אור ד׳ השופע בעולם הפיסי שלנו וגם בעולם העליון.

אין זה מקרה — כותב הרב קוק זצ״ל במאמרו ערפלי טוהר — כ״א תמצית הוויתי הפנימית שאני מוצא ספוק ועונג רוחני ושלוה נפשית רק בתורה. כל הענינים אשר אני לומד הם רק אמצעי להבנת התורה. אור האלקים המאיר את נשמתי מגלה לי תמיד את ישותי, קיומנו הזמני הוא ניצוץ של הנצחיות האלקית ובידינו להוציא את סגולותיו הפנימיות מן הכח אל הפועל ורק במדה זו עד כמה שהן פהרמוניה עם הערכים התמידיים של ד׳.

כמו כל אנשי המסתורין הגדולים שומע הרב קוק זצ״ל בטבע את קול ד׳. אין הטבע יצירה דוממה ואין אנשים רעים בתכלית הרע בעולם. כל דבר, כל יציר הם גלויו של הקב״ה. רשע הוא רק זה אשר אור ד׳ השופע תמיד ליציריו נפסק בו לרגע אבל אפשר לאחות את הקרע ולתקן את הקשר עם ד׳ על ידי אורות התשובה הרוחניים, כל סבלות העולם וביחוד העינויים הנפשיים סיבתם בזה שחסרה לנו ההכנה המתאימה להתעמק בגדלות השם יתברך. (התרבות הישראלית).

היינו נעשים פרוזאים חמריים וחסרי תוכן באופן נורא כאשר רוח שירת ד׳ מסתלק מהם. צמאה נפשי לאלקים.

הרבה נכתב על אהבתו הגדולה של הרב קוק זצ״ל, אהבה אשר הוא נשא בחובו לעם ישראל ולארץ ישראל. אהבה שאין כדוגמתא. רק אדם גדול כהרב קוק יכול היה לכתוב בתעודת ישראל ולאומיותו שאהבתו לעם ישראל ולארץ ישראל היא גדולה מאהבת אבות לבנים. אהבתו לארץ ישראל היתה אהבה בלי מצרים ובלי תנאים. המושגים עם וארץ אשר עפ״י השקפת הרב קוק צריכים הם להשלים אחד את השני אינם חילוניים אצלו. המושגים האלה יכולים להיות חילוניים אצל עמים אחרים אבל לא באלה חלק יעקב.

האומה הישראלית „זרע אברהם אוהבי" רכזה במשך דורות את כל מאווייה לאהבת השם. הפיסיוגנומיה הרוחנית היהודית משתקפת בדבר ד׳, בתורה אשר חוקיה — שירה ומצוותיה — קרני ד׳ השופעות מתוך האין־סוף. ואת התורה נתן ד׳ לעם סגולתו לרוח אוניברסלי ומוסרי לכל העמים ולכל הדורות. היהודים לעולם לא יוותרו על המתנה האלקית הזאת. קיומו הנצחי של עם ישראל חתום בתורה. זהו הרעיון הנשגב של הרמב״ם באגרת תימן: „זאת התורה לא ימלט איש מבני יעקב לעולם... ירצו או לא ירצו". הרעיון הזה של הרמב״ם חוזר ועובר דרך רוב כתבי הרב קוק זצ״ל למרות שהוא נותן לרעיון הנ״ל הסברים אחרים.

רעיונותיו על נצחיות התורה ונצחיות ישראל מבוססים על ההשקפה שהשם יתברך יוצר העולם לא יחריב את יצירתו לא את זו החמרית ולא את זו הרוחנית. היצירה הרוחנית של הקב"ה מבוססת על התורה הקדושה, על האידיות שלה ועל חוקיה. גם לעמים אחרים מגיעות קרני ד' אבל חסרה להם התגלות השם. הוא התגלה רק לעם ישראל על ידי התורה. השומרים הנצחיים של המתנה הסגולה הזאת הם בני ישראל. להם נמסר התפקיד הקדוש של שמירת התורה, רק בנשמותיהם חבויה כמיה ודרישה כוללת לד'.

לנשמת האומה של עם ישראל לעולם לא יאבדו ערכיה הקדושים, הנשמה העממית רוצה להתחבר עם האין־סוף. צמאה נפשי לאלקים.

ארץ ישראל היא אישון עינו של הרב. דם תמצית של לבו. אבל אהבתו לא"י היא מסוג אחר מזה של מנהיגים ציוניים אחרים. רבים מאלה האחרונים יסלחו לי אם אומר שלעתים קרובות אהבתם היא מלאכותית בלתי טבעית, הנוסח של נאומיהם הוא יותר מדי עפ"י פזמון שבלוני ידוע, דבריהם מלוטשים יותר מדי והטון הוא חילוני. ואין להשתומם על זה.

כאשר ארץ ישראל פושטת את בגדי הקודש שלה היא מתערטלת מחינה האלקי. כאשר מודדים את ארץ ישראל בקילומטרים היא ארץ קטנה. כאשר שוקלים אותה באבני ברזל היא פוסקת מלהיות יחסנית. לארצות אחרות יתרון עליה.

מפני זה שמדובר כל כך הרבה על ארץ ישראל מנקודת השקפה של תועלת חמרית לעם ישראל היא לא הפסיקה להדליק את אש האלקים בכל הלבבות של היהודים כמו שצריך היה להיות וכמו שאנחנו מקוים שיהיה בקרוב. אחד נשאר נאמן לנוסח הקדוש של הנביאים בדברם על ארץ ישראל. בלב אחד נשארה דולקת אותה האש הקדושה של שפת הנביאים, של שפת האידיאלים הנצחיים ואותו היחיד בדורנו היה הרב קוק, זצ"ל.

אותו לא השביעה רצון אפילו תכנית המזרחי „ארץ ישראל לעם ישראל על פי תורת ישראל". הרב קוק חיפש ספירות יותר נעלמות. צנורות

יותר קדושים בכדי לחזק בהם את אהבתו לארץ ישראל. הוא כתב במבואו לספרו שבת הארץ: קיום ישוב ארץ ישראל הוא לדורות וע"י התחזקות ישוב ארץ ישראל תשבנה לנו כל החמודות הקדושות כלן וכל המצות התלוית בארץ בכללן... נמצא שיש מצות ישיבת ארץ ישראל והמחמיר בזה יותר המדה... הריהו נוגע בנחלת ד', מונע צמיחת קרן ישועת ישראל מבטל מישראל את המצוה העליונה והקדושה של ישיבת ארץ ישראל השקולה ככל המצוה כולן".

בהרבה מכתבים ומאמרים הוא מביע את הרעיון הנשגב שרק א"י מסוגלה לנבואה ושרק ארץ ישראל היא הכלי אשר עליו מנגנת השכינה את הסימפוניות שלה הקדשות. רק הארץ הזאת ספגה לתוכה את קרני ד', רק בארץ ישראל כל יער ועמק נושאים בחובם את סוד שירת אלקים. כל נהר אומר שירה לד' ומשפיע על לב האדם לחפש אחרי סודות ד' הזרועים בין כוכבי מעלה.

רק א"י גדלה נביאים אשר ראו מראש את העתיד הרחוק והאמינו שבידי הארץ המפתחות לפתור את כל הפרובלימות של האנושיות „ונהרו אליו כל הגוים והלכו עמים רבים ואמרו לכו ונלכה אל הר ד'".

אם ציון היא יקרה בעינינו, ירושלים עולה עליה בקדושתה. ירושלים דלמטה היא כעין ירושלים דלמעלה. השכינה יושבת ומחכה לשיבת בניה. מעולם לא זזה שכינה מכתל מערבי.

בארצות אחרות אין למצוא את השכינה. הטומאה מקוננת בהן. הרציחה היא כלי מכירותיהם של עמים אחרים. נביאים לא הוציאו ולא יוציאו. האנשים שלהם אינם מבקשים את דבר ד'. הם בורחים מפניו.

רק עם אחד הוציא נביאים ורק ארץ ישראל זכתה לנבואה. אותה הארץ היא ארץ ישראל. הארץ הזאת — פניה לד' וכל הר בה קורא את האנשים לתשובה.

א״י יקרה לנו מפני שהיא קדושה. בה נשמע תמיד את קול ד׳. צמאה נפשי לאלקים.

רעיונותיו של הרב קוק ז״ל לא כולם הם חדשים לנו. הם חלק של ירושתנו המסורתית. אבל האיש אשר הביע אותם הוא חדש. הוא חדש מפני שתקופתנו היא תקופה חמרנית. בתקופתנו מדברים אנשים על ענינים ממשים ומעשיים, „כל מחמדיהם נתנו באוכל״. הלשון הדיפלומטית דוחקת את רגלי שפת הנבואה. בדור הרודף אחרי לחם ותענוגים איש הצמא לד׳ הוא תופעה נדירה. וראה זה פלא. אפילו בדורנו הכירו באיש הפלאים הלזה כי איש קדוש הוא. והרבה לבבות רעדו כאשר שמעו את קולו. גם בדורנו היו הרבה אנשים בלבותיהם הוא נטע רגשות קדושים ועשה את חייהם קודש. הם צמאים לאלקים, גדולה היא השפעת קדושים. לקדושים אשר בארץ המה. אנשי הפלאות הם כמזבח. כל הנוגע בהם יקדש.

(תרגום מאידית, דער אידישער קוריער, שיקאגו, 1 בספטמבר, 1935)

החפץ חיים זצ"ל - מופת דורנו

(לשלשים של פטירתו)

הדבר הקשה ביותר בחיי האדם הוא להשתחרר מן השפעת הסביבה בה הוא חי ולהתעלות עליה. שחרור מכבלי הסביבה משמעו לחרוג ממסגרות הזמן והמקום, דבר אשר השכל האנושי איננו יכול להשיג.

העולם אוסר את האדם בשלשלאות של ברזל אל יצריו ותאוותיו. בו ברגע שהוא מכיר את הברואים והעצמים ביניהם הוא חי העולם מחזיק אותו כבול. האדם הוא עבד כבול כל ימי חייו.

רק ליחידים, גאוני המוסר המאירים ככוכבים בספירות המוסריות העליונות ניתנת הזכות, יותר נכון, הם לוקחים להם את הזכות לחרוג ממסגרות הזמן והמקום, להתרומם בכנפי נשרים מעל לעולם בו הם חיים ומתנועעים. הם בונים לעצמם עולם מיוחד, לא של עצמים ארציים חמריים כ"א של טל השמים, עולם היונק חום מקרני אור ד' ואור מאור התורה.

אחד מאבירי המוסר האלה, גבור אשר בידיו הוא הכניע את כל תאוותיו והמריא למעלה ובנה לו שם ארמון של מוסר משלו היה החפץ חיים זצ"ל.

וראה זה פלא. דוקא דורנו אנו, דור המלא על כל גדותיו שקר, דור מלא גאווה מנפחת ואוולת, דור חמרני שלא היה כמוהו, דור זה הוציא

מתוכו את אותו האיש, את הגאון של המוסר היהודי. ופלא עוד יותר גדול הוא שאנשי דורו עמדו על טיבו והכירו בו את האיש הגדול. הם הציצו לתוך נשמתו העמוקה וברטט הזכירו את שמו. כמה גדול הוא היה הרוח האנושי והמוסרי של היהודי החלש והזקן הזה מראדין אשר משל על רבבות של חסידיו. האיש אשר ברח כל ימי חייו משררה וממנהיגות נעשה למנהיגם של אלפים ורבבות של יהודים. הוא ניהג אותם ביד עדינה ובקול של בת קול של דממה דקה.

על המאמינים הגדולים בתורת החמרנות (מאטריאליסם בלע"ז) והמשוכנעים שהחומר הוא הכוח המושך היחידי בהיסטוריה, עליהם ללמוד פרקים אחדים מחייו של החפץ חיים. אז ישיגו שלרוח גדול יש כוח גדול משלו היוצר ערכים לעולמי עד, אשר שן הזמן אינה יכולה לשלוט בהם. תקופה בה אנו חיים, תקופה קשה, מרה, ומלאה פורעניות לא יכלה לעכל את הענק הזה, צדיק דורנו. ברצונו החזק, כן אך ורק ברצונו התוה דרך מיוחדת אשר רק אנשים אשר הגיעו לשיא המוסרי מסוגלים ללכת בה, והדרך אשר החפץ־חיים בחר ללכת בה היתה דרך מלאה מעקשים, דרך אשר שמה מכשולים אפילו על נשמות נעלות לגעת לשלמות. זהו דרך טבעי שהאדם יראה רק את מעלותיו הוא ואת חסרונות זולתו, לראות רק את כשרונותיו הוא ואת חולשותיו של הזולת, להוכיח את חברו על חסרונותיו ולשיר שבחים לעצמו על מעשיו הטובים. אלה הן חולשות אנושיות אשר אפילו יחידי סגולה אינם יכולים להשתחרר מהן לגמרי. האדם מיום הולדו רואה את עצמו עומד על ראש הר את בני דורו הוא סוקר כבריות קטנות הזוחלות בעמק. החפץ־חיים החליף את העמדות של ה„אני" ושל האחרים. הוא ידע להעריך את מעלותיהם של האחרים באוביקטביות כנה ובדיקנות מתימטית. הוא בלש וניתח את עצמו אולי ימצא בתוך נשמתו באיזו פנה נסתרה חסרון אנושי משלו.

החפץ־חיים זצ"ל חיבר ספרים המלמדים איך לעבוד את הבורא, איך לחיות חיים מוסריים ואיך להשתלם השתלמות מוסרית.

כל שורה מה שכתב בספריו הוא השתדל להגשים בחייו הפרטיים. הוא בעצמו היה ספר חי. הוא ידע שלא כל דבר אפשר להעלות על הנייר. גם על ספריו—הוא הרגיש—יש להוסיף תורה שבעל פה ושיש לדון את האדם לפנים משורת הדין.

והמחבר בחייו עולה אל כל ספריו ועל כל הענינים אשר הוא דן בהם באהבת התורה ביראה ובקדושה.

אהבה אחת היתה לו וזו היתה התורה, התורה היא המתנה הגדולה אשר בורא העולם, הקב"ה נתן לעמו ישראל. באהבתו הגדולה לתורה הוא חיפש אחרי הרעיונות הנשגבים אשר הקב"ה הסתיר בין השטין שלה, רעיונות של האין סוף. כל מצוה קשטה את עצמה בזר של הדורים, יתכן שלא כל כך קשה לשמור את המצוה של תפליו ולא כל כך קשה שלא לעבור על הלאו של אכילת מאכלים אסורות אבל כמה כבד הוא המשא וכמה קשה הוא להגשים בחיים ולהזהר מן הלאו של לא תלך רכיל, על הדורים שלו יחד עם הפירושים המוסריים השונים.

„לא תרצח" הוא מן הלאוין אשר כל אחד יכול להיות זהיר בהם שלא לעבור עליהם. כאשר רק אין תוקעים סכין בלב חברו אין עוברים על הלאו של „לא תרצח", אבל כמה קשה להזהר שלא לעבור על הלאו הזה כאשר מרחיבים את מובנו. עלבון הזולת הוא עפ"י החז"ל חטא דומה לשפיכת דמים. המעליב את חברו נקרא „מלבין פני חברו" מפני שצבע פני הנעלב נהפך לבן ואם הלבנת פני חבר הוא חטא גדול אז גם הצבעה באסיפה עבור מועמד ידוע גם כן אסורה. המועמד אשר מקבל רוב קולות הוא אמנם מאושר אבל הנכשל נעלב ודמו נשפך. יושב ע"כ החפץ חיים באסיפות, משתתף בוכוחים אבל אינו לוקח חבל בהצבעות. בשעת ההצבעה הוא עוזב את האסיפות. הוא איננו רוצה לתת יד לשפיכת דמיהם של אלו אשר יכשלו בבחירות.

החפץ־חיים איננו משתתף בהצבעות. הוא יושב שקוע ברעיונות

ומעיניו נוצצת להבת אש קטנה, להבה של אהבת האדם וכבוד האדם. כל הנאספים מכוונים את מבטיהם כלפיו, הם מסתכלים בעיניו כאלו רצו לגלות בהן את סודותיו.

אבל אף על פי שהוא איננו משתתף באסיפות ובועידות הוא נשאר המנהיג הגדול של היהדות האורטדוקסית באירופה, הגאונים ומנהיגי הדור מכניעים לפניו את ראשיהם ביראת הכבוד והם שותים בצמא את דבריו הספורים ונובעים מנשמתו הגדולה. גדולי הדור עומדים באזנים קשובות לפניו ושותקים. הוא קדוש בעיניהם וכל דבר שהוא מוציא מפיו הוא קדש. כל דבר הוא דבר אמת.

מכל המדות הטובות אשר החפץ־חיים הצטיין בהן, המדה של אמת השיגה אצלו את שיאה. אמת טהורה, אמת בראשית לא אמת מלאכותית ולא אמת מקושטת היה האידיאל שלו.

הדבר הקשה ביותר לאדם הוא לשמור על האמת. החיים מלאים על גדותיהם בעיות שונות. הבעיות תלויות בנסיבות, באנשים, בידידים בחברים לדעת. על פי רוב האנשים מתאימים את האמת התלויה בכל אותן הסיבות אל המצב. האנשים מקצרים ומאריכים את האמת כרצונם. האמת ניתנת יותר להמתח מאשר שאר המדות שבאדם. האמת מרחפת באויר, עושה קידות לכל עבר ונשאר למרות הכל „אמת". לא, לא זאת היא האמת של החפץ־חיים. האמת שלו היא יסודית ומקורית כאלו זה עכשיו ירדה מן השמים ועוד הספיקה ללכלך את כנפיה בעפר האדמה הטמאה. הוא טוה אותה ממחשבתו הוא. תמיד רחפו לפניו דברי חז"ל: חותמו של הקב"ה אמת.

כאשר מתוכחים חסידים בורשה על שאלה ידועה והם אינם יודעים על מי לסמוך ויש צורך באחד היודע את סוד האמת וקשה למצוא כזה בדורנו והחפץ־חיים הוא היחידי אשר בבית גנזיו של נשמתו נמצאת

האמת בטהרה כמיום הולדה אז מחליטים החסידים שרק הוא „המתנגד" יפתור את שאלתם.

האיש הנפלא הזה אשר בילה את כל ימי חייו בלטוש אפיו ידע את העולם ואת האנשים יחד עם חולשותיהם, את הפסיכולוגיה שלהם ואת נטיותיהם לרמאות ולאנוכיות. היה לו לחפץ־חיים חוש מיוחד להרגיש בחסרונות על החיים הצבוריים שלנו.

החפץ חיים הרגיש בתכלית ההרגש שרק התורה שלנו יכולה להציל את האדם שלא יטבע במצולות היצרים והתאוות. התורה היא הגשר אשר בורא העולם בנה כדי שהאדם יוכל להתקרב אליו ולעמוד לפניו .

התורה — הוא לימד — הכתירה את האדם בכבוד והעמידה אותו במרכז העולם מעל למסיבות.

האדם — הוא לימד — נברא בצלם ובדמות של הקב"ה, הוא נושא בחובו דבר מה מן האין־סוף. במעשיו הטובים הוא מתקן עולמות ובמעשיו הרעים הוא משבר אותם. או לאיש הגורם חורבן לעצמו. שומר התורה זוכה לבטחון עצמו ומבטיח את קיום העולם לו ולשאר בני אדם.

התורה היא עפ"י החפץ־חיים אמצעי לקרב את האדם אל הקב"ה. ע"י אהבת האדם האין־סופית שקיננה בלבו היתה לו גם יראת שמים אין־סופית.

החפץ־חיים לא פחד מפני פגישה עם אלקים. רק הצער של אבידת אלקים מילא את לבבו.

האסון הגדול ביותר — הוא לימד את בני דורו — הוא להשאר בלי אלקים. בני דורו העריצו אותו על תורתו, על אדיקותו האמתית, על

האידיאלים האלקיים שלו. הם חיבבו אותו על האמת הזכה והחמה שלו. על הענוה הכנה והבלתי מלאכותית שבו הצטיין ועל אהבת ישראל שבו שלו ידעה גבול.

